STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08382

IN UMRUIKE TSAYTN

Falik Lerner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַליק לערנער

אין אומרויקע צייטן

שער־בלאַט געצייכנט: משה פייגנבלום

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
FALIC LERNER - Buenos Aires

FALIC LERNER

IN UMRUIKE TZAITN

(EN TIEMPOS AGITADOS)

●

BUENOS AIRES, 1953

פאליק לערנער

אין אומרויקע צייטן

(ד ע ר צ יי ל ו נ ג ע ן)

*

בוענאָס איירעס, 1953 — ה'תשי"ג

אינהאַלט

	זייט
אין אומרויִקע צייטן	7
אייגענע ערד	61
פרעמדע קינדער	77
צער פון אַ מיידל	85
אָן אַ גלויבן	95
ייִדישקייט	105
מאָלדאַוואַנעס	115
אין דער פרעמד	127
אַ גרינע	151
דאָס מעשענע שילדל	157
אָסט־ייִדן	163
דער בלומען־קראַנץ	169
אַ דייטש	175
נאָך דער פאַרפלייצונג	181
דער זילבערנער לעפל	189
אויף נייע וועגן	197

אין אומרויקע צייטן

די וואַרשטאַטן פונעם ווערפט געפינען זיך אויף אַן אָנשיט ביים ברעג פונעם טייך פּאַראַנאַ. זיי שטייען אַזוי נאָענט פונעם וואַסער, אַז דער טייך, ווען ער קומט צו, געפינט זיך בסך־הכל אַ פּאָר מעטער פון דער שמידעריי. די שמיד־געהילפן, וואָס עסן בגנבה מאַראַנצן אינמיטן דער אַרבעט, וואַרפן די שאָלעכץ גלייך אין וואַסער אַריין. דער הויפּט־שמיד, אַן אַלטער איטאַליענער, וואָס האָט געדויכערט שטאַרקע ציגאַרן און אַ סך געשפּיגן, פלעגט ליב האָבן צו שפּייען גלייך אין טייך אַריין דורך די אויסגעזעצטע שויבן. ווען ס'איז אַ שיינער זוניקער טאָג, זעט מען דורכן פענצטער אין די מיליאָנען קליינינקע פישעלעך, וואָס האַווען און יאָגן זיך אונטערן סאַמע וואַסער־שפּיגל און זוכן אויף דער אויבערפלאַך עפּעס צום שלינגען. די אַרבעטער פלעגן ליב האָבן צוצוואַרפן זיי ברעקלעך און צוקוקן ווי זיי רייסן זיך אַרום איבער זיי. אין די פרימאָרגנס טיילט דער טייך אויס פון זיך אַ קילקייט, וואָס שמעקט און דערמאָנט אינעם ריח פון צעשניטענע אַרבוזעס. אין די זומערדיקע פרימאָרגנס פלעגן די אַרבעטער, ווען זיי זענען זיך צונויפגעקומען, אויסנוצן די צען מינוט וואָס האָבן געפעלט אָנצוהייבן די אַרבעט און קוקן אויפן טייך, וואָס באַהויכט מיט אַ פרימאָרגנדיקן דורכזיכטיקן נעפּל, גרייט ער זיך אויפצונעמען די זון, וואָס קומט אַ פייערדיק רויטע אַרויס פון הינטערן וועלדל וואָס אויפן ברעג פון יענער זייט טייך. זיי פלעגן זיך אויסזעצן, ווער אויף אַ קלאָץ, ווער אויף דער ריזיקער טרייב־שרויף, וואָס איז הינטערן טאַזשער*) געליגן

*) פאַרטייטשונגען פון פרעמדע ווערטער זוכן ביים סוף פון בוך.

מיט אירע אָפּגעבראָכענע דריי פליגל, ווער ווייסט פון ווען אָן. זיי פלעגן אין איילעניש אויסרויכערן די לעצטע פּאַפּיראָסן איידער מען שטעלט זיך צו דער אַרבעט. בשעת־מעשה האָט מען געפּלוידערט פון פאַרשידענע זאַכן, וואָס האָבן יאָ און נישט אינטערעסירט. עס האָט אויסגעזען אַז די הערלעכקייט פון דער אַרומיקער פּאַנאָראַמע גייט זיי נישט אָן — און אפשר האָבן זיי וועגן איר נישט געטראַכט — אָבער ווען די דאַמף־מאַשין פלעגט זיך צערעווען מיט איר הייזעריקן פייפער און מען האָט געדאַרפט אַריינגיין אין טאַזשער, פלעגן זיי זיך אויפהויבן פויל, נישט ווילנדיק; אַלע כמעט פלעגן כאַפּן אַ קוק אויפן טייך און מען האָט געפילט, אַז עס גלוסט זיך קיינעם נישט פאַרבייטן דעם מחיהדיקן דרויסן מיט דער פרייער פריי־שער לופט, אויפן שטויב און גערוך פון איבערגעשטאַנענעם אייל, וואָס האָט זיך געטראָגן אין טאַזשער פון די מאַשינען.

דער לאָקאַל פונעם וואַרשטאַט באַשטייט פון אַ ברייט צעלייגטן גאַלפּאָן, וואָס דער דאַך זיינער, פון געקאַרבטע צינקעווע בלעכן, ליגט נידעריק כמעט איבערן קאָפּ און זומער־צייט אין די היץ דאַרט פשוט צום דערשטיקט צו ווערן. ווען נישט די פרישקייט פונעם טייך און די קילע ווינטלעך וואָס טראָגן זיך פון אים, וואָלט זומער־צייט בכלל אוממעגלעך געווען אויסצוהאַלטן.

דער גאַלפּאָן, אַ נידעריקער און אַלטער, מאַכט פונוויטנס דעם איינ־דרוק פון דאָרפישע קולטיוו־איינריכטונגען, ווי די וואָס מען זעט אין די גרינס־גערטנערייען, און זעט אויס ווי אַן איבערגעדעקטער גרוב. ער איז פול מיט שווערע אַלטמאָדישע מאַשינען פון דער מעטאַל־אינדוסטריע, וואָס ווערן געשלעפּט פון אַן אַלטער אָפּגעניצטער דאַמף־מאַשין, וואָס סאָ־פּעט און קרעכצט ווי אַ יאַדישליוועך זקן און הייצן הייצט מען זי מיט זעגעכץ און רעשטלעך האָלץ, וואָס בלייבן אויפן טאַרטאַק, ווו מען שניידט די סלופּעס פאַר דעם האַפן, וואָס די עמפּרעסע בויט און עקספּלאָאַטירט אַלס אירע אַ קאָנצעסיע.

מיט דער דאָזיקער דאַמף־מאַשין איז כסדר צרות: קוים באַנוצט מען אַלע מאַשינען אין דער קעסלערייַ, הויבט זי אָן צוצושטיין; איבערהויפּט טרעפט עס ווען מען לאָזט אין גאַנג די גרויסע שער־מאַשין, אַז עס מאַכט זיך מען דאַרף צעשניידן אַ דיקע אייזן־בלעך פון דריי פערטל אָדער זיבן אַכטל צאָל די גרעב; אַז מען פירט אַריבער דעם פּאַס אויפן אַקטיוון שקיוו

און די שער הויבט לאַנגזאַם אָן באַוועגן איר מעסער אַראָפּ און אַרויף, דערמאָנט זי אין די שווערע לאַסט־פערד, מיט די ריזיקע טעלער־פאַרמיקע קאָפּיטעס, וואָס גייען אין אַ שווער געלאָדענעם וואָגן. פון דער מאַשין־אָפּטיילונג דערהערט זיך מיטאַמאָל אַ שווער סאָפּען און קרעכצן און דער הייצער, אַן אַלטער איטאַליענער, קוקט אַרויס פון זיין ווינקל מיט די וואַסערדיקע אויגן, וואָס טיילן זיך אויס פון זיין שוואַרץ־פאַררויכערטן פנים, קראַצט זיך אין דער ליסענע, שפּייט אַ בייזער און שעלט אויף וואָס די וועלט שטייט.

— ווו זאָל איך אייך נעמען פּאַרע? — רעדט ער צו אַלע און צו קיינעם נישט. און מיט בײדע הענט אויסגעשטרעקט אויף פּאָרנט, ווייזט ער אַ פאַרצווייפלטער אויפן מעסטער, ווו דער ווייזער באַמבלט זיך איבער די נידעריקע ציפערן ווי אַן אונטערגעבראָכן צווייגל אויפן ווינט — ווו זאָל איך אייך נעמען פּאַרע, אַז מען דאַרף הייצן מיט אָט דעם מיסט — כאַפּט ער אַ לאָפּעטע זעגעכץ און שיט עס מיט כעס אַריין אין מאַשין־אויוון. — מיט אָט דעם טינוף ווילט איר הויבן די פּאַרע? אין אייער מאַמעס מאַמען אַריין!

אַז ער שעלט, דער אַלטער מאַסקאַני, קען מען בשום אופן נישט וויסן וועמען ער מיינט; צי מיינט ער די אַרבעטער, וואָס האָבן געלאָזט אַלע מאַשינען אויף אַמאָל, צי גאָר דעם שעף שולץ, וואָס וויל פאַר קיין פאַל נישט קויפן קיין שטיינקוילן און האַלט אים אין איין צושטעלן זעגעכץ; איין זאַך אָבער איז זיכער: אַז מאַסקאַנין אַרט נישט אַזוי זיין אייגן געזונט, וואָס ער פּטרט אַוועק שוין קרוב צו דרייסיק יאָר דאָ אין וואַרשטאַט פון דער עמפּרעסע, ווי עס אַרט אים דאָס געזונט פון דער דאַמף־מאַשין. אין אינטימע שמועסן מכּוח דער מאַשין וואָס ער הייצט, פלעגט ער זיך אַרויס־ווייזן אַלס אַ גרויסער בעל־רחמנות. ער פלעגט זאָגן:

— אַ מאַשין, פריינטעלעך, איז ווי אַ מענטש. זי איז אמת טאַקע פון אייזן, אָבער אַז מען לאָדט זי איבער, איז אויס מיט איר... אַ מאַשין איז ווי אַ מענטש — פלעגט ער איבערחזרן, גלייך ער וואָלט חושד געווען אַז מען פאַרשטייט אים נישט.

די אַרבעטער פלעגן אונטערשמייכלען גוטמוטיק. נאָר איין פּאַלאַ־סיאָ — דער בעסטער פאַכמאַן אין דער קעסלערײ — פלעגט נישט לאַכן. איינמאָל האָט ער דעם אַלטן אַ שטראָף געטון:

— דו, מאַסקאַני, זאָרג זיך ווייניקער פאַר דער מאַשין. קוק דיך אַליין אָן ווי דו זעסט אויס. דאָס זאָרגן פאַר דער מאַשין לאָז פאַר שולצן — נישקשה, ער באַקומט אַ גוטן געהאַלט.

דער אַלטער האָט גאַרנישט געענטפערט. ער האָט נאָר געוואָרפן בליקן אָן די זייטן אַריין צי דער שעף הערט זיך פון ערגעץ נישט אונטער, אַ זאַך וואָס פלעגט נישט זעלטן פּאַסירן, דערנאָך האָט ער אַ באַזאָרגטער גענומען וואָרענען פּאַלאַסיאָן:

— דו, פּעפּע, היט דיך, דער שעף קען נאָך אַמאָל אָנקומען אויף דעם ווי דו רעדסט אויף אים. קיין גוטס וועט פון דיין קידער־ווידער מיט אים נישט אַרויסקומען. דו זע היט זיך.

פּאַלאַסיאָ האָט זיך צעלאַכט מיט זיין אינדיאַנישן ברייטן פּנים און מויל, פון וועלכן עס האָבן אַ בלישטש געטון זיינע קרעפטיקע גרויסע ציין און קורץ געענטפערט:

— איך פייף אויף אים!

דער אַלטער פלעגט נאָך אַזוינע שמועסן זיך אָפּטראָגן אַ באַזאָרגטער, אַז עס זאָל נישט אָנקומען צום שעף און יענער קען עס נאָך אויס־טייטשן שלעכט...

די מאַשינען אין טאַזשער זענען אַלע פון אַן אַלטער פראַנצויזישער מאַרקע, מיט מאַסיווע בוכשטאַבן אין רעליעף, ווי עס פלעגט זיך נוהג זיין די שווער־אינדוסטריע פון פאַבריקן יאָרהונדערט. אויף יעדערער פון זיי איז אָנגעוויזן די שטאָט און לאַנד ווו זיי זענען פאַבריצירט געוואָרן און אויך די דאַטע און נומער פּאַטענט. וואָס קיין איינער איז נישט אַרויסגענומען געוואָרן אין דער צווייטער העלפט פונעם 19טן יאָרהונ־דערט. דאָס באַווייזט, אַז די מאַשינען זענען ווייט פון צו זיין מאָדערנע. דער איינציקער אויסנאַם איז אַ קליין מאָדערנע בויער־מאַשינדל מיט אַ קליין מעשן שילדל אויפגעקלאַפּט, ווו עס שטייט אויפגעשריבן: „וואל־קאַן" — „ליעזש". דאָס דאָזיקע מאַשינדל פלעגט מיט דער גראַציע פון זיין מאָדערנעם געשטעל, אַרויסשיינען פון צווישן די שווערע אַלטמאָדישע מאַשינען, ווי אַ יונג מיידל צווישן אַ געזעמל פון אַלטע ווייבער; עס פלעגט נאָך שטאַרקער אונטערשטרייכן די אַלטקייט זייערע. אָבער די עמפּרעסע האָט זיך פון דער אַלטער מאַשינעריע אַ קליינעם וועזן געמאַכט. זי

האָט קיין אינטערעס נישט געהאַט צו פֿאַרבייטן זיי אויף נייע, מאָדערנע מאַשינען, ווייל די קאָנצעסיע אירע וואָס זי האָט אויף פֿערציק יאָר, דאַרף זיך שוין אָט־אָט ענדיקן, אינגאַנצן אַ צען יאָר פֿעלן און נאָכדעם גייט עס איבער צו דער רעגירונג, וועט זיין רעכט אַז זי וועט איבערגעמען די דאָזיקע שברי־כלים וואָס טויגן אויף אַלטן אייזן...

בכלל מאַכט דער טאַזשער אַ געמיטלעכן איינדרוק מיט זיין לאַנגזאַמער באַוועגונג: עס איז דאָ נישטאָ דער געפּלי פֿון קיין מאָדערנע עלעקטרישע מאָטאָרן; דאָ הערשט דער טעמפּ פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט: פֿאַר די דרייסיק יאָר, וואָס די עמפּרעסע האַלט אָן די קאָנצעסיע פֿונעם פֿאָרט, האָט זיך דער סדר אין דער אַרבעט מיט גאָרנישט געביטן; אַ פֿערטלשעה פֿאַר זיבן אינדערפֿרי, וואַרטן שוין די אַרבעטער, ווער אינדרויסן ביים טייך און ווער שטייענדיק איבערגעטון אין די אַרבעטס־קליידער ביים וואַרשטאַט — אָדער ביי דער טאָקאַרניע, אויפֿן הייזעריק־כריפּנדיקן פֿייף פֿון דער אַלטער דאַמף־מאַשין, וואָס זאָל אָנזאָגן אַז די אַרבעט הויבט זיך אָן. — ביי אַ סך פֿון די אַרבעטער איז דער דאָזיקער טאָג־טעגלעכער אַרבעטס־ריטואַל געוועזן אַ טייל פֿון זייער דענקען און פֿילן, ווייל זיי האָבן עס דורכגעמאַכט טאָג־טעגלעך זייט דרייסיק יאָר צייט — אַזוי פֿלעגט די מאַשין־סירענע אָפּפֿייפֿן אין משך פֿון עטלעכע מינוט, דער עולם פֿלעגט זיך שטיל, אויטאָמאַטיש, צעשטעלן יעדער ביי זיין אַרבעט און אַז דער פֿייף פֿלעגט איינגעשטילט ווערן, האָט מען נאָר געהערט דאָס האַמעטנע דרייען זיך פֿון דער ריזיקער טראַנסמיסיע מיט אירע צענדליקער פּאַסן, וואָס האָט זיך געצויגן איבער דער גאַנצער לענג פֿונעם טאַזשער און דאָס זשומען פֿונעם גרויסן ווענטילאַטאָר, וואָס האָט געבלאָזן פֿאַר די זעקס האָרנעס פֿון דער שמידעריי. שפּעטער צו פֿלעגט שוין די געמיטלעכקייט פֿונעם אַרום צעטרייסלט ווערן פֿון די שווערע קלעפּ וואָס דער ריזיקער מאַרטין־האַמער האָט אין דער שמידעריי דערלאַנגט, קלעפּ וואָס פֿלעגן זיך אויסמישן מיטן געהילך וואָס איז געקומען פֿון דער קעסלעריי, ווו מען האָט געהאַמערט איבער גראָבע אייזן־בלעכן פֿאַר די שיפֿן.

דער דאָזיקער שווערער און רוטינירטער טעמפּ פֿון דער אַרבעט האָט געגעבן אָנצוהערן וועגן אַ שווער־אינדוסטריעלער אונטערנעמונג.

זייטיקע וואָס פלעגן פאַרבייגיין, האָבן געמיינט אַז דאָ אַרבעט מען מיט די לעצטע מיטלען פון דער מאָדערנער טעכניק, אין דער אמתן אָבער פלעגט מען נאָך דאָ צעהאַקן גראָבע אייזן־בלעכן, וואָס זענען צוליב זייער לענג נישט אַרונטער אינטער דער גרויסער שער, מיטן פּרימיטיוון מעטאָד פון אַ האַק־מייסל, אינדערצייט ווען אין דעם קלענסטן וואַרשטאַט האָט מען שוין באַנוצט אויף צו שניידן גרעבערע אייזן און שטאָל־מעטאַלן דעם קאַרביד־אָקסיגען־אַפּאַראַט, וואָס מאַכט די אַרבעט ביי דער קלענסטער אָנשטרענגונג פונעם אַרבעטער: שולצן — דעם שעף, האָט אָבער נישט אויסגעמאַכט אַז מען זאָל זיך אין דער קעסלערייַ אונטער־רייסן ביים דורכפירן די שווערסטע אַרבעטן לויט די פאַרעלטערטע מע־טאָדן. ער האָט אַפילו נישט אָנגעהויבן צו טראַכטן פון קויפן אַ קאַרביר־אַפּאַראַט. און ווען מען האָט אים אַמאָל אָנגעוויזן, אַז אין די מלוכהשע ווערפטן, וואָס האָבן זיך געפונען נישט ווייט פון דאָרטן, אַז דאָרט שניידט מען אַפילו די ניטן פון די שיפן מיטן אָקסיגען־סופלעט, האָט ער זיך אויסגעלאַכט און געענטפערט:

— אַ, מיר קענען שוין זייער גוט זייערע אויפטועכצן. זיי וועלן אויף יעדער ניטן־קאָפּ פטרן אַ קילאָ קאַרביד מיט אַ גאַנצן רער אָקסיגען. נישקשה, אונדז פעלן נישט קיין מענטשן וואָס קענען קלאַפּן... אונדז לויַ־נען נישט „זייערע" מאָדערנע מעטאָדן. מיר וועלן מיטן האַק־מייסל בע־סער אויסקומען, ווי זיי מיטן סופלעט.

פאַלאַסיאַ, וואָס האָט דאָס געהערט, האָט גיפטיק „באַשטעטיקט".

— יאָ, אונדזערע קענען גוט קלאַפּן — אונדזערע אייזלען זענען בעסערע, ווי די פון יענער זייט פאַרצוימונג...

„פאַרצוימונג" האָט ער געמיינט די פאַרצוימונג, וואָס האָט אָפּגע־טיילט דאָס שטאַפּל פון דער עמפּרעסע פון דעם שטאַפּל, וואָס האָט גע־הערט די מלוכה־ווערפטן. ער האָט אָבער דאָס וואָרט „פאַרצוימונג" אויס-געטייטשט אין אַ צווייטן זין — אינעם זין, וואָס די מלוכה־אַרבעטער האָבן זיך געהאַלטן שטרענג אָפּגעטיילט פון די אַרבעטער פון זעלבן פאַך, וואָס האָבן נישט געהערט צו דער מלוכה אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. פאַלאַ־סיאַ האָט קיינמאָל נישט געזאָגט עפּעס, אַז ס'זאָל אין דעם נישט שטעקן קיין צווידייטיקער זין.

***

די אָנפירונג פונעם טאַזשער באַשטייט פון עטלעכע פּערזאָן. די מער אָנזעעוודיקע זענען: דער קאַפּאַטאַז, אַ געוועזענער אַרבעטער, וועלכן מען האָט דערהויבן צו דעם דאָזיקן פּאָסטן צוליב זיינע „פאַרדינסטן". דאָס איז אַ פּאַרשוין, וואָס אויב מען רופט אים מענטש, איז עס דערפּאַר, וואָס ער גייט אויף צוויי פיס און קייט כסדר טאַבאַק פון וועלכן עס בלייבן אים שטענדיק ליגן אַ פּאָר ברוינע פלעקן אין די מויל־ווינקלען. דער צווייטער קאַפּאַטאַז איז אַן אַלטער פראַנצויז, וואָס מען רופט דאָן לוקאַס. אַ מענטש, וואָס ליידט אויף כראָנישן רעוומאַטיזם, שלעפּט ער זיך איבערן טאַזשער מיט זיינע האַלב־געליימטע פיס און שפּיאָנירט נאָך צי האָט זיך עמיצער פון די אַרבעטער נישט אָפּגעשטעלט.

דער דאָזיקער אַלטער פראַנצויז איז געווען אַ שטיקל יורד: אַמאָל איידער דער רעוומאַטיזם האָט אים איינגאַנצן חרוב געמאַכט, איז ער געווען דער גאַנצער אָנפירער פונעם טאַזשער, געווען עלצטער קאַפּאַטאַז. איצט, אַז קאַפּאַטאַז איז געוואָרן גאָר איינער פון די אַרבעטער, וואָס איז אים אַמאָל געווען אונטערגעוואָרפן, האָט עס אים גוט געקרענקט. דער יונגער ווידער האָט אים לפנים אָפּגעגעבן כבוד, אָבער פלעגט אים גלייכ־צייטיק געבן צו פילן, אַז אין דער אָנפירונג פונעם טאַזשער האָט ער שוין זיינס אָפּגעהערשט. פאַר די אַרבעטער איז די שנאה, וואָס האָט צווישן זיי ביידן געהערשט, געווען אַן אייביקע טעמע פאַר אַ שטעכיקן קיבעץ: געווען זענען עלטערע אַרבעטער, וואָס האָבן געדענקט די גלאַנץ־צייט פונעם אַלטן דאָן לוקאַס אַלס קאַפּאַטאַז, האָבן זיי פולשטענדיק באַ־רעכטיקט זיין איצטיקע ירידה, ווייל לויט זיי האָבן דערציילט, איז ער אַמאָל געווען אַן אומדערטרעגלעכער טיראַן בנוגע די אַרבעטער; סימנים דערפון האָט דער אַלטער נאָך אויך איצט אַרויסגעוויזן. — עס פאַרשטייט זיך: אויף צו בייסן האָבן אים איצט געפעלט ציין. — דערפאַר האָט ער אָבער נישט דורכגעלאָזט קיין איין געלעגנהייט ער זאָל נישט אַ האווקע טון: פלעגן זיינע וואַסערדיקע אויגן מיט גיריקייט אומפליִען אין אַלע ווינקעלעך פון טאַזשער, פלעגן זוכן, נישטערן, און אויב זיי האָבן עפּעס געזען אַזוינס, וואָס איז נישט געווען צום האַרצן דעם אַלטן רעוומאַטי־

קער, פלעגט ער עס ביי דער ערשטער געלעגנהייט מיט אַלע פּרטים אָפּטראָגן שולצן, דעם שעף, און דווקא אין פראַנצויזיש.

דאָס פראַנצויזיש ריידן איז ביי דעם אַלטן געווען אַ מין נקמה מיטל לגבי דעם יונגן קאַפּאַטאַז, וועלכן ער האָט פיינט געהאַט בתכלית השנאה. דעריבער, אַז עס האָט זיך געמאַכט זיי זענען אַלע דריי — ער, דער יונגער קאַפּאַטאַז און שולץ — געשטאַנען צוזאַמען, האָט ער מיט אַ כיוון זיך צעטענהט דווקא אין פראַנצויזיש. דער יונגער קאַפּאַטאַז פלעגט דעמאָלט שטיין און קוקן אויף זיי ביידן ווי אַ פאַרמשפּטער, פלעגט זוכן עפּעס אַ תירוץ אויף אויסצודרייען זיך און שעלטן דעם אַלטן מיט טויטע קללות.

נאָך די צוויי, קומט דער שרייבער פון דער קאַנצעלאַריע, וואָס גע־פינט זיך טאָקע אין טאַזשער אין אַ טאַנדעטנע הילצערנעם צונויפגע־קלאַפּטן ביידל, דאָס איז אַ הויכוויקסיקער פראַנצויז, וואָס הייסן הייסט ער זשאָרזש, און די אַרבעטער רופן אים „דאַן כאָרכע". האָט ער, דער דאָזיקער שרייבער, אַ גאַנצן טאָג איין אַרבעט: גאָרנישט טון. דעריבער טאָקע שטייט ער דעם גרעסטן טייל פון טאָג אָפּ אויפן ברעג פונעם טייך און כאַפּט פיש, צי וואַרפט גלאַט שטיינדלעך און מאַכט „קאַטשקעלעך". אויף דאָן כאָרכען האָט מען געזאָגט, אַז ער האָט אַ פענאָמענאַלן זכרון. און סימנים דערצו זענען געווען אַ סך: אַזוי למשל, האָט ער קיינמאָל נישט פאַרגעסן מיטצוברענגען מיט זיך זיינע „טאָסקאַנאַ"־ציגאַרן און ווי דער טאָג איז גרויס זיי פון מויל נישט אַרויסלאָזן. אויך פלעגט ער נישט פאַרגעסן מיטצוברענגען מיט זיך זיין גרויסן צווייליטערדיקן „טערמאָס" מיט קאַווע און פלעגט זי אויסטרינקען אַזוי ווי מען איז זיך נוהג אויף אַ פּיקניק: אונטערן שאָטן פון די יונגעביימעלעך, וואָס זענען געוואַקסן הינטערן קאַנצעלאַריע־ביידל.

דער דאָזיקער דאָן כאָרכע האָט געהאַט אַלע שאַנסן, אַז די אַרבעטער זאָלן אים ליב האָבן, ווייל בטבע איז ער געווען אַ גוטמוטיקער און פלעגט זיך מיט אַלעמען גריסן גאָר גוטברודעריש און איינמאָל, ווען די אַרבעטער האָבן געמאַכט צווישן זיך אַ זאַמלונג פאַר אַ קראַנקן חבר, האָט ער זיך פאַרצייכנט מיט אַ גאַנץ פינפערל; די אַרבעטער האָבן צו דעם דאָזיקן פראַנצויזישן אָנגעשטעלטן, וואָס האָט פאַרדינט אַ היפּשן געהאַלט און

גאָרנישט געטון, נישט געהאַט גאָרנישט. זיינע חשבונות פלעגן שטענדיק שטימען. ער האָט זעלטן אַ טעות געהאַט, כאָרכע. אָבער זיי האָבן אים פונדעסטוועגן פיינט געהאַט איבער זיינע טויבן, וועלכע ער האָט געהאַט אין אַ טויבנשלאַק, וואָס האָט זיך געפונען אין טאַזשער.

די דאָזיקע טויבן פלעגן פאַרמיסטיקן דעם גאַנצן טאַזשער: די בענק, די מאַשינען, דאָס געצייג, אַלץ איז געווען באַדעקט מיט דעם ווייס־גראָען קויט פון די הונדערטער טויבן, וועלכע האָבן אַלע געהערט צו דאָן כאָרכען. איבער דעם גאַנצן טאַזשער האָט מען געזען אַרומוואַלגערן זיך פעדערן, גלייך מען האָט דאָרט אויסגעטרייסלט אַ קישן. די אַרבעטער — איבערהויפּט די לערן־ייִנגלעך — פלעגן דאָן כאָרכען אונטער די אויגן זידלען און שעלטן. אָבער דאָן כאָרכע איז דאָ גאָט די נשמה שולדיק געווען. מיט עפּעס האָט ער זיך דאָך געמוזט פאַרנעמען...

אָבער דער שפּיץ פון דער טאַזשער־אָנפירונג איז געווען דער שעף שולץ: דאָס איז געווען אַ שווייצער דייטש, אַ מענטש, אויף וועלכן עס איז שווער געווען צו דערקענען די עלטער: לויטן אויסערלעכן אויסזען האָט מען אים געקענט געבן אַריבער די זעכציק, ווייל ער איז פולשטענדיק ווייס געווען. אָבער ער איז גלייכצייטיק געווען אַזוי ריירעוודיק און ענערגיש, זעלטן ביי אַ יונגנמאַן צו באַגעגענען. ער פלעגט זיך באַרימען שולץ, אין זיינע פּריוואַטע שמועסן, אַז ער איז פון די וועטעראַנען אין דער עמפּרעסע. אַליין אַ שווייצער, איז ער פון די ערשטע אָנגעשטעלטע, וואָס זענען דירעקט געקומען פון פראַנקרייך אין די אינטערעסן פון דער קאָמפּאַניע. און אַז מעסיע שולץ איז אויפגעלייגט און האָט צוטרוי צו דער פּערזאָן מיט וועלכער ער שמועסט, גיט ער אָנצוהערן, אַז נישט בלויז אַן אָנגעשטעלטער איז ער ביי דער עמפּרעסע, נאָר ער פאַרמאָגט אויך אינעווייניק אַ שיין ביסל אַקציעס.

מעסיע שולץ איז זייער אַ דערצויגענער מענטש. ער האָט שוין אַפילו באַוויזן צו דערציִען דעם הויפּט־קאַפּאַטאַז באַגליעטאָ דעם געוועזענעם אַרבעטער אויך; ראשית האָט ער באַוויזן אים אויסצולערנען, אַז אינדערפרי, ווען ער, שולץ, דער שעף פון די טאַזשערן פון דער פראַנצויזישער קאָמפּאַניע (אַזוי פלעגט שטיין אין זיינע וויזיט־קאַרטלעך) פאַרפאָרט מיט זיין אויטאָמאָביל, איז ווי נאָר ער שטעלט אַראָפּ אַ פוס,

שטייט שוין דער קאַפּאַטאַז באַגליעטאָ מיטן „גוטמאָרגן" גרייט אויף די ליפּן. שולץ איז אָבער זייער אַ דערצויגענער מענטש, שטרעקט ער אים אויס זיין אויסגעצערטלטע האַנט, וואָס קוקט אַרויס פון די ציכטיקע אָנגעקראָכמאַליעטע מאַנזשעטן אַ קלאָרע און גוט געפּלעגטע. באַגליעטאָ פילט זיך דעמאָלט אין זיבעטן הימל לגבי זיינע געוועזענע אַרבעטער־חברים און איבערהויפּט קעגן אַלטן דאָן לוקאַס, וואָס האַלט אויף אים אָנגע־שפּיצט זיינע קנאהדיקע וואַסערדיקע אויגן און אָטעמט מיט זיינע יאַ־דעשליוועלונגען, ווי אַ פיש, וואָס מען האָט פּלוצלינג אַרויסגעשליידערט אויף דער יבשה.

די דאָזיקע פּרימאָרגן צערעמאָניע חזרט זיך כמעט איבער אַלע אינדערפרי. איבערהויפּט מאַרקירט עס שוין אַזוי אויס באַגליעטאָ, אַז ער זאָל זיך מיטן שעף צונויפטרעפן ווען ער שטייגט נאָר וואָס אויס און די אַרבעטער זאָלן זען, אַז ער איז נישט אַבי ווער אַ ליאַדע אַרבעטער, אַז ער איז דער קאַפּאַטאַז. דער אמת איז אָבער, אַז אויסער אויפן אַלטן דאָן לוקאַס, וואָס פלעגט זיך בפירוש אָפּעסן דאָס האַרץ פון דעם שעפס באַציִונג צום יונגן קאַפּאַטאַז, האָט דער דאָזיקער אָנשטעל אויף אַלע אַרבעטער געמאַכט אַן עקלדיקן איינדרוק, זיי פלעגן פון אים לאַכן אונטער די אויגן און אין די אויגן.

איינמאָל האָט אים פּאַלאַסיאָ מיט סאַרקאַזם געזאָגט:

— ער האָט דיך שטאַרק ליב שולץ. אַ שאָד כּוהן, וואָס דו ביסט נישט קיין בחור, ער וואָלט דיר זיכער געגעבן זיין טאָכטער...

באַגליעטאָ צעלאַכט זיך פונעם שפּאַס, אָבער ענטפערט גאָרנישט. מיט פּאַלאַסיאָן וויל ער נישט אָנהייבן.

אַלע טאָג קומט פאַר די זעלבע סצענע. שולץ, ווי נאָר ער האָט זיך אָפּגעוויטעט מיטן קאַפּאַטאַז, וואַרפט ער שוין צו בחפזונדיק אויך אַ האַנטשטעק דעם אַלטן און הויבט אָן אומלויפן איבערן טאַזשער פון איין אַרבעטער צום צווייטן. עס שפּרודלט פון אים מיט ענערגיע. אין דעם לאַנגזאַמען גאַנג פון די אַלטמאָדישע דרייבענק, מאַסיווע בויער־מאַשינען און מאַנאָטאָנעם געדריי פון דער לאַנגער טראַנסמיסיע, מאַכט דער דאָזיקער מאַן דעם איינדרוק פון אַן ענערגישן אָנטרייבער, וואָס

זיצט אויף דער קעלניע מיט אַ פּייפנדיקער בייטש אין האַנט און טרייבט אָן מיט שווערע ברייט־רוקנדיקע לאַסט־פערד...

* * *

די אָנגעשטעלטע פון דער עמפּרעסע, וואָס פאַרנעמען וויכטיקע פּאָסטנס, זענען דורכויס פראַנצויזן. און נישט בלויז פראַנצויזן, נאָר טאָקע כמעט אַלע אַלטע לייט, וואָס דינען דער קאָמפּאַניע פון די ערשטע צייטן אָן פון איר קאָנצעסיע; איינער פון די עלצטע לייט, איז אויך געווען דער הויפּט־דירעקטאָר פון דער עמפּרעסע מעסיע ראַמבור, אַן אַלטער מאַן, וואָס האָט געהאַט אַ קאַרמוז־רויט פּנים, פון וועלכן עס האָבן זיך פּרעכ־טיק אויסגעטיילט זיינע באמת וווּנדערלעכע ווייסע וואָנצעס, וואָס האָבן מיט זייער געדיכטקייט און גלאַנץ דערמאָנט אָן צוויי פאַרשפּיצטע שטיק־לעך פאָלירטן זילבער. מעסיע ראַמבור האָט מען דערציילט, ליידט פון אַ הויכן בלוטדרוק און אויב ער האָט דאָך דערלעבט אַן עלטער פון אַרי־בער די זעכציק יאָר, איז עס דערפאַר, ווייל ער איז להיפּוך צום הער שולץ, אַ מענטש אַ רויקער, אַ באַישובטער, וואָס האָט פיינט געהאַט צו היצן זיך. דאָס אַליין האָט אָבער נישט אויסגעמיטן, אַז מעסיע ראַמבור זאָל אין אַ שיינעם טאָג פּלוצלינג באַקומען אַ האַרצשלאַג און לאָזן די קאָמפּאַניע פאַר דער פּראָבלעם פון דאַרפן באַשטימען אַ נייעם דירעקטאָר.

געשען איז דער טויט־פאַל אויף אַ זייער מאָדנעם אופן: עס איז גע־שען פונקט אין דעם טאָג, ווען מען האָט באַדאַרפט אויסצאָלן די אַר־בעטער. דער קאַסיר האָט אים אונטערגעטראָגן אַ טשעק אונטערצושרייבן, מיט וועלכן מען האָט געזאָלט אַרויסנעמען געלט אין באַנק פאַר דער אויסצאָלונג. אין דעם, איז אים די פען אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט און די אַרבעטער האָבן באַקומען אויסגעצאָלט ערשט שפּעטער מיט אַ וואָך.

עס פאַרשטייט זיך: פאַר די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון דער עמפּרעסע, איז דאָס דאָזיקע אויסצאָלן ערשט שפּעטער מיט אַ וואָך געווען זייער אַן ערנסטע פּראָבלעם. אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס געהאַט קעגן די זאָרגן פון דער עמפּרעסע, וואָס איז פּלוצלינג פאַרבליבן אָן אַ דירעקטאָר? עפּעס אַ קלייניקייט! אמת, דאָס אָפּרוקן אויף אַ גאַנצער וואָך דאָס אויסצאָלן פון די אַרבעטער־לוין, האָט פאַר יעדן באַזונדער פון זיי

געמיינט אַן ענדערונג אין זיין באַשיידענעם אַרבעטער חשבון פון קענען סילוקן צו דער צייט די קליינע חובות פון אַזוינע פשוטע זאַכן ווי: שפּייז־קראָם, קצב, מילכמאַן און אַנדערע עלעמענטאַרע באַדערפענישן וואָס פולן אויס מיט זייער פּראָזאַישער „קליינלעכקייט" דעם מהות פון יעדן אַרבעטס־מענטש, וואָס טראָגט דעם עול פון זיין פאַמיליע; אָבער וואָס פאַר אַ פאַרגלייך קען דאָ זיין צווישן זייערע קליינלעכע זאָרגן מיט דער גרויסער זאָרג פון אַ מיליאָנערן־געזעלשאַפט, וואָס איז פאַרבליבן אָן אַ דירעקטאָר. כאָטש די אַרבעטער זענען נוטה געווען צו גלויבן, אַז די רעדער אין טאַזשער קענען זיך סיי ווי סיי דרייען און די קאָנסטרוקציע פונעם פּאָרט קען פאַרגעזעצט ווערן אַפילו אָן אַ דירעקטאָר. אַזוי האָבן געטראַכט די אַרבעטער — אַנדערש אָבער האָט געטראַכט מעסיע שולץ. ער איז פשוט אומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ, ווען עס איז געשען דער אומגליק מיטן דירעקטאָר מעסיע ראַמבור.

יאָ, מער פון יעדן איז באַזאָרגט געווען דער שעף פון די טאַזשערן ביים ווערפט, מעסיע שולץ. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער טראָגט אויף זיך די גאַנצע זאָרג פון דער עמפּרעסע. אין דער אמתן איז דאָס אָבער געווען דעם הער שולצס אַ פּערזענלעכע זאָרג: אָט זענען שוין אַוועק עטלעכע וואָכן זינט די געשעפטן פון דער עמפּרעסע פירן זיך אָן אַ דירעקטאָר און גאָרנישט, קיינער ווענדט זיך נישט צו מעסיע שולץ, אַז ער זאָל באַוויליקן צו פאַרנעמען דאָס דירעקטאָרן־בענקל.

און מאָטיוון צו פּרעטענדירן אויף דעם דירעקטאָר־אַמט, האָט מעסיע שולץ געהאַט גענוג, ווייל ער האָט זיך תמיד געפילט אַלס חשובער מיט־גליד אינעם העכערן פּערסאָנאַל פון דער עמפּרעסע, אפשר וויכטיקער ווי דער פאַרשטאָרבענער דירעקטאָר. אין אינטימע שמועסן פלעגט ער באַטאָנען, אַז די אַרבעט אין טאַזשער מיט די אַלטמאָדישע מאַשינען און אָפּגעלעבטע מעטאָדן וואָלט ווייט נישט אַוועק, ווען נישט זיין ענערגישע אָנפירונג מיט די אַרבעטער. און „ענערגישע אויפפירונג" ביים הער שולץ האָט געהייסן אומגעפער אָט וואָס: ער קומט צו צו אַ טאָקער, מעסט אים אָפּ פון אויבן ביז אַראָפּ מיט זיינע גרינע, קעצישע אויגן, וואָס פינקלען מיט פאַרעטערישער ביטערקייט, כאַפּט אַ קוק אויפן דרייבאַנק און פרעגט:

— וואָס מאַכסטו?

— דאָס און דאָס — ענטפערט יענער און מעסט בשעת־מעשה דעם דיאַמעטער פון דער זאַך מיט זיין קאַליבר.

— וואָס עפעס אַזאַ לאַנגזאַמער גאַנג ביים דרייבאַנק? — וויל דער הער שולץ וויסן.

— איך נויטיק זיך נישט אין קיין גרעסערער שנעלקייט צו דער דאָזיקער אַרבעט — ענטפערט אים דער טאָקער פּאַכמעניש אַ רויִקער.

און אָט איז שוין שולץ אין דער שמידעריי און פרעגט שאלות, פאַרוואָס מען האָט אויפגעשיט אַזוי פיל קוילן אויפן פייער. ער באַקומט אַן ענטפער פונעם הויפּט־שמיד, אַז אויב ער נעמט זיך אונטער צו אַרבעטן מיט ווייניקער קוילן, טרעט ער אים שוין אָפּ די הארנע און זאָל ער זיך אַוועקשטעלן ביי דער קאָוואַדלע; און אין דער קעסלעריי מאַכט ער אויפמערקזאַם אַ קעסל־מאַכער פאַרוואָס ער פאַרנוצט אַזוי פיל קרייד אָנצורייבן דעם שנור, מיט וועלכן ער צייכנט אָן אייזן־בלעך צום צושניידן, אויף וואָס ער באַקומט אַ צוזאָג פון פּאַלאַסיאַן, אַז די אַרבעטער וועלן זיך זען צונויפלייגן און קויפן קרייד, בכדי צו פאַרגרינגערן דער עמפּרעסע אויסצוהאַלטן די טאַזשערן...

כמעט ביי אַלע פּאַכמענער פלעגט ער באַקומען אַזעלכע ענטפערס. ער פלעגט נאָך אַזאַ ענטפער יענעם אָנקוקן אַ בייזער, אַרויסוואָרטשען עפעס אַ זידל־וואָרט אין זיין מוטער־שפּראַך, אָבער ער האָט גאָרנישט געקענט מאַכן. די אַרבעטער־פּאַכמענער פלעגן אים מיט זייער קאַלטקייט און אויגנשיינלעכן ביטול ווי אָפּגיסן מיט אַ קאַלטער באָד. ער פלעגט שוין דערנאָך אומגיין אַ בייזער און אָנגעצונדענער איבערן טאַזשער און אויסלאָזן דעם כעס צו אַלץ ווי עס האָט זיך געלאָזט.

איבערהויפּט האָט די „ענערגישע פירונג" פון מעסיע שולץ געגעבן גוטע פּרוכטן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן די פּעאָנעס, די שוואַרץ־אַרבעטער פונעם ווערפט; דאָ, צווישן די נישט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער, איז זיין מאַכט געווען אַן אומבאַגרענעצטע. ער פלעגט זיי באַהאַנדלען ערגער ווי די לאַסט־בהמות. זיי אָנרופן מיט די שענדלעכסטע צונעמען; דאָ, צווישן די שוואַרץ־אַרבעטער, פלעגט זיך אַנטפּלעקן די „דער־צויגנקייט" פונעם הער שולץ אין איר גאַנצער פּראַכט: ניט איז יאָ געווען

אויפן פלאַץ, צי נישט, אָן אַ שום סיבה פלעגט ער האָבן אַ ווילד פאַרגעניגן זיך צו איזדעקעווען איבער זיי, איבער די אויסגעהאָרוועטע פּעאָנעס, וואָס האָבן אויף זייערע רוקנס כסדר געטראָגן דיקע העלצער, אייזן־פּרענטעס, שווערע ריזיקע אייזנבלעכן. שטומע, אומבאַהאָלפענע, פלעגן זיי זיך שלעפּן אונטער די צעווילדעוועטע בליקן פונעם הער שולץ, וועלכער פלעגט ברומען:

— עס וועט אויסטראָגן טייער די אַרבעט, מיט אַזאַ רירן זיך... צענדליקער אַנדערע אַרבעטער באַטן זיך אָן... אַז מען האָט קיין חשק נישט צו אַרבעטן, בלייבט מען אינדערהיים. קומט מען נישט... בררר... סאַקראַמענטאָ!...

די פּעאָנעס פלעגן זיך נאָך מער איינבייגן אונטער זייער משא. זיי פלעגן זיך ווי עפּעס וועלן אויסבאַהאַלטן פון זיין צעווילדעוועטן בליק. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אָט־אָט וועט דער הער שולץ אַרויסכאַפּן אַ בייטש, אַ לאַנגע בייטש און וועט מיט איר דערלאַנגען איבער זייערע רוקנס. אָט אַזוי ווי מען פלעגט טון אין די צייטן פון אמתער מענטשן־שקלאַפעריי. ער פלעגט עס אָבער נישט טון, דער וועטעראַן פון דער פראַנצויזישער קאָמפּאַניע; ווייל הגם די מאַשינעריע פון דער עמפּרעסע שטאַמט פון דער ערשטער העלפט פון נייַנצנטן יאָרהונדערט, ווייסט ער אַז עס איז שוין אָפּגעלאָפן דאָס ערשטע דריטל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און אַז עס איז עפּעס נישט גלאַטיק מיט דער דיסציפּלין צווישן די אַרבעטער פון זיין טאַזשער, וועלכן ער פירט מיט אַזוי פיל „טאַקט" שוין אַריבער דרייסיק יאָר...

***

דאָס איז אומגעפער געווען דער אופן פון מעסיע שולצס „ענערגישער אָנפירונג", וואָס האָט, לויט זיין מיינונג, געדעקט דעם פאַרלוסט פון דער עמפּרעסעס אַלטע אַרבעטס־מעטאָדן מיט אירע פאַרצייטיקע מאַשינען. ער האָט דעריבער געהאַלטן דער הער שולץ, אַז ער איז די פּאַסיקסטע פּערזאָן אויף צו פאַרנעמען דעם דירעקטאָר־פּאָסטן, און מען קען זאָגן, אַז ער האָט זיך מיט דער דאָזיקער אילוזיע אַרומגעטראָגן ווי מיט אַ זיכערער זאַך ביז עס האָט זיך אין אַ שיינעם טאָג באַקומען די ידיעה

פונעם הויפּט־דירעקטאָריום אין פּאַריז אַז — מען שיקט אַרויס אַ נייעם דירעקטאָר, אַ שטעל־פאַרטרעטער פון פאַרשטאָרבענעם מעסיע ראַמבור, און אַז דערווייל זאָלן די געשעפטן אָנגעפירט ווערן פונעם הויפּט־בוכהאַל־טער פון דער געזעלשאַפט.

שולץ האָט די ידיעה אויפגענומען אויסערלעך אַ רויִקער, אָבער עפּעס איז אים די זאַך אויסגעקומען ווי אַ טעות. אַזוי שטאַרק איז ביי אים געווען דאָס איינגלויבעניש, אַז ער האָט זיך גאָרנישט געקענט פאָרשטעלן, אַז מען זאָל אין פּאַריז אַזוי האַנדלען: שיקן אַ נייעם נישט־דערפאַרענעם מענטשן דאַן, ווען דאָ אויפן פּלאַץ זענען דאָ מענטשן, אַלטע וועטעראַנען, וואָס האָבן מיט זייערע הענט, דאַכט זיך, דורכגעטאַפּט יעדעס טיילעכל פון דער עמפּרעסעס אינטערעסן. אָבער פאַרפאַלן, אַזוי אָדער אַנדערש, גע־ווונען אָדער אָפּגענאַרט זיך — שולץ איז קודם־כל אַ דיסציפּלינירטער סאָלדאַט אויף זיין פּאָסטן און ער האָט זיך גענומען גרייטן אויפצונעמען דעם נייעם שעף זיינעם ווי אַן אונטערגעוואָרפענער באַאַמטער, כאָטש אין זיין אונטערבאַוווסטזיין האָט זיך אים געבאָמבלט אַ געדאַנק, אַז דער נייער דירעקטאָר וועט אַלס אומדערפאַרענער מוזן אָנקומען צו אַזוינע אויסגעפּרוווטע מענער פון דער עמפּרעסע ווי ער. שולץ האָט פאַרטראַכט צו ווערן דער נישט־באַשטימטער דירעקטאָר פון דער עמפּרעסע, דאָס דאָזיקע געפיל האָט ביי אים אַ סך געמילדערט דעם פאַרדראָס איבער זיינע צערונענע אילוזיעס און ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן אָנקומען פונעם דירעקטאָר.

דערווייל האָט אויפן ווערפט פּאַסירט אַ געשעעניש וואָס האָט עטוואָס צעטרייסלט די זיכערקייט פון הער שולץ און זיין „ענערגישע אָנפירונג" פון דעם ווערפט: אין אַ פרימאָרגן, ווען ער איז באַרוואָס געהאַט פאַרפאָרן און, ווי זיין שטייגער איז געווען, זיך העפלעך אָפּגעגריסט מיטן קאַפּאַטאַז באַגליעטאָ, איז ער ווי אַ וויכער אַרויסגעלאָפן אויפן שטאַפּל. ער האָט גערעכנט, ווי זיין טבע איז געווען, אַ מונטער טון די פּעאָנעס, וואָס האָבן דאָרטן געאַרבעט, אָבער ער איז אַ דערשטוינטער שטיין געבליבן פון עפּעס וואָס ער האָט פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין אָנפירונג צום ערשטן מאָל דערזען: דאָס שטאַפּל פונעם ווערפט איז אינגאַנצן פאַרפלייצט געווען מיט הונדערטער פּאַפּירלעך. לכתחילה האָט ער געדענקט, אַז דאָס

האָט מען אויסגענוצט און צעוואָרפֿן קאָמערציעלע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס עס פֿלעגט אָפֿט טרעפֿן ביים אַרויסגאַנג פֿון דער פּאָרט־זאָנע. אָבער אַ בלעטל פֿון די זעלבע, וואָס איז געווען אויפֿגעקלעפּט אויף אַן אַרויסגעשלעפּטער באַרזשע, האָט אים באַלד אַרויסגעפֿירט פֿון טעות. עס האָט זיך דאָ געהאַנדלט פֿון רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע. ער האָט דאָס אויפֿגעקלעפּטע בלעטל איבערגעלייענט, האָט די פּענסנע, וואָס ער פֿלעגט בלויז באַנוצן צום לייענען, צוריק אַריינגעלייגט אין שאַכטל און עס באַהאַלטן אין דער אויבערשטער קעשענע פֿונעם רעקל, און איז אַזוי שטיין געבליבן און באַטראַכט די ווייסע פּאַפּירלעך, וואָס האָבן זיך אויפֿן פּאַרפּעטסטן שטאַפּל מאָדנע אויסגעטיילט מיט זייער ווייסקייט. עס האָט אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק ווי עפּעס אַ היישעריק וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט און פּרעסט דאָ די קלעצער פֿונעם ווערפֿט־שטאַפּל. ער האָט געכאַפּט אַ קוק צו די אַרבעטער. אַלע זענען געשטאַנען און געטון זייער אַרבעט גלייך נישט זיי מיינט מען. שולץ האָט געקוקט אויף זיי, דורכגעפּאָרשט זיי איינציקווייז. ער האָט געוואָלט דערקענען עפּעס אַ סימן אויף איינעם פֿון זיי, אַז דאָס איז זיין אַרבעט, אָבער אומזיסט. די פּעאָנעס האָבן ווי זייער שטייגער איז געווען געאַרבעט לויט זיין טאָג־טעגלעכן שטייגער.

שולץ האָט אויפֿן מאָמענט נישט געוווסט וואָס צו טון. אויטאָמאַטיש האָט ער זיך אָנגעבויגן און אויפֿגעהויבן איינס פֿון די פּאַפּירלעך. די אותיות האָבן אים געשפּרונגען פֿאַר די קורצזיכטיקע אויגן. ער האָט ווידער אַרויסגענומען די פּענסנע און ווידער גענומען לייענען, דאָ איז געשטאַנען געשריבן דאָס זעלבע: עס האָט זיך דאָרט גערעדט פֿון עקספּלאָטאַציע, פֿון מיזעריע און אָרעמקייט און אַז די אַרבעטער דאַרפֿן זיך פּאַרייניקן, זיך נישט לאָזן קריכן אויפֿן קאָפּ אאַ״וו.

כאָטש אין דעם פּאַפּירל איז זיין נאָמען נישט דערמאָנט געוואָרן, האָט זיך שולצן דאָס אויסגעוויזן, אַז דאָס מען מיינט אים דאָ, ווען מען רעדט פֿון עקספּלאָטאַציע. ער האָט געדריקט די ביינערדיקע פּענסנע צו דער נאָז און געטראַכט: ווי אַזוי דערוויסט מען זיך פֿונוואַנען די בלעטלעך שטאַמען? אָבער מיטאַמאָל האָט זיין גאַנצע מורא און שוואַכקייט אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט. ער איז ווילד געוואָרן ווי אַ צערייצטער לייב און גענומען ליאַרמען, אַז באַלד זאָל דאָס שטאַפּל אָפּגערייניקט ווערן פֿון

די פאַפירלעך. אַז ער וועט נישט רוען ווען ער וועט זען אַפילו איין בלעטל פון דער דאָזיקער בונטאַרישער פראָפאַגאַנדע. די פּעאָנעס האָבן זיך אַ וואָרף געטון אויפקלייבן די פלוג־בלעטלעך. שולץ האָט בשעת־מעשה באַכגעשפּירט, צי לייענען זיי דערווייל נישט. ער איז אין זיין צעווילדעוועטקייט נישט פעיִק געווען צו דענקען, אַז די דאָזיקע פאַפּירלעך זענען שוין פון די אַרבעטער דורכגעלייענט געוואָרן און אַפילו קאָמענטירט געוואָרן. ער האָט געמיינט, אַז חוץ אים, האָט די פאַפירלעך קיינער נישט באַמערקט. ער האָט דעריבער אונטערגעאײַלט די פּעאָנעס אָפּצורייניקן דאָס שטאָפל פון די פלוג־בלעטלעך. די עטלעכע פאַפּירלעך, וואָס ער האָט דערזען אויפגעקלעפּטע אויף די אַרויפגעשלעפּטע שיפן, וואָס זענען געשטאַנען אויפן שטאַפל, האָט ער מיט די אייגענע הענט אַרונטערגעריסן מיט אַ באַזונדערער רציחה.

אויפן צווייטן פרימאָרגן האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע געשיכטע. שולץ איז געווען אויסער זיך פאַר כעס. ער האָט זיך געטשעפּעט צום קאַפּאַטאַז, און יענער איז געשטאַנען אַ דערשלאָגענער ווי אַ פאַרמשפּטער צו דער תליה. דער אַלטער לוקאַס האָט זיך אומגעשלעפּט מיט זיינע רעוומאַטישע פיס איבערן טאַזשער און מיט זיינע וואַסערדיקע אויגן געזוכט, אַליין נישט וויסנדיק וואָס. דאָן כאָרכע, דער שרייבער פון דער קאָנצעלאַריע, וועמען עס האָט אפילו נישט געקענט דערשיטערן קיין ערד־ציטערניש, סיידן עפּעס אַ געשעעניש צווישן זיינע טויבן, איז פון די פאַפּירלעך אויך געוואָרן געעירט. ער האָט אַפילו באַוויליקט אויפצוקלייבן עטלעכע, און פאַרגלייכן, צי איז זייער אינהאַלט דערזעלבער אָדער פאַרשידן. אָבער מער פון אַלע האָט זיך געקאָכט שולץ. ער האָט נישט געוווסט צו וועמען זיך צו טשעפּען, איז ער ווי אַ משוגענער אומגעלאָפן פון טאַזשער אַרויס אויפן שטאַפל און פון דאָרט צוריק אין טאַזשער אַריין, ביז ער האָט זיך ענדלעך פאַרקליבן אין זיין ביידל און אַ נערוועזער גענומען בלעטערן אַ אילוסטרירטן זשורנאַל.

די אַרבעטער זענען אַלע געשטאַנען ביי זייער אַרבעט, צוגעזען זיין אויפגערייצטקייט, אָבער קיינער האָט אויסערלעך נישט געגעבן קיין געלעגנהייט צו דערקענען דאָס אינערלעכע פאַרגעניגן־געפיל וואָס עס האָט אין זיי געקוועלט אין דעם אַנבליק פון שולצס אומרויִקייט. אַלע האָבן

זיי די פלוג־בלעטלעך געלייענט און האָבן געפּילט און געוווּסט פאַרוואָס זיי האָבן ביי שולצן אַרויסגערופן אַזאַ פּאַרדרוס: ער איז פאַר די דרייסיק יאָר פון זיין הערשאַפט דאָ, געוווינט געווען צו אַן אַבסאָלוטער געהאָרכ־זאַמקייט, צו שטומען אויספאָלגן; ער האָט אויף די אַרבעטער געקוקט, ווי אויף אַ טייל פון דער מאַשינעריע, נאָר אַזאַ טייל, וואָס מען קען אונטער־טרייבן, אַז זי זאָל דעריאָגן דאָס, וואָס די אַלטע מאַשינען קענען נישט טון און מען קען זיי דערפאַר גאָרנישט זאָגן; שולץ האָט געפילט, אַז עפּעס גרייט זיך אַזוינס אויפן ווערפט, וואָס וועט אומוואָרפן אַ סך פון דעם, וואָס ער איז פאַר די דרייסיק יאָר דינסט דאָ געוווינט צו זען: אַז עס וועט איינוואַלגערן זיין אומבאַגרענעצטע הערשאַפט, וואָס ער האָט אָנגערופן „ענערגישע אָנפירונג" און דערמיט זייער שטאָלצירט.

***

עטלעכע חדשים פריִער, איידער עס איז פאָרגעקומען די געשיכטע מיט די פלוג־בלעטלעך, וואָס האָבן דעם הער שולץ אַזוי אויפגעטרייסלט, איז אין אַ פרימאָרגן צו אים אין אָפיסינע, וואָס האָט זיך געפונען אָפּגע־צוימט אין דעם זעלבן הילצערנעם באַראַקל, ווו דאָן כאַרבע האָט גע־אַרבעט, אַריינגעקומען אַ יונגערמאַן און אים איבערגעגעבן אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט.

שולץ האָט צוגענומען דעם קאָנווערט און בעת ער האָט אים פאַוואַ־ליע אויפגעריסן, האָט ער דערווייל באַטראַכט דעם מענטשן, מיט פאַר־זשמורעטע אויגן פון הינטער די פענסנע.

ווען ער האָט דורכגעלייענט דאָס בריוול, האָט ער, ווי זיין שטייגער איז געווען, אַראָפּגענומען די פענסנע און זיי אַריינגעלייגט אין לעדערנעם שאַכטעלע, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, האָט עפּעס אַ טראַכט געטון און געפרעגט:

— ביי וואָס האָט איר ביז איצט געאַרבעט?

— איך בין אַ סטאָליער — האָט מיט אַ מעטאַלענער טענאָר־שטימע געענטפערט דער יונגערמאַן.

— און פאַרוואָס זענט איר אַרבעטסלאָז — האָט שולץ געוואָלט וויסן.

— איבער מאַנגל אין אַרבעט... — האָט דער יונגערמאַן צווײדײטיק געענטפערט.

שולץ האָט אים באַטראַכט מיט אַ לייכטן ביטול. אים איז נישט געפעלן געוואָרן דער קלוגער דיפּלאָמאַטישער ענטפער און ער וואָלט אים לייכט געוועזן אָפּגעפּטרט מיט אַ תירוץ, ווייל אים זענען נישט איבע־ריק געפעלן געוועזן צופיל אויפגעקלערטע אַרבעטער, אָבער ער האָט אים געפרעגט:

— שוין זשע פעלט איצט אַרבעט אין אייער פאַך? אייער פאַך איז דאָך אין שטרייק. די האָלץ־אינדוסטריע זוכט איצט הענט...

— עס ווילט זיך נישט זיין קיין שטרייקברעכער — האָט איינפאַך געענטפערט דער יונגערמאַן.

דער דאָזיקער פּשוטער און זעלבסטפאַרשטענדלעכער ענטפער וואָלט אין אַן אַנדער פאַל געוועזן געקלעקט, אַז שולץ זאָל דעם יונגנמאַן אָפּשיקן צו אַלדע־רוחות. איצט אָבער האָט ער ווידער אַ קוק געטון אויפן בריוול, וואָס האָט פון אויבן געהאַט די איבערשריפט פון דעם איטאַליענישן קאָנ־סולאַט אין יענער שטאָט און ערנסט געזאָגט:

— קיין סטאָלערײ דאָ האָבן מיר נישט, איך וועל אייך באַשטימען פאַרן טאַרטאַק אַלס געהילף. באַשטייט איר?

דער יונגערמאַן איז באַשטאַנען און שולץ האָט ביי אים גענומען די דאַטן און אים געהייסן קומען דעם צווייטן טאָג צו דער אַרבעט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָבן שוין כמעט אַלע אַרבעטער פונעם ווערפט געוווּסט, אַז דער נייער אַרבעטער, וואָס איז צוגעקומען אויפן טאַרטאַק, איז אַן איטאַליענער און הייסט מאַריאָ זאַפּאַ, און אַז ער פירט זיך אויף עפּעס מאָדנע.

די באַליבסטע אָפּטיילונג פונעם ווערפט, איז פאַרן הער שולץ געוועזן דער טאַרטאַק. אויך די אַרבעטער פון יענער אָפּטיילונג, איבערהויפּט די זעג־מייסטערס, האָבן נישט געפילט אויף זיך די פאַלגן פון שולצס „דערצוויגנקייט". עס איז אָבער פאַר קיינעם נישט געוועזן קיין סוד, אַז די מילדקייט מצד דעם הער שעף צום טאַרטאַק, האָט געהאַט צו טון מיט אַ זאַך, וואָס האָט נישט געהערט דער עמפּרעסע, נאָר די פּריוואַטע

אינטערעסן פֿונעם הער שולץ פֿערזענלעך: דאָס איז געווען דאָס האָלץ פֿאַר זיין אייגענעם געברויך.

דער טאַרטאַק האָט פֿאַרנומען אַ גרויסן פּלאַץ פֿון דער פּאַרט־זאַנע, אַרומגענומען מיט אַ צוים פֿון שטעכיקע דראָטן. דער דאָזיקער הויף איז תמיד געווען אָנגעוואָרפֿן מיט אַלטע צעבראָכענע טרייב־שרויפֿן פֿון אַלטע שיפֿן, גרויסע אומגעלומפּערטע ציין־רעדער און צעבויגענע קעסלען פֿון אַ צענומענער גראָב־שיף, אַלטע אייזנבאַן־רעלסן, וואָס מען האָט פֿון ערגעץ אַנטנומען און זיי פֿאַרביטן מיט נייע, זענען געלעגן אָנגעוואָרפֿן אָן אַ שום סדר. גאַנצע קופּעס פֿאַרזשאַווערטע קייטן פֿון שיפֿן האָבן זיך דאָרטן אַרומגעוואַלגערט און דערמאָנט אין צעפֿוילטן אינגעווייד פֿון אַ נבילה. רעשטן פֿון אַלטע קאַנאַטן האָבן דאָרטן געפֿוילט און פֿלעגן זיך צעפֿאַלן ביים ערשטן ריר מיטן פֿוס. און וויפֿל דאָס אויג האָט נאָר געקענט כאַפּן, האָט מען געזען גאַנצע שטויסן קעבראַטשענע סלופּעס, וואָס זענען רוי אַרונטערגעהאַקטע פֿון זייער שטאַם געלעגן און געשוואַרצט אונטער רעגן און זון און געוואַרט אויף זייער ריי אונטער דער זעג אַרונטער.

די שנייד־זעגן האָבן זיך געפֿונען אונטער אַ טאַנדעטנע צענויפֿגע־קלאַפּטן גאַלפּאָן, אַ שאָפּע, וואָס צוויי זייטן אירע זענען לחלוטין געווען אָפֿן. כסדר איז דאָרטן געשטאַנען אַ שטויב־וואָלקן פֿון דעם זעגעכץ, וואָס פֿלעגט זיך אויפֿהויבן בשעת דער אַרבעט און פֿלעגט רייצן די אויגן־לעפֿלעך און די נאָז. תמיד האָט דאָרטן געשמעקט מיט דער זויערער טוכ־לעקייט פֿון צעזעגטע קלעצער, וואָס זענען אומעטום געלעגן אָנגעוואָרפֿענע און דערמאָנט אין צעשאָכטענע בהמות אין אַ שלאַכטהויז, און די אַרבע־טער פֿלעגן דאָרטן שטענדיק אומגיין פֿאַרפּראָשעטע און אָפּגעשאָטענע מיט דעם טונקל־געלן שטויב פֿון לאַפּאַטשאָ־האָלץ, ווי די מילנערס, פֿאַרמע־ליקטע מיט קאָלירטן מעל.

שולץ, כאָטש דער טאַרטאַק האָט זיך געפֿונען אונטער זיין השגחה, פֿלעגט דאָרטן אָבער זיין מילדער ווי אין טאַזשער. מסתמא איז עס געווען, ווייל ער איז בכלל געווען ווייניק באַהאַוונט אין יענער אַרבעט. זיין קאָנטראָל דאָרט איז דעריבער געווען אַ שוואַכער. ער פֿלעגט נאָר אויף שנעל דורכקוקן דאָס האָלץ, וואָס איז אַריינגעקומען און אַרויסגעגאַנגען און מיטן איבעריקן, האָט ער זיך געגנצלעך פֿאַרלאָזט אויפֿן הויפּט זעג־

מייסטער, דאָן פּעליפּע. דער פלעגט מיט אַ שטיקל קרייד פאַרצייכענען מיט גוואַלדיק גרויסע און צעקרימטע ציפערן די מאָסן, וואָס שוליך האָט אָנגעגעבן און אַלץ איז שוין פּינקטלעך אָפּגעטון געוואָרן.

אויפן טאַרטאַק האָט מען דורכשניטלעך געאַרבעט מערער ווי אין טאַזשער. כמעט שטענדיק האָט מען דאָרט געאַרבעט עקסטראַ־שעהן און אין די צייטן, ווען דער טייך פלעגט אָפּפאַלן און עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט פון רעמאָנטירן דעם האַפן, פלעגט מען דאָרטן אַרבעטן אין צוויי טורנעס.

צווישן אַנדערע סיבות, פאַרוואָס שוליך האָט שטאַרק געהאַלטן פונעם טאַרטאַק, איז געווען איינע אַ הויפּט־סיבה: ער פלעגט רעגלמעסיק אַלע טאָג פון דאָרט אַרויספירן צעשניטענע קלעצלעך פאַר זיין שטוביקן קיך־געברויך; מען האָט אַפילו געשמועסט, אַז פאַרן געברויך פון זיין באַלעבאַטישקייט איז דאָס אַרויסגעפירטע האָלץ אַ ביסל צופיל, אָבער מען האָט זיך משער געווען, אַז דער הער שוליך גיט זיך שוין מסתמא אַן עצה מיט דער איבערפּראָדוקציע. יעדנפאַלס, האָט דאָס אים באַוויזן צו זיין עטוואָס מילדער מיט די טאַרטאַק־אַרבעטער און מיטן זעג־מייסטער דאָן פּעליפּע, פלעגט ער אַפילו ס׳רוב מאָל פאַרפירן פריינטלעכע שמועסן, בעת וועלכע ער פלעגט שיטן מיט אָפּגעניצטע וויצן, וואָס האָבן אים אויסגעוויזן צו זיין זייער טיפּזיניק. יעדנפאַלס, האָבן אים די הכנעהדיקע צושטימונגען פון דאָן פּעליפּע, באַוויזן צו גלייבן אין דער ראַפינירטקייט פון זיינע וויצן און ווערטלעך.

אָבער די שמועסן פונעם הער שוליך מיט דאָן פּעליפּע, זענען חלילה קיינמאָל נישט פאַרקראָכן צו ווייט: מערסטנס פלעגן זיי זיך דרייען אַרום באַנאַלע זאַכן, וואָס פאַר שוליכן האָבן זיי געהאַט אויף אַזוי פיל אַ ווערט, אויף וויפל זיי זענען געווען דער אַריינפיר אויף צו געבן אָנצוהערן דעם אַלטן אַרבעטער, אַז ער זאָל אים אויסקלייבן טרוקענע קלעצלעך אויף אַהיימצונעמען... אַנדערש אָבער האָט די דאָזיקע שמועסן באַטראַכט דאָן פּעליפּע: פאַר אים איז דאָס, וואָס דער שעף אַליין פאַרפירט מיט אים אַ שמועס, געווען זייער אַ גרויסער כבוד און ער פלעגט גערן איינשטימען צו די מיינונגען פונעם הער שוליך, זאָל אים יענער אַפילו געווען זאָגן אַז עס רעגנט, ווען די זון האָט סכנותדיק געברענט אינדרויסן.

אָבער מערקווירדיק, זינט דער געשיכטע מיט די פלוג־בלעטלעך, וועלכע האָט שולצן נישט געלאָזט רוען, האָט ער זיך געניויטיקט אין אַ מענטשן מיט וועמען צו טיילן זיין חשדים. איינמאָל האָט ער פאַרפירט אַ שמועס מיטן אַלטן דאַן פעליפע.

געווען איז דעמאָלט אַ שטרייק פון די פּאָרט־אַנלאָדער און איינער פון די גרעסטע תבואה־עמפּרעסעס. די פּאָרט־זאָנע איז פול געווען מיט אַרבעטער, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין גרופּן און אַלע גערעדט אויפן קול, איבערשרייענדיק איינער דעם צווייטן. שולץ, וועלכער איז געשטאַנען ביים טאַרטאַק און דאָרט עפּעס אָנגעוויזן דעם זעג־מייסטער, דערזעענדיק די אַרבעטער, האָט זיך דערמאָנט אין זיינע פלוג־בלעטלעך. ער האָט איבערגעריסן מיט דער אַרבעט און פאַרפירט אַ שמועס מיטן אַלטן, ער האָט דורך אים געוואָלט אָנטאַפּן די שטימונג צווישן זיינע אייגענע מענטשן.

דאָן פעליפע האָט באַמערקט, אַז שולץ קוקט אָן דער זייט ווו די אַרבעטער האָבן זיך געטומלט, האָט ער הכנעהדיק באַמערקט:

— עס טומלט זיך, טאָמער ווייסט איר וואָס?

שולצן איז דאָס אפּנים שטאַרק געפעלן געוואָרן, ווייל ער האָט אַ שמייכל געטון צום אַלטן און געזאָגט:

— זיי טומלען, ווייסן אַליין נישט וואָס זיי ווילן. מיר דאַכט זיך, אַז יענער אָ, איז גאָר נישקשהדיק בגילופין — האָט ער מיטן פינגער אָנגעוויזן אויף אַ נידעריקן פעסט־געבויטן פּאָרט־אַרבעטער, אין אַ פּאָר גע־פּאַסעוועטע הויזן אַרומגענומען מיט אַ ברייטן שוואַרצן וואָלענעם וויקל־שנור, וואָס האָט זיך צווישן דעם בינטל אַרבעטער מער פון אַלעמען געהיצט.

מאַריאָ זאַפּפאַ, וואָס האָט מיט אַ בעזעם אָפּגעקערט דעם פאַרפּראָשעטן זעג־געשטעל, האָט, דערהערנדיק שולצס באַהויפּטונג, געגעבן צו זיך אַ פילדייטיקן שמייכל. דער אַלטער דאָן פעליפע האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, איינגעשטימט אַז דער דאָזיקער אַרבעטער דאַרף זיין שכור, ווען נישט, וואָלט ער דאָך אַזוי נישט געטומלט.

— אומרויקע צייטן היינטיקע — האָט דער אַלטער געוואָלט טרייסטן

שולצן, וועלכער האָט זיך ווי עס האָט אויסגעזען פון זיין כסדרדיקן קוקן אויף די פאַרזאַמלטע אַרבעטער, שטאַרק געערגערט.

— און ווער איז אין דעם שולדיק — האָט שולץ ספּאָנטאַן אַ זאָג געטון — זיי אַליין זענען שולדיק, ווער הייסט זיי שטרייקן, ווער?

— מען האָט אָפּגעזאָגט צוואַנציק טרעגער פון דער עמפּרעסע — האָט עמיצער פון די אַרבעטער געוואָלט אַריינטראָגן קלאָרקייט אין זייער שמועס.

— דאָס האָבן די עלעוואַטאָרס צוגענומען זייער אַרבעט — האָט שולץ געוואָלט פאַרענטפערן דעם ענין.

דערנאָך האָט שולץ זיך געקלאָגט פאַרן אַלטן דאָן פּעליפּע, אַז אויך די אַרבעטער פונעם ווערפט האָבן זיך אָנגעשטעקט פון די פּאָרט־אַרבע־טער און אַז אים דאַכט זיך, אַז זיי האָבן זיך נישט אויף וואָס צו באַקלאָגן, אַז אַרבעטן אַרבעט מען דאָ מיט די אַלטע מאַשינען און קיין מענטשן האָט מען נאָך דערווייל נישט אָפּגעזאָגט און אַז דאָס האָבן זיי אים צו פאַרדאַנקען, שולצן, וועלכער היט זייערע אינטערעסן.

ער האָט אַ ביסל געשוויגן און דערנאָך צוגעגעבן מיט ביטערניש, ווי ער וואָלט זיך פאַרקלאָגט פאַרן אַלטן זעג־מייסטער.

— און פונדעסטוועגן קוק ווי מען האָט שוין אויפן ווערפט אויך אָנגעהויבן זיך בונטעווען. מען פאַרטיילט שוין בונטאַרישע פּאַפּירלעך — האָט ער אין איין אָטעם אָפּגעהאַקט.

דער אַלטער האָט, פאַרשטייט זיך, אינגאַנצן מסכים געווען מיטן שעף, אָבער ער האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט בכלל געטראַכט אַז דער שעף האָט היינט נישט גערעדט ווי געוויינלעך. ער האָט געפילט, דאָן פּעליפּע, אַז עפּעס האָט זיך ביי שולצן געביטן, געביטן צום שלעכטן און ער האָט אים באַדויערט.

* * *

שולצן האָט זיך נישט איינגעגעבן אויסצוגעפינען, ווער פון די אַר־בעטער עס פאַרשפּרייט די פלוג־בלעטלעך און ער האָט באַשלאָסן, אַז דאָס צעשיט זיי עמיצער פון די אַלגעמיינע פּאָרט־אַרבעטער. אַ סך מאָל איז זיין קוק געפאַלן אויף מאַריאָ זאַפּפּאָ. ער פלעגט אים פון דער זייט

פֿאַרשן, אָבער באַשולדיקן אים אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער נישט געקענט. חוץ דעם איז דאָך דער מענטש געקומען רעקאָמענדירט פֿונעם איטאַליענישן קאָנסול, איז ווי האָט ער אים געקענט באַשולדיקן אין אַזאַ אַרבעט? שיקט זיך אַז זיין פֿריינט דער איטאַליענישער קאָנסול זאָל אים שיקן אַזאַ פֿאַרשוין, ער האָט דערפֿון אַפֿילו טראַכטן נישט געקענט.

דערווייל איז אונטערגעקומען די צייט ווען עס האָט באַדאַרפֿט אָנ־קומען דער נייער דירעקטאָר, שולץ האָט זיך באַמיט צו דערשיינען פֿאַרן דירעקטאָר אין אַ גוטער שטימונג, אָבער דאָס האָט דאָך נישט אויס־געמיטן אַז דווקא אין דעם זעלבן טאָג, ווען עס האָט געזאָלט אָנקומען דער דירעקטאָר, זאָלן זיך די באַציִונגען צווישן אים און די אַרבעטער פֿאַרשאַרפֿן.

עס איז געווען זיבן אינדערפֿרי. דער פּרימאָרגן איז געווען אַ קאַל־טער. פֿון טייך האָט געצויגן אַ קאַלטער ווינט. דער הייזעריקער פֿייף פֿון דער מאַשין־סירענע האָט אָנגעזאָגט דעם אָנהויב פֿון אַ טאָג אַרבעט. די אַרבעט האָט זיך ווי שטענדיק אָנגעהויבן לאַנגזאַם און איז וואָס אַמאָל געוואָרן שטאַרקער, אינטענסיווער.

אויפֿן שטאַפּל טראָגט זיך אַ שווערער ריח פֿון חלב אויסגעמישט מיטן שאַרפֿן געריך פֿון פֿאַרזשאַווערטן בלעך. אַלץ דאָרטן, איז גליטשיק און נאַס: די הילצערנע באַלקעס וואָס ציִען זיך אין דער ברייט פֿון גאַנצן שטאַפּל־שיפֿוע, פֿאַנגען זיך אָן ערגעץ העט אויבן כמעט ביים שאָסיי פֿון דער פּאָרט־זאָנע און ענדיקן זיך ערגעץ אַ צוואַנציק מעטער אינעם אויסגוס פֿונעם טייך. די דאָזיקע באַלקעס זענען נאַס און קויטיק. עס וואַלגערן זיך אַרום איבערן שטאַפּל אָפּשניצן פֿון פּירקאַנטיקע קלעצער, וואָס דינען אַלס אונטערשפּאַר פֿאַר די אַרויסגעשלעפּטע שיפֿן און שיפֿלעך. דאָ און דאָרט, ליגן אָנגעוואָרפֿן אַלטע צעזשאַווערטע אייזן־בלעכן, וואָס זענען אַנטנומען געוואָרן פֿון אַ באַרזשע. די שפּאַלטן צווישן די העלצער אויפֿן שטאַפּל, זענען פֿול מיט קעפּ פֿון אַלטע אָפּגעהאַקטע ניטן. דאָ און דאָרט זענען צעשטעלט אַלטע שיפֿוואַרג צום פֿאַרריכטן. אָט, האָט מען ביי איינער אַנטנומען עטלעכע בלעכן, זעט זי אויס פֿון ווייטן ווי אַ צע־לייגטע נבילה מיט אַן אויפֿגעריסענעם בויך... און אָט האָט מען אַ צווייטער שוין צוגעניטעוועט אַ נייע אייזן־בלעך און זי אָפּגעגרונטעוועט מיט

רויטן, זעט זי אויס ווי אַן אַלטער שוואַרצער בגד, אויף וועלכן מען האָט אַרויפֿגעלייגט אַ רויטע לאַטע...— בײַ דער זײַט פֿון אַ ריזיקער שלעפּשיף מיט אַ הויכן מעכטיקן מאַסטבוים און שוואַרצן ברייטן קוימען, שטייען צעשטעלטע קליינע מאָטאָר־שיפֿלעך, דאָ און דאָרט אָפּגעפֿאַרבט מיטן רויטן — משמעות אַז מען האָט זיי פֿאַרריכט — און זעען אויס אַרום דער גרעסערער שלעפּשיף ווי די הינטלעך אַרום אַ צויג...

די אַרבעטער האָבן זיך צעשיט איבערן שטאָפּל. פֿיל פֿון זיי האָבן זיך דורך די לעכער פֿון די אַנטנומענע בלעכן פֿאַרקליבן אינעווייניק אין די שיפֿן און באַלד האָבן זיך פֿון דאָרטן דערהערט האַמער־קלעפּ וואָס האָבן אָפּגעקלונגען אין אַ ווידערקול ערגעץ אין די רוימען פֿון דעם פֿרימאָרגנדיקן אַרום. אונטער איין באַרזשע, וועלכער מען האָט צוגעניטעוועט אַ נייעם דנאָ, האָט זיך ווי אַ שטעפּמאַשין צעהוליעט אַ ניטרעוואָלווער. די מעכאַנישע האַרנעלעך האָבן פֿריילעך גענומען זשומען מיט זייערע ווענטילאַטאָרס און שפּייען מיט פֿונקען אין דער ווינטערדיקער פֿרימאָרגן־לופֿט. איינס נאָך איינס זענען פֿון דאָרט געפֿלויגן די ווײַסע אָנגעגליטע ניטלעך. די ניטן־קלאַפּער האָבן זיי געשיקט געכאַפּט מיט זייערע פֿאַרשפּיצטע צווענגלעך און זיי אײַנגעגלידערט אין דעם גרויסן אײַזערנעם קערפּער פֿון דער באַרזשע, וואָס איז אַ שטומע געשטאַנען אויף אירע קלעצער און געוואַרט, אַז מען זאָל זי שוין פֿאַרריכטן און זי צוריק אַרײַנלאָזן אין וואַסער. איבערהויפּט פֿלעגן די אַרויסגעשלעפּטע שיפֿן אויפֿן שטאָפּל, מאַכן דעם אײַנדרוק פֿון אָפּגעטויטע ריזיקע פֿיש, וועלכע מען האָט אַרויסגעלייגט אויף דער יבשה און זיי ליגן דאָ אַזוינע טויטע, פֿאַרגליווערטע און קוקן מיט זייערע גלעזערנע אויגן אויף דער וועלט...

שולץ איז יענעם פֿרימאָרגן געקומען פֿריִער ווי געוויינלעך אין טאַזשער אַרײַן. עס איז נישט אַריבער קיין פֿופֿצן מינוט זינט די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן, ווי ער איז ווי אַ וויכער פֿאַרפֿאָרן מיט זײַן קאָטש און גלײַך עס וואָלט אים געטריבן אַ נישטגוטער, איז ער אויסגעוואַקסן אויפֿן שטאָפּל און גענומען קאָמאַנדעווען. דאָסמאָל האָט ער זיך מיט דער אַרבעט נישט געקענט פֿאַרלאָזן אויפֿן קאַפּאַטאַז: עס האָט זיך געהאַנדלט

אין דעם באַזוך פון נייעם דירעקטאָר, וואָס מען האָט ספּעציעל געשיקט פון פראַנקרייך.

יענעם פרימאָרגן, האָט פונעם הער שולץ באמת געברויזט. דער וויזיט איז באַשטימט געווען אויף 10 אַזייגער.

עס איז שוין נייַן, און דאָ איז דאָס שטאָפּל פּאַרמיסטיקט ווי אַן אָפּ־טריט. שולץ איז אויפן קאַפּאָטאַז אַרויפגעפאַלן מיט זיין גאַנצער „דער־צויגנקייט". (ער האָט אים דעם פרימאָרגן פאַרגעסן אַפילו די האַנט צו געבן, אַזוי צעיאַכמערט איז ער געווען). דער קאַפּאָטאַז איז געשטאַנען אַ צעמישטער און נישט געוווּסט ווי אַזוי זיך צו פאַרענטפערן; די פּעאָנעס האָבן שוין באַצייטנס דערפילט דעם שטורעם וואָס גרייט זיך אַראָפּצולאָזן אויף זייערע קעפּ און האָבן זיך באַמיט צו אַרבעטן וואָס שטאַרקער, וואָס אינטענסיווער. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן: שולץ אין זיין אומבאַ־האָלפנקייט צוזוגרייטן דעם ווערפט אַ רייַנעם ביז 10 אַזייגער, האָט זיך ווי אַ ווילדע חיה אַרויפגעוואָרפן אויף די פּעאָנעס און זיי גענומען זידלען מיט וואָס אים איז געקומען אין מויל אַריין:

— אידיאָטן, אַנימאַלן וואָס איר זענט! איר וועט ביי מיר פּלאַצן...

ביז צען דעם זייגער וועט דאָס שטאָפּל ביי מיר מוזן שיינען, גלאַנצן. איר וועט אַרבעטן... איר חיות... ברררררר... סאַקראַמענטאָ! אַנימאַלעס!

מיטאַמאָל איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. עס איז קענטיק געווען, אַז אים איז עפּעס פּלוצים איינגעפאַלן. ער האָט זיך געווענדט צום קאַפּאָטאַז, וועל־כער איז געשטאַנען אַ צעטומלטער און הילפלאָזער, און אויסגערופן ענער־גיש:

— אַלע פּאַכמענער אַהער... אַלע וועלן זיי ביי מיר היינט אַרבעטן אַלס פּעאָנעס. אַלע... נישטאָ קיין מיוחסים!

און נישט וואַרטנדיק אַז יענער זאָל אויספילן זיין באַפעל, איז ער אַליין פלינק צוגעלאָפן צו דער באַרזשע פונוואַנען עס האָט זיך געהערט דאָס רעוואָלווער-קלאַפּעריי און זיך צעשריגן:

— אַרויס פונדאַנען! אַלע אַרויס אָפן שטאָפּל. היינט וועלן אַלע אַר־בעטן אַלס פּעאָנעס!

ער האָט זיך האַסטיק געווישט דעם שוויס, וואָס האָט אים גערונען פונעם שטערן, גלייך ער וואָלט ערשט געענדיקט אַ לויף־געוועט.

די אַרבעטער האָבן שוין אַוועקגעלייגט דאָס געצייג און געוואָלט אַרויס אויפֿן שטאָפּל, ווען פּאַלאַסיאָ, אַ בלייך־געוואָרענער, אויפֿגערעג־טער, אָבער אויסערלעך רויִקער, האָט זיך אָנגערופֿן:

— האַלט! קיינער וועט פֿונדאַנען נישט אַרויסגיין אויפֿן שטאָפּל. מיר זענען פֿאַכמענער, נישט קיין פּעאָנעס. — יענע וואָך האָט איר אָן אַ פּאַרוואָס אָפּגעשטעלט פֿינף שוואַרץ־אַרבעטער — האָט ער צוגעוואָרפֿן דעם שעף אַ דרייסטער. — „זעקס ניטלעך, אַ צאָל דריי פּערטל״ — האָט ער זיך געווענדעט צום יינגל, וואָס האָט געוואַרעמט די ניטלעך. דערביי האָט ער אַ קוועטש געטון דאָס ציינגל פֿונעם רעוואָלווער און יענער האָט זיך ראַשיק צעטאַנצט איבערן בלעך.

שולץ איז געבליבן ווי געליימט. אויף אַזאַ אָפּשניט האָט ער זיך נישט געריכט. וואָלט עס געקומען פֿון אַ צווייטן נישט פֿון פּאַלאַסיאָן, וואָלט ער זיך מיט אים באַלד אַן עצה געגעבן. נאָך היינט וואָלט ער אים אָנט־זאָגט, אָבער אַנטזאַגן דעם קעסלער פּאַלאַסיאָן, וואָלט געהייסן זיך אָפּ־שניידן די רעכטע האַנט; פּאַלאַסיאָ איז געווען דער בעסטער קעסלער אויפֿן ווערפֿט.

אגב האָט דער דאָזיקער אַרויסטריט אים באַלד אָפּגעקילט. ער האָט זיך באַלד באַרעכנט, אַז עס לוינט זיך אים איצט נישט איינצורייסן. ער האָט דערפֿילט דעם אָנזאָג פֿון אַ שטרייק, און נאָך דאָס פֿעלט אים איצט, אַ שטרייק אויפֿן ווערפֿט, איצט ווען דער נייער דירעקטאָר האַלט אין איבערנעמען די פֿירונג. ער האָט מיט פֿאַרקלעמטע ציין זיך אויס־געדרייט פֿון דאָרט, וואָרטשנדיק:

— נייע צייטן... פֿלוג־בלעטלעך, אָרגאַניזאַציע... איינִיקייט... פֿאַר־שאָלטענע, בררררר... סאַקראַמענטאָ!

***

צען אַזייגער איז דער נייער דירעקטאָר אַראָפּגעפֿאַלן אויפֿן ווערפֿט. מיט רעש איז פֿאַרפֿאָרן דער לוקסוס „ציטראָען״ פֿון דער עמפּרעסע. דער אוניפֿאָרמירטער שאָפֿער איז פֿלינק אַרויסגעשפּרונגען פֿון זיין פֿאָדערשטן זיץ און מיט רעספּעקט געעפֿנט דאָס הינטערשטע טירל פֿונעם קאָטש. פֿון דאָרט איז מיט אַ כמעט קינדערישער באַוועגונג אַרויסגעשטיגן אַ דע־

ליקאַט, זייער נידעריק מענטשל, מיט אַ גלאַט ראַזירט קינדיש פּנימל. פונעם נעזל האָבן אַראָפּגעגלאַנצט אַ פּאָר גרויסע, לויטן פּנים,ברילן, הינטער וועלכע עס האָבן קלוג געקוקט אַ פּאָר ליכטיק ברוינע אייגעלעך.

דער הער שולץ איז באַלד אויסגעוואַקסן לעבן אויטאָ און מיט אַ העפלעך חניפהדיקן שמייכעלע, הינטער וועלכן עס האָט זיך באַהאַלטן אַ לייכטער ביטול, האָט ער אים דערלאַנגט זיין גרויסע האַנט, אין וועלכער יענעמס קינדיש הענטל איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן געוואָרן. דער דירעקטאָר האָט מיטן בליק אַרומגענומען דעם גאַנצן טאַזשער, שולצן אַריינגערעכנט, און האָט אַ לייכטן שמייכל געטון. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען אַ מאָדערנעם פּאָרטציגאַר און פאָרגעלייגט שולצן אַ פּאַפּיראָס און ווען דער האָט זיך אַנטזאַגט, האָט ער אַליין פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס מיט אַ זייער טשיקאַווע צינד־מאַשינקע און וויליונגעריש גענומען בלאָזן דעם רויך.

שולץ האָט אויסגענוצט די פּויזע און מיט אַ כיטרע שמייכל זיך אָנגערופן:

— מיר דאָ האָבן קיין צייט נישט צו רויכערן — ער האָט דערביי געכאַפּט אַ קוק אויפן ריזיקן שילד וואָס האָט געהאָנגען אויף אַ דראָט און אָנגעזאָגט אַז: „רויכערן שטרענג פאַרבאָטן“.

דער דירעקטאָר, וואָס האָט הפנים נישט געמאַכט זיך קיין גרויס וועזן פון שולצן, האָט ווי נישט געהערט וואָס יענער האָט ערשט געזאָגט, געבלאָזן דעם רויך און ווייטער געוואָרפן בליקן איבערן טאַזשער. עס איז קענטיק געווען, אַז דער צוזאַמענשטעל פון די וואַרשטאַטן און פון דער מאַשינעריע, האָט אויף אים קיין איבעריק גוטן איינדרוק נישט געמאַכט. אַזוי האָט צווישן זיי אָנגעהאַלטן אַ שטילשווייגעניש. עס איז קענטיק געווען, אַז שולץ האָט זיך לכתחילה אַ ביסל פאַרלוירן נישט וויסנדיק פון וואָס מען הויבט אָן די צערעמאָניע פון דעם דירעקטאָרס באַזוך. רופן אים האָט ער נישט געוואַגט. און דער דירעקטאָר איז דערווייל געשטאַנען מיט אַ שמייכעלע און געוואַרט. דער מאָמענט איז פאַר שולצן געווען אַ פּיינלעכער, פּונקט ווי ביי איינעם וואָס האָט איינגעלאַדן געסט און ער האָט זיי נישט מיט וואָס אויפצונעמען. אָבער באַלד איז אונטערגעקומען אַ געלעגנהייט: פון דער שמידעריי האָט זיך דערהערט דאָס

האַסטיקע האַמערן פון דעם ריזיקן מאַרטין־האַמער, וואָס האָט גערופן דעם דירעקטאָרס אויפמערקזאַמקייט. שולץ האָט עס באַמערקט און זיך אָן דעם גערן אָנגעכאַפּט, כאָטש עס האָט זיך אים קיינמאָל ניישט געחלומט אַפילו אַז ער זאָל דעם נייעם דירעקטאָר דאָס ערשטע פירן ווייזן די שמידעריי. ער האָט זיך אָנגערופן:

— אַ פיינע שמידעריי ביי אונדז. איר ווילט זען דעם דאַמף־האַמער, וואָס מיר פאַרמאָגן? אַ מעכטיקער מאַרטין־האַמער!

ער האָט ניישט געוואָרט אַז יענער זאָל אים ענטפערן, נאָר גלייך גענומען שפּאַנען און דער דירעקטאָר איז אים נאָכגעגאַנגען: לעבן דעם הויכן צעוואַקסענעם שולצן האָט דער קליינינקער, דריבנער דירעקטאָר אויסגעוויזן ווי אַ קינד. און וואָלט ער נאָר געטראָגן קורצע הייזלעך און שולץ זאָל אים פירן ביים הענטל, וואָלט עס אויסגעזען אַז דער גרויער שולץ, פירט זיינס אַן אייניקל...

דער האַמער האָט דאָס מאָל געשמידט אַ ריזיקן וואַלץ פון אַ טרייב־שרויף, וואָס מען האָט פאַרריכט פאַר אַ גריכישער לאַסט־שיף. דער שמיד, אַ פופציק־יעריקער, פעסט־געבויטער איטאַליענער, האָט קעגן דעם ריזיקן געשטעל פונעם מאַרטינעט, אויסגעזען קליין. ער האָט אָבער פונדעסטוועגן מיט זיינע מוסקוליעזע ווי שטאָל האַרטע אָרעמס, געדרייט דעם אָנגעגליטן וואַלץ, וועלכן דער האַמער האָט געקנאָטן ווי אַ טייג.

שולץ מיטן דירעקטאָר זענען געשטאַנען און שווייגנדיק צוגעקוקט דעם ספּעקטאַקל. שולץ האָט געשמייכלט מיט אַ מין גאווה, ווי גלייך ער וואָלט עס געווען דער וואָס שמידט דעם וואַלץ. ער האָט געכאַפּט אַ קוק, אָט אויפן האַמער און אָט אויפן גאַסט און געוואָלט זען דעם איינדרוק, וואָס עס האָט אויף אים געמאַכט. ענדלעך האָט ער מיט ניישט באַהאַלטענעם שטאָלץ אַ פרעג געטון:

— מעכטיק, האַ? די שווערסטע אַרבעט מאַכן מיר דאָ.

דער דירעקטאָר האָט אים געענטפערט זאַכלעך אָן דעם מינדסטן צייכן פון איבערראַשונג:

— די דאַמף־האַמערס זענען ניישט שלעכט, אָבער היפּש פאַרעלטערט. היינט נוצט מען עלעקטראָ־מעכאַנישע האַמערס, אויך לופט־דרוק האַמערס, זיי זענען מאָדערנער און אַ סך שפּאָרזאַמער: דער שמיד אַליין

פירט זיי אָן מיטן פוס אויף אַ ספּעציעל צוגעמאַכטן פוס־פּעדאַל. ער אַרבעט איינער אַליין אויף אים, אינדערצייט וועןן די דאַמף־האַמערס דאַרפן אַ ספּעציעלן מענטשן אויף צו רעגולירן דעם דאַמף־צופלוס. מיר אין די פאַבריקן אין פראַנקרייך האָבן אַלע דאַמף־האַמערס געביטן אויף מאָדערנע עלעקטראָ־מעכאַנישע — האָט ער ווי אויף צו באַשטעטיקן זיין מיינונג צוגעגעבן.

שולץ האָט באַלד דערפילט פאַר זיך אַן אויטאָריטעט; ער האָט דער־פילט דעם מאָדערנעם אינזשיניער, וועמען עס זענען באַקאַנט די נייסטע מעטאָדן אין דער מאָדערנער אינדוסטריע; ער האָט ביי דער ערשטער באַמערקונג פונעם דירעקטאָר דערפילט דעם סוף פון זיין ראָל אַלס אָנ־טרייבער, וואָס הגם ער האָט עס געטון פאַר די אינטערעסן פון דער עמפּרעסע, האָט ער זיך דערזען ווי אַ פאַרגליווערטן אַלטמאָדישן שעף־פאַרוואַלטער, וואָס האָט זיך געקלאַמערט אין דער אַלטער מאַשינעריע. ער האָט זיך דערזען אַלס אַלטן מאַן, וועלכער האָט אין דער געזעלשאַפט פון זיינע חברים וועטעראַנען פון דער עמפּרעסע און אין דער סביבה פון אַלטע אָפּגעלעבטע מאַשינען און אַרבעטס־מעטאָדן, ווי נישט באַמערקט די רעוואָלוציע, וואָס די טעכניק האָט פאַר די לעצטע יאָרן אָנגעמאַכט.

ער האָט פונדעסטוועגן מיט אַ מין התנצלות־זשעסט באַמערקט דעם דירעקטאָר:

— דאָרט אין פראַנקרייך האָט איר איינגעפירט מאָדערנע איינריכ־טונגען, איך ווייס עס און פאַרשטיי עס אויך... אָבער דאָ, איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז דאָ זענען די אינטערעסן פון דער עמפּרעסע אַנדערע... נו, איר פאַרשטייט דאָך, אַז מירן דאָ נישט איינפירן קיין מאָדערנע אייב־ריכטונגען פאַר אַנדערע. אייך איז דאָך מסתמא באַוווּסט, אַז אונדזער קאָנצעסיע האַלט שוין ביים אויסגיין...

דער דירעקטאָר האָט אים אויסגעהערט, האָט מיט הסכמה צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אָבער אויף זיין פּנים האָט אַלץ אומגעשוועבט דאָס פילבאַ־דייטנדיקע שמייכעלע, וואָס האָט שולצן אַריינגעבראַכט אין פאַרלוירנקייט.

ווייטער איז שוין די רעוויזיע צוגעגאַנגען קאַלט. שוין די ערשטע באַמערקונג פונעם דירעקטאָר האָט שולצן געגעבן אָנצוהערן אַז עס וועט גלייכער זיין וואָס ווייניקער צו ריידן. ביי אייניקע מאַשינען האָט זיך דער

דירעקטאָר אָפּגעשטעלט און זיי באַטראַכט. אַזוי למשל האָט ער אַ גוטע ווײַלע באַטראַכט די גרויסע שער און געזאָגט שולצן אַז די עמפּרעסע האָט דאָרטן אין פראַנקרייך אויך איינע אַזאַ — אין פאַבריק־מוזיי... ווייל שוין מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק האָט מען דאָרטן איינגעפירט עלעקטרישע מאָדערנע שערן. אויפן שטאַפּל האָט דער דירעקטאָר שולצן באַמערקט דעם אופן ווי אַזוי עס האָבן עטלעכע פּעאָנעס געריייניקט דעם זשאַווער פון אַ באַרזשע. זיי האָבן עס געטון מיט די פּרימיטיוויסטע מיטלען פון קליינע פאַרשאַרפּטע העמערלעך און קראַץ־אייזנס. אַזוי — האָט ער אים געזאָגט, — האָט מען אַמאָל אָרומגערייניקט דעם זשאַווער פון שיפן, היינט זענען שוין דאָ מאָדערנע איינריכטונגען־אַפּאַראַטן וואָס אַרבעטן ווי ניט־רעוואָלווערס מיטן לופט־דרוק, און אַז איין מענטש קען אין אַ שעה אָפּרייניקן אַזוי פיל זשאַווער, וויפל צען מענטשן אין אַ טאָג...

שולץ האָט אַ שטילשווייגנדיקער אויסגעהערט די באַמערקונגען פון דעם נייעם דירעקטאָר. אויסערלעך האָט ער זיך צוגעהערט ערנסט און אויפמערקזאַם; אינערלעך אָבער, האָט ער געלאַכט פון זיין אייפער פאַר נייע מאָדערנע מעטאָדן אין דער אַרבעט. צי האָט ער דען נישט פאַרשטאַנען שולץ, אַז די מאַשינען און זייער צוזאַמענשטעל זענען אַלטע און אָפּגעלעבטע, ער האָט אָבער אויך זייער גוט געקענט די צילן פון דער עמפּרעסע ווי ער איז אויך געווען אַ מיטגליד: ער האָט געוווסט, אַז די צילן פון דער עמפּרעסע זענען נישט צו באַווייזן זיך פאַר דער וועלט מיט דער מאָדערנער אויסשטאַטונג פון אירע ווערפטן, נאָר וואָס גרעסערע רווחים אַרויספּרעסן פון דער קאָנצעסיע וואָס זי האָט ביי דער רעגירונג. כאָטש שולץ האָט פאַר זיך דערזען אין דער פּערזאָן פונעם נייעם דירעקטאָר אַן אויטאָריטעט, מיט מאָדערנע באַגריפן פון אָנפירן אַן אינדוסטריעלע אונטערנעמונג, האָט ער אָבער בשעת־מעשה געפילט אַז סוף־כל־סוף איז ער, שולץ, נאָך אַלץ דער אמתער אויסדרוק פון דער אויסלענדישער עמפּרעסע, וועמענס אינטערעסן ער פירט אויס אין הסכם מיט אירע קאַפּיטאַליסטישע רווח־טענדענצן. און זאָל ער אַפילו געווען דאַרפן אַרויסשלעפּן אַ שיף אויפן שטאַפּל אַרויס נישט מיט דער דאַמף־מאַשין, נאָר מיט פערד, ווי אין די אַמאָליקע פּרימיטיווע צייטן, וואָלט ער עס אויך געטון, אַבי נאָר עס זאָל לאָזן וואָס מער פאַרדינסט פאַר

דער אונטערנעמונג; וואָס גייט אים אָן וואָס היינט זענען פאַר דעם צוועק פאַראַן מאָדערנע מעכאַנישע מעטאָדן, וואָס שלעפּן די שיף אַרויס אויפן שטאַפּל ווי אַ ניס־שאָלעכץ? אים, שולצן, גייען אַזוינע זאַכן נישט אָן, ווייל ער ווייסט אַז דער גאַנצער אינוועטאַר פון דער עמפּרעסע וועט נאָכדעם פאַרבלייבן פאַר דער מלוכה און עס וועט רעכט זיין אַזוי, זי וועט עס אַזוי אויך צונעמען.

און עס איז אויסגעקומען, אַז כאָטש דער נייער דירעקטאָר האָט געמאַכט זיינע נישט גינסטיקע באַמערקונגען וועגן דער איינריכטונג פון דעם ווערפט, האָט זיך שולץ דאָך באַטראַכט ווי אַ זיגער פון דער ערשטער באַגעגעניש מיטן נייעם שעף: אמת, יענער האָט אַרויסגעזאָגט זייער זאַכלעכע געדאַנקען. שולץ האָט עס אָבער באַטראַכט אַלס דעם ערשטן דורכפאַל פאַרן דירעקטאָר, ווייל זיינע אָנשוויונגען זענען נישט געווען לויט זיין מיינונג, אין אָנקלאַנג מיט די אמתע אינטערעסן פון דער עמפּרעסע. ער האָט אים באַטראַכט אַלס נאַיִוון מענטשן וואָס האָט נישט קיין אָנונג וועגן די אמתע צילן פון דער אונטערנעמונג.

— „זיי האָבן געשיקט פון דאָרטן אַ יינגל אַלס דירעקטאָר“ — האָט שולץ זיך געטראַכט ווען יענער איז פון דאָרט אַוועק — „מירן אויספירן זיינע באַפעלן. דאָס וועט זיי אָבער אָן איבעריק מאָל באַווייזן דעם ווערט פון די אַלטע, פון די באַהאַוונטע אויסגעפּרוווטע סאָלדאַטן, וואָס שטייען שוין דאָ עטלעכע צענדליק יאָר אויף זייערע פּאָסטנס, האָבן שוין דאָ געליטן קאָלטס און וואַרעמס. אַ, זיי וועלן זיך אָן איבעריק מאָל איבערציגן אינעם ווערט פון די אַלטע...“ — אַזוי האָט דער הער שולץ געטראַכט און אַריינגעשמייכלט אין זיך אַ צופרידענער.

***

דאָס איז פאַרגעקומען אַ דריי חדשים נאָכדעם וואָס דער נייער דירעקטאָר האָט איבערגענומען זיין אַמט.

בייטאָג. אַ פערטל פאַר איינס אַזייגער. די אַרבעטער האָבן זיך נאָר וואָס אומגעקערט פונעם מיטיק. זיי זענען געזעסן אין אַ קרייז אַרום אַ צעזשאַוועטן בלעכענעם „בראַסעראָ“, ווו די איבערגעבליבענע אַרבעטער אויף מיטיק אין טאַזשער, פלעגן דערוואַרעמען זייער מיטגע־

בראַכטע עסנס. דאָ און דאָרט, האָבן זיך נאָך געוואַלגערט רעשטלעך פֿון אָפּגעגריזשעטע ביינער, פֿאַרפֿעצטע צייטונגען אין וועלכע מען האָט איינגעוויקלט דאָס עסן, שפּורן פֿון צעוויקטער זשערבע, וואָס מען האָט אויסגעגאָסן צוזאַמען מיט אויפֿגעזאָטענער מאַטע, וואָס איז פֿאַרבליבן נאָכן טרינקען. די אַרבעטער זענען געזעסן ווי עס האָט זיך געמאַכט. ווער אויף אַ קלעצל און ווער אויף אַן איבערגעקערטער נאַפֿט־בלעך, און געשמועסט. כמעט אַלע האָבן געשמאַק גערויכערט, ווער אַ פּאַפּיראָס און ווער אַ גראָבן „טאָסקאַנאָ״. אַנטאָניאָ, דער „אורוגווייער״ אָדער די „זקנה״ ווי מען האָט אים אין טאַזשער גערופֿן ביים צונאָמען צוליב זיין ציינלאָזן מויל — איז געזעסן אויפֿן ראַנד פֿון אַ טאַטשקע, וואָס איז פֿול געווען מיט שפּענער און זעגעכץ פֿאַר דער דאַמף־מאַשין און זיך מיט צוויי שטעקעלעך צוגעקלאַפּט צום טאַקט איבער אַ בלעכענער נאַפֿט־פּושקע צו עפּעס אַ ניגון וואָס ער האָט אונטער דער נאָז אויסגעזונגען.

אויפֿן טייך איז דורכגעשוווּמען אַן ענגלישע פּראַכט־שיף און אין דער שטילקייט פֿונעם אָרום, האָט מען דייטלעך געהערט דאָס פּאַטשן פֿון איר טרייב־שרויף, וועלכע האָט געבוירעט דאָס וואַסער פֿונעם פּאַראַנאַ. די שיף איז געגאַנגען קעגן שטראָם און האָט הינטער זיך געלאָזט אַ באַרשוימטן, צעדרויבלטן וואַסער־פּאַס. די געשטרייפֿטע ענגלישע פֿאָן, האָט שטאָלץ געפֿלאַטערט אויף איר שטאַנג, אויפֿן הינטן פֿון דער שיף.

דער שמועס צווישן די אַרבעטער, האָט זיך דאָסמאָל געדרייט אַרום דעם צאַפּלדיקן נייעס פֿון אַ מאַנגל אין דער אַרבעט אויפֿן טאַרטאַק. דער טאַרטאַק איז שטענדיק געווען די אָפּטיילונג, וואָס האָט קיינמאָל ניש געקענט צושטעלן די נייטיקע צאָל סלופּעס וואָס מען האָט באַדאַרפֿט פֿאַר דער האַפֿן־קאָנסטרוקציע. מען פֿלעגט דאָרט שטענדיק אַרבעטן אין צוויי טורנעס, זינט אָבער דער נייער דירעקטאָר איז געקומען, האָט מען ביסלעכווייז גענומען אָפּזאָגן אַרבעטער פֿון יענער אָפּטיילונג, ביז עס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די לעצטע זעג. מען האָט דעם טאַרטאַק אינגאַנצן געשלאָסן.

דער שמועס פֿון די אַרבעטער, האָט זיך געדרייט אַרום דער דאָזיקער אָט לעצטער געשעעניש.

— אַ פֿיינער טיפּ דער נייער דירעקטאָר — האָט עמיצער אַ זאָג געטון — מיט דער צייט, וועט ער אַלע מאַטעריאַלן פֿאַר דער פֿאָרט־קאָנסטרוקציע צושטעלן פּאַרטיקע פֿון דרויסן און דעם טאַזשער, וועט ער אײַנגאַנצן שליסן.

קיינער האָט דערויף גאָרנישט געענטפֿערט, אָבער עס האָט זיך געפֿילט אַ שווערע שטימונג צווישן גאַנצן עולם.

דער אורוגווייער האָט אויפֿגעהערט מיט זײַן בלעכענער מוזיק און זיך אָנגערופֿן:

— צו וואָס נוצט איצט דער טאַרטאַק, אַז מען ברענגט דאָס האָלץ פּאַרטיק צוגעשניטן פֿון פּאַראַגווײַ, מסתּמא טראָגט אויס ביליקער.

— ניין, ניין — האָט זיך אָנגערופֿן מאַריאָ זאַפּפּאַ, וואָס איז געזעסן אָן אַ זײַט און געלייענט אַ ביכל — זיי האָבן דאָרטן אין פּאַראַגווײַ באַליוויאַנער געפֿאַנגענע, אומזיסטיקע שקלאַפֿן. עס לוינט זיי דער עסק. פֿאַרן נײַעם דירעקטאָר איז דאָס ווי געוווּנטשן. אַזוי זעט ער אויס אַ נעבעכל דאָס פּראַנצויזל, ער איז אָבער הפּנים אַ גאַנץ גוטער בעל־חשבון.

— יאָ, ווײַזט אויס אַ קלוגער יאַט — האָט זיך אַרײַנגעמישט דאָן פּעליפּע, דער זעג־מייסטער פֿונעם טאַרטאַק, — ווען מען האָט זינט עטלעכע טעג איבערגעפֿירט אַלס פּעאָן אויפֿן ווערפֿט — מען שמועסט אַז די צוויי באַרזשעס, וואָס זענען יענע וואָך אָנגעקומען פֿון פּאַראַגווײַ מיטן רעמאָלקאַדאָר „א־209", זענען נישט געווען ליידיק. ס'איז אַ סברה, אַז זיי האָבן פֿון אויבן נאָר געפֿירט קאַרטאָפֿל מיט ווייץ. אונטן, זאָגט מען, האָט מען אָנגעלאָדן פֿאַרדעכטיקטע קעסטלעך, ווו עס איז געליגן געווער און קוילן.

די אַרבעטער האָבן אויפֿגעשטעלט מויל און אויערן און דאָן פּעליפּע האָט געשמאַק פֿאַרצויגן זײַן כמעט פֿאַרלאָשענע פּיפּקע, וועלכע ער האָט צעזשאַרעט מיטן פֿינגער פֿון זײַן קלעצל־אַרטיקער האַנט.

אָפֿיציעל האָט מען פֿון אַזוינע זאַכן נישט געוווּסט. מען האָט געמורמלט, אַז פֿאַר דעם ריזיקן וואָפֿן־שמוגל וואָס איז געגאַנגען קיין פּאַראַגווײַ, האָט מען עטלעכע מאָל געדונגען ביי דער עמפּרעסע אַ שלעפּשיף מיט באַרזשעס. עס פֿאַרשטייט זיך, די עמפּרעסע האָט קיין דירעקטן שײַכות נישט געהאַט. זי האָט נאָר פֿאַרדונגען דערצו אירע שיפֿן, אָבער

עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער צו אָפּטער פאַרקער מיט פּאַראַ־גווייַ, פונוואַנען די באַרזשעס פלעגן צוריקקומען אָנגעלאָדענע מיט פּאַר־טיק צעשניטענע סלופּעס פאַר דער עמפּרעסע, דאָס איז געווען דאָס ערשטע נייעס וואָס דער דירעקטאָר האָט אָנגעווענדט אין זיין אָנפירונג און דער טאַרטאַק איז געשלאָסן געוואָרן.

די באַהויפּטונג פון דאָן פעליפּע, האָט אָנגערעגט אַז דער שמועס זאָל זיך אויסדרייען אין דער ריכטונג פון דער טשאַקאָ־מלחמה; די דאָ־זיקע טעמע פלעגט דאָ שטענדיק געלופטערט ווערן, אָבער די גרעסטע טייל אומבאַוווסטזיניקע אַרבעטער, פלעגן דעם ענין אויפנעמען לייכט. זיי פלעגן אים אויפפאַסן פונקט אַזוי באַנאַל, ווי די ווולגאַרע שמועסן זייערע וועגן פוטבאָל צי באָקס־מעטשן. דער איינציקער וואָס האָט גע־ווּסט צו דערציילן וועגן דער מלחמה עפּעס אומגעוויינלעכס, איז געווען מאַריאָ זאַפּפאַ, וועלכער איז אַלס סטאָליער איבערגעפירט געוואָרן אויפן ווערפט און פלעגט מאַכן די האָלץ־אַרבעט ביים פאַרריכטן די שיפן.

אַז זאַפּפאַ איז אַנדערש ווי זיי, האָבן אַלע אַרבעטער באַלד באַמערקט. ער פלעגט זיך זייער זעלטן באַטייליקן אין זייערע ביליקע געשפּרעכן, סיידן עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן ערנסטן ענין. זיינע פרייע מינוטן אינצווישן דעם אַרבעטס־טאָג, ווי למשל מיטיק־צייט, פלעגט ער אויס־פילן מיטן לייענען עפּעס ביכלעך. איבערהויפּט זענען דאָס געווען דינע העפטלעך. מען האָט דערציילט, אַז ער איז פון איטאַליע אַנטלאָפן איבער זיין קעגנערשאַפט צום פאַשיסטישן רעזשים און אַז די רעקאָמענדאַציע פונעם איטאַליענישן קאָנסול האָט ער אַרויסבאַקומען דורך זיינעם אַ רייכן פעטער וואָס איז מיטן קאָנסול געווען אַ גאַנצער שמעלקע. אָט דער דאָזי־קער מאָדנער יונגער איטאַליענער, האָט געוווּסט צו דערציילן אַז אַלע וועלט־געשעענישן, זענען צווישן זיך געבונדן ווי איין גאַנצע קייט.

די אַרבעטער, על פּי־רוב די עלטערע, פלעגן אים וואָס אַן אמת, אויסהערן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט ווען ער פלעגט ריידן. פאַר זיי, וואָס האָבן צומאָל אַפילו קיין צייטונג נישט געלייענט, איז ער געווען אַ מין לעבעדיקע צייטונג. זיי פלעגן אים אויפמערקזאַם אויסהערן און עס האָט זיך דערנאָך פאַרוויקלט אַ שמועס מיט קאָמענטאַרן, וועלכע האָבן פון

איין זייט געשמעקט מיט פּרימיטיווער פֿאָלקס־קלוגשאַפֿט, און פֿון דער צווייטער זייט מיט אַ סך איגנאָראַנץ און פֿינצטערער אומבאַוווסטזיניקייט.

וועגן דער טשאַקאָ־מלחמה, האָט ער צום ביישפּיל זיי געוווסט צו דערציילן, אַז נישט באָליוויע און נישט פּאַראַגווײַ ווילן נישט קיין מלחמה. נישט מער, עס זענען פֿאַראַן אַזוינע צדדים וואָס זענען אין איר פֿאַר־אינטערעסירט און זיי רייצן זיי אָן איינס אויפֿן צווייטן. ער פֿלעגט אַלץ געבן צו פֿאַרשטיין אין אַזאַ לייכטער שפּראַך. ער האָט אַלערליי מיטלען באַנוצט אַז מען זאָל אים בעסער פֿאַרשטיין. און אַלע, צי זענען זיי מיט אים יאָ איינשטימיק געווען, צי נישט, האָבן פֿאַר אים געהאַט אָפּשײַ, ווייל אַלע האָבן געוווסט, אַז ער לייענט דאָס אַלץ אַרויס פֿון די ביכלעך און העפֿטלעך, וועלכע ער ברענגט מיט זיך מיט.

און ריידן פֿלעגט ער שטיל זאַפּפּאַ. ער האָט זיך נישט געקאָכט און נישט געשריגן. זיין שפּאַניש איז געווען אַ געמיש פֿון שפּאַניש מיט אַן איטאַליענישן אַקצענט. אַ סך מאָל, ווען ער האָט זיך געצויטיקט אין אַ שטאַרק וואָרט, פֿלעגט ער באַנוצן דערצו אָן עכט איטאַליענישן אויסדרוק און דערמיט געווונען דאָס האַרץ פֿון זיין אוידיטאָריע, וועלכע איז מיינ־סטנס באַשטאַנען פֿון איטאַליענער; זיינע אַ געשיכטע, צי גלאַט אַ נייעס, פֿלעגט קיינמאָל נישט אַריבער אומבאַמערקט, נאָר האָט אַרויסגערופֿן סיי איינשטימיקייט און סיי קעגנערשאַפֿט. ער האָט פֿאַראינטערעסירט. מען האָט אים ליב געהאַט.

אויך דאָס מאָל האָט ער דאָס ביכל אָוועקגעלייגט אָן אַ זייט און פֿאַר־בונדן אַ שמועס.

— ...אָט דאָן פֿעליפּע, צו וואָס די פּאָליטיק דערפֿירט — האָט ער זיך געווענדט צום אַלטן זעג־מייסטער — צו אַלע צרות ברענגט אונדז די פֿאַרשאָלטענע פּאָליטיק. אָט האָט זיך אַפֿילו דער טאַרטאַק, אָפּגעּ־שטעלט... יאָ, דאָן פֿעליפּע, דער טאַרטאַק האָט זיך פֿון איר נישט אויס־געדרייט פֿון דער פֿאַרשאָלטענער. זי האָט אים אָפּגעשטעלט, פּאַראַליזירט דעם טאַרטאַק און דיך, דעם אַלטן אָפֿיסיאַל, דעם אַלטן פֿאַכמאַן זעג־מייסטער פֿאַרוואַנדלט אין אַ פּשוטן שוואַרצאַרבעטער, אַ פּעאָן.

ער האָט איבערגעריסן, אַ ביסל געשוויגן און ווייטער גערעדט:

— אָט, — האָט ער ווייטער פאָרגעזעצט — קענסטו שוין אַריבער 25 יאָר דעם טייך, ווי דיינע צען פינגער קענסטו אים. מעגסט מיט רעכט זאָגן אַפילו, אַז פון אים האָסטו געלעבט, אויסגעהאַלטן דיין פאַמיליע. און אַז איך וועל דיר זאָגן אַז איבער דעם זעלבן טייך, פון וועלכן דו האָסט ביז איצט געלעבט, ווערסטו איצט דערפירט צו אַלדאָס שלעכטס, וועסטו מסתמא לאַכן; זאָג איך דיר בפירוש אַז אַזוי איז דאָס, אָבער וויסן זאָלסטו דיר, אַז נישט דער טייך איז שולדיק. דער טייך איז דער זעלבער וואָס פריִער, אָבער די פּאָליטיק, זי איז אַן אַנדערע... יאָ, דאָן פּעליפּע, די פּאָליטיק.

דער אַלטער זעג־מייסטער האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט נאָר עקשנותדיק פאַרצויגן זיין פאַרלאָשענע פּיפּקע און געשוויגן. די אַי־בעריקע אַרבעטער האָבן זיך ערנסטע איבערגעקוקט, נאָר איין מאָסקאַני, וואָס האָט געשיט זעגעכץ אין מאַשין־אויוון אַריין, האָט זיך אָנגערופן:

— פּאָרקאָ דיאָ! דו זאַפּאַ וואָלסט בעסער געווען דער שעף פון טאָזשער... אויפן וואָרט, אַז דו וואָלסט אים בעסער געפירט פון „אים”. און דאָ, קוק ווי דאָס לעבן איז. ער, דער צעדולטער, ער דראָפּעט זיך אויף די גלייכע ווענט פון גאָרנישט טון, און דו, אַזאַ קאָפּ ווי דו האָסט, דו שוויצסט... מאַ! אַזוי איז דאָס לעבן — האָט מאָסקאַני פאַרענדיקט, פאַרהאַקט דאָס טירל פונעם מאַשין־אויוון און צוגעקומען נענטער צו דער גרופּע אַרבעטער.

מאַריאָ האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט פונעם אַלטן הייצערס באַהויפּ־טונג. בכלל פלעגט ער אַלץ אויפנעמען מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל. ער האָט געענטפערט:

— דיך מאָסקאַני, וואָלט איך שוין כובילירט ווען איך זאָל זיין שעף. דו האָסט שוין איבערגענוג קלעצער מיט זעגעכץ געוואָרפן אין מאַשין־אויוון אַריין. וויפל ביסטו אַלט?

— איך געדענק נישט — האָט דער אַלטער תמימותדיק געענט־פערט — דאָ אין דער עמפּרעסע וועט שוין ווערן 28 יאָר, אַז איך אַרבעט. איך געדענק נאָך ווען מען האָט די ערשטע סלופּעס פונעם פאָרט אַריינ־געשלאָגן... איך בין דעמאָלט געקומען אַהערצו פון איטאַליע אויף קאַ־סעטשע. כ'האָב גערעכנט אָפּצואַרבעטן אַ שטיקל צייט און זיך אומקערן

קיין איטאַליע און אַט ווי דו זעסט, בין איך פאַרבליבן. מאַ, וואָס קען מען מאַכן — האָט ער אַרויסגענומען דעם טאָסקאַנאָ פונעם מויל, אַ געשמאַקן שפּיי געטון און פאַרענדיקט:

— וואָס קען מען מאַכן? אַזוי איז דאָס לעבן.

— דאָס לעבן איז אַזוי ווי מען מאַכט עס — האָט אים מאַריאָ פּילאָזאָפיש געענטפערט — דו מאָסקאָני ווייסט שוין אפשר דאָס לעבן נישט איבעראַנדערשן, פאַר דיר איז דאָס לעבן „אַזוי“. מיר יונגע, וועלן נאָך עפּעס דאַרפן איבערמאַכן... דעמאָלט, וועלן שוין אַזוינע מענער פון דיין עלטער נישט דאַרפן הייצן די מאַשין. זיי וועלן שוין כשר האָבן פאַרדינט אויסצורוען זייערע אַלטע ביינער אויפן חשבון פון דעם כלל... אַזוי, אַזוי מאָסקאָני, האָט אים זאָפּפאָ גוטברודעריש אַ קלאַפּ געטון איבער דער פּלייצע.

דער אַלטער האָט אַ צופרידענער געשמייכלט און געזאָגט:

— מאַ, אפשר, אָבער נישט פאַר מיינע יאָרן וועט עס אַזוי זיין. נישט פאַר מיר...

דער אַלטער האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער וואָס האָט געהאָנגען אויפן ווענטל פון דער מאַשין־אָפּטיילונג, זיך געכאַפּט אַז עס איז שוין די צייט. ער איז צוגעגאַנגען און אַ ציי געטון דאָס שטריקל פון דער מאַשין־סירענע. אַ הייזעריקער פייף האָט די אַרבעטער גערופן צו די מאַשינען.

פאַרנאַכט־צו, ווען די אַרבעטער זענען אַרויסגעגאַנגען פון דער אַרבעט, האָט זיך אין דעם פּאָרט, נאָענט פונעם ווערפט, אָפּגעשפּילט אַן אומגעוויינלעכע געשעעניש: פון אַ גרויסן תבואה־לאַגער, וואָס איז געליגן זינט אַ לענגערע צייט נעבן איינעם פון די פּאָרט־שפּייכלערס, אַן איבערגעדעקטער מיט ברעזענטן, האָט פון דער העלער הויט געגומען זעצן אַ געדיכטער רויך. מיטאַמאָל האָבן זיך באַוויזן פלאַמען און דער לאַגער איז אין אַ גאַנץ קורצער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן שייטערהויפן. עפּעס האָט מען געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס איז נישט קיין צופעליקע שרפה. דאָס ספּאָנטאַנקייט און דאָס שנעלע אָנכאַפּן זיך פון דעם לאַגער אין אַלע זיינע ווינקלען, האָט געמאַכט דעם איינדרוק אַז מען האָט אים ספּעציעל באַגאָסן מיט נאַפט און אָנגעצונדן. עס איז געוואָרן

אַ לויפּעניש, די אַרבעטער פונעם פּאַרט, וועלכע האָבן נאָרוואָס געהאַט אָוועקגעלייגט די אַרבעט, האָבן זיך געכאַפּט צו די רעטונגס־מיטלען, געלאָפן מיט עמערס וואַסער, געשלעפּט די וואַסער־קישקע, אָבער דער גאַנצער אַרום אויף עטלעכע צענדליק מעטער, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בראַנד־גיהנום און עס איז אוממעגלעך געווען עפּעס צו טון.

די פייערלעשער וועלכע מען האָט אַרויסגערופן, זענען ווי אויף צו להכעיס נישט געקומען און דער תבואה־לאַגער איז אַלץ מער אַרומגע־כאַפּט געוואָרן פונעם פייער, וואָס האָט געשפּיגן מיט מענגעס פונקען, וואָס זענען געפאַלן אין נאָענטן טייך אַריין און דאָרטן אויסגעלאָשן גע־וואָרן. אין דעם ווינטערדיקן צופאַלנדיקן פאַרנאַכט האָט דאָס פייער גע־מאַכט אַ שרעקלעכן און צו דער זעלבער צייט אימפּאָזאַנטן איינדרוק. אַרום האָבן זיך פאַרזאַמלט הונדערטער אַרבעטער, וואָס האָבן נאָרוואָס אָוועקגעלייגט די אַרבעט אין פּאָרט, און מיט אַ ציטער צוגעקוקט ווי דאָס פייער פאַרניכטעט אַזוי לייכט די האַרעוואַניע פון טויזנטער פויערים.

צום סוף שוין, ווען עס איז שוין נישט געווען וואָס צו ראַטעווען, האָבן זיך פון ווייטנס באַוויזן די רויטע קאַמיאָנען פון די פייערלעשער מיט זייערע מעשענע באַפּוצונגען. זיי זענען פאַרפאָרן מיט רעש צום פּלאַץ פון דער שרפה און באַלד גענומען ציען זייערע לאַנגע וואַסער־קישקעס, אָבער עס איז שוין כמעט נישט געווען צו וואָס. דער תבואה־לאַגער איז שוין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַרג אַש. די אַרבעטער פונעם טאַזשער און צווישן זיי אויך מאַריאָ זאַפּפּאַ, זענען געשטאַנען, האָבן צוגעקוקט דאָס ספּעקטאַקל און אַרויסגעזאָגט פאַרשידענע מיינונגען בנוגע דער שרפה און דער עיקר, בנוגע דער רעטונגס־אַרבעט. נאָר איין מאַריאָ זאַפּפּאַ האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. ווען אַלע האָבן שוין געהאַט פאַרענדיקט און געקוקט אויפן באַרג אַש וואָס האָט איצט געדעמפּט מיט אַ פּאַרע פון דער וואַסער וואָס די פייערלעשער האָבן אָנגעגאָסן, האָט זאַפּפּאַ פאַררויכערט אַ ציגאַר און בלאָזנדיק דעם רויך נערוועז, האָט ער אַזוי ווי צו זיך גערעדט:

— קרימינאַלן!... האָבן אַליין אונטערגעצונדן... אַלץ צינדן זיי אַזוי אונטער... די מלחמה אויך אַזוי... זיי זענען אַסעקורירט. פּחדנים!

פונוויטנס האָט ערגעץ אַ שיף געדעוועט. דער באַרג אַש האָט פון זיך אַרויסגעלאָזט אַ פּאַרע. עס האָט זיך צעשאַלט אַ טרומפּייט און די פּייערלעשער האָבן צונויפגעפּאַקעוועט זייערע מכשירים, זיך אויסגעזעצט אויף די קאַמיאָנען און מיט דעם זעלבן רעש מיט וועלכן זיי זענען געקומען, זענען זיי אַוועק איבערן פּאָרט שאָסיי און פאַרשווונדן געוואָרן אין דער צופאַלנדיקער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט.

די אַרבעטער פונעם טאַזשער האָבן זיך שווייגנדיק געלאָזט גיין צום אַרויסגאַנג פונעם פּאָרט. אַלעמען האָט באַהערשט אַ שווערע שטימונג. ביי אַלעמען איז געווען דאָס געפיל גלייך מען גייט איצט אַרויס פון אַ בית־הקברות, ווו מען האָט נאָרוואָס מקבר געווען אַ נאָענטן.

***

די געשעענישן אויפן ווערפט האָבן אָנגענומען אַ זיגזאַגישן כאַראַקטער זינט דער נייער דירעקטאָר האָט איבערגענומען דעם אַמט. פּאַר שולצן איז דער דאָזיקער יונגערמאַן, סתם געווען אַ רעטעניש. ער פלעגט אַראָפּפאַלן ווי פונעם הימל אַראָפּ אויפן ווערפט. פלעגט זיך נאָכפרעגן, כאַפּן אַ קוק דאָ, דאָרט, אָבער אַלץ אַזוי לייכט, אַז עס פלעגט מאַכן דעם איינדרוק אַז דער מענטש טוט אַלץ אומבאַטראַכט, אָן ישוב הדעת. בכלל איז דאָס געווען אַ מענטשל אַ צוגעלאָזנס, פלעגט אונטערשמייכלען בשעתן ריידן מיט שולצן, ווען עס איז אָבער זיין שמייכלען נישט געפעלן געווען. שולץ האָט זיין אַמט געטראָגן מיט אַ מין באַזונדערער ערנסטקייט. דער דירעקטאָר פלעגט אָבער זיין ערנסטקייט ווי איגנאָרירן מיט זיין לייכטן צוגאַנג. ער פלעגט אויסהערן שולצס פלענער בנוגע די אַרבעטן וואָס שטייען פאַר אויפן ווערפט, און אין טאַזשער, און בלויז ענטפערן מיט אַ שמייכל:

— יאָ, דאָס וועלן מיר זען. מען וועט דאַרפן אַ טראַכט טון.

אין דער אמתן פלעגט שולץ באַלד דערקענען, אַז וויניקער פון אַלץ וועט מעסיע קאַרדעל (אַזוי האָט דער נייער דירעקטאָר געהייסן) טראַכטן וועגן זיינע, שולצס פלענער, ווייל ער, דער דירעקטאָר, האָט זיך זיינע פלענער גוט צוגעטראַכט. און וואָס אינטערעסאַנטער איז געווען, אַז זיינע פלענער זענען געווען מער קאָמערציעלע ווי אינדוסטריעלע: זינט ער איז

געקומען דער נייער דירעקטאָר, און דערשמעקט אַז קיין טעכנישע פּערפעקציעס לוינט זיך דער עמפּרעסע נישט אין אירע טאַזשערן און אַז אירע טעכנישע מיטלען זענען אַלטע און אָפּגעלעבטע, האָט ער די געשעפטן פון דער עמפּרעסע אַ דריי געטון לויט דער צייט און די אומשטענדן. איינע פון זיינע הויפּט־מעטאָדן איז געווען, וואָס אָנשטאָט אין אייגענעם טאַזשער, האָט ער די מערסטע אַרבעטן געמאַכט אין דרויסן, ווו עס האָט אויסגעטראָגן אַ סך ביליקער. אין דעם טאַזשער פון דער עמפּרעסע האָט זיך אָנגעהויבן פילן אַ מאַנגל אין אַרבעט. מען האָט אָנגעהויבן אָפּזאָגן פונעם אַרבעטס־פּערסאָנאַל.

אין אַ טאָג איז געשען אַ זאַך, וואָס האָט צווישן די אַרבעטער אויפן ווערפט אַריינגעבראַכט אַ ביסל האָפענונג אַז די מערכה וועט זיך פאַרבעסערן. עס האָט זיך פון דער העלער הויט איינגעבראָכן אַ שטיק האַפן אויף אַ האַלבן קילאָמעטער די לענג און מען האָט געשמועסט אַז די אַרבעט אין די טאַזשערן וועט זיך אַ ריר טון.

דער פּיפּיקער דירעקטאָר האָט באַלד אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן דאָס שטיק האַפן צו פאַרריכטן אין אַ לייכטער טאַנדעטנער פאָרם, זיין כוונה איז אָבער דורכגעפאַלן: די מלוכה־קאָמיסיע, וועלכע איז באַשטימט געוואָרן צו וואַכן איבער דעם דאָזיקן איבערבוי־ווערק, האָט צוגעשטעלט אירן אַ פּלאַן, וואָס האָט פאַרגעזען אַ גרונטלעכע באַפעסטיקונגס־אַרבעט פון דעם צעוואַליעטן שטיק האַפן; זי האָט דעם דירעקטאָר צוגעשטעלט אַ צעטל פון אַרבעט, ווו מען האָט חוץ אַנדערע מאַטעריאַלן, באַדאַרפט האָבן אַריבער 500 טאָן געשמידטע פּרענטעס, וואָס האָבן דאָס אויפגעהויבענע שטיק האַפן געזאָלט צופעסטיקן אויף גאַנצע 50 מעטער אָנעם פעסטן באָדן וואָס לעבן פאָרט. דער דירעקטאָר האָט עפּעס געוואָלט אָפּדינגען דערפון, אָבער איינער פון דער קאָמיסיע האָט אים פּשוט און אָפן דערקלערט:

— די עמפּרעסע וועט אונדזער פּלאַן מוזן אויספילן לויט אַלע פּרטים. דאָס איז דערפאַר, ווייל דאָס שטיק אָפּגעזעצטע האַפן האָט אונדז געעפנט די אויגן אויף דעם, ווי ראַיעל די עמפּרעסע האָט אויסגעפילט אירע התחייבותן לגבי דער קאָנצעסיע וואָס די מלוכה האָט איר געגעבן. אייער אינטערעס איז אוודאי וואָס קלענערע הוצאות. מיר אָבער ווילן האָבן, אַז

דאָס ווייטערדיקע בויען פֿונעם רעשט האָפֿן וועט די עמפּרעסע מאַכן אַזוי, אַז זי זאָל עס נישט דאַרפֿן איבערמאַכן ווי אין דעם איצטיקן פֿאַל...

דער דירעקטאָר האָט פֿאַרטיידיקט די עמפּרעסע, האָט דאָס געשעענע אָנגעהאָנגען די שטאַרקע רעגנס וואָס האָבן אונטערגעשווענקט דעם באָדן. אָבער דער הויפּט פֿון דער קאָמיסיע האָט אים העפֿלעך געענטפֿערט:

— דאָס ווייסן מיר אויך... אויף דעם זענען מיר דאָך אינזשינירן. איר זענט דאָך אַן אינזשיניער, און מיר קאָלעגן צווישן זיך ווייסן דאָך דעם אמת. אַז דאָס איז קיין תּירוץ נישט: אַזוינע זאַכן דאַרפֿן פֿאַרויסגעזען ווערן פֿון פֿריִער און טאָקע דערפֿאַר פֿאָדערן מיר איצט אַ שטאַרקע דוי־ערהאַפֿטע און סאָלידע אַרבעט...

דער דירעקטאָר האָט דער קאָמיסיע נישט געהאַט וואָס צו ענטפֿערן, ער האָט געמוזט נאָכקומען איר פּלאַן.

אַרום דער דאָזיקער אָט אַרבעט, האָט שולץ פֿאַרן דירעקטאָר פֿאַר־געלייגט פֿאַרשידענע פּלענער: ער האָט אים דערוויזן, שוואַרץ אויף ווייס, אַז מען וועט די פּרעזנטעס לייכט קענען אויסשמידן אין דער אייגענער שמידעריי. ער האָט אים ווידער אויפֿמערקזאַם געמאַכט אויפֿן מאַרטין־האַמער, וואָס מאַכנדיק די פּרעזנטעס מיט אים וועט עס אויסטראָגן שפּאָט־ביליק. ער האָט אים פֿאָרגעלייגט אַ פּלאַן צוצופּאַסן אַן אַלטע הידראַולישע פּרעס, וואָס איז יאָרן לאַנג געשטאַנען אַ באַדעקטע מיט שפּינוועבס, אַז מען זאָל זי פֿון אַ ווערטיקאַלער פֿאַרוואַנדלען אין אַ האָריזאָנטאַלער און מיט איר שטופּעווען די קעפּ פֿאַר די פּרעזנטעס. בכלל האָט זיך ביי שולצן צעשפּילט די פֿאַנטאַזיע אַרום דער דאָזיקער אונטערנעמונג. ער האָט דעם מעסיע קאַרדעל פּשוט פֿאַרשיט מיט פּראָיעקטן. דער לעצטער אָבער, האָט אים אויסגעהערט מיט זיין לייכטן אָבער כיטרען שמייכעלע, צוגע־שאָקלט כלומרשט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט אויף אַלעם מסכּים געווען, און צום סוף געענטפֿערט קורץ:

— מירן עס באַטראַכטן.

שולץ האָט דעם ענטפֿער זיינעם אָנגענומען ווי אַ פּאָזיטיוון. ער האָט אַפֿילו אין זיין אומגעדולד, גענומען צוגרייטן די שטאַנצן פֿאַר דער פּראָ־יעקטירטער אַרבעט. ער האָט געזוכט אַ געלעגנהייט דער דאָזיקער אַלטער שווייצער, כאָטש מיט עפּעס צו באַווייזן דעם נייעם דירעקטאָר, אַז הגם

ער איז אַ מענטש אין די יאָרן, אַ מענטש וואָס וואָלט שוין זיין אויסגעלאָשענעם טעמפּעראַמענט און פעלן פון איניציאַטיוו, געקענט באַרעכטיקן מיט זיין גרייז־גראָען קאָפּ און 65 יאָר וואָס ער האָט אויף זיינע פּלייצעס געטראָגן, האָט ער ווי עפּעס אַ נייער, ערשט פון דער שול אַרויס אינזשיניער, געוואָלט באַווייזן זיך מיט אַן אויפטו, וואָס זאָל אין די אויגן פון דעם נייעם דירעקטאָר הייבן זיין אָנזען. ער האָט אויסגעזען אַ ביסל קאָמיש דער דאָזיקער אַלטער אָנטרייבער פון דער עמפּרעסעס טאַזשערן אין זיין דראַנג אויסצופּיינען זיך.

דערווייל איז דאָס נייעס דערגאַנגען צו אַלעמען. צווישן די אַרבעטער, וואָס זענען אומגעגאַנגען אין דערוואַרטונג אָפּגעזאָגט צו ווערן, האָט דאָס נייעס אַריינגעטראָגן אַ ביסל הייטערקייט. עס האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן גוזמאות, אַז נישט נאָר וועט מען נישט אָפּזאָגן, נאָר מען וועט נאָך צוריקרופן פון די שוין אָפּגעשטעלטע אַרבעטער. און ווי אַזוי זאָל מען עס נישט געווען גלויבן, אַז דערציילט האָט עס נישט קיין אַנדערער ווי דער אַלטער דאָן לוקאָס דעם הויפּט־שמיד און דער לעצטער האָט עס מיט פולער זיכערקייט איבערגעגעבן אַנדערע אַרבעטער, נאָך דעם וואָס ער האָט באַקומען די אויפגאַבע אויסצושמידן עטלעכע גרויסע שטאַנצן צו דער דאָזיקער גרויסער אַרבעט.

מען האָט נאָר געוואַרט אויפן ענדגילטיקן סיגנאַל, אַז די אַרבעט אין די טאַזשערן זאָל זיך אָנהייבן.

דערווייל איז אונטערגעקומען אַ צווייטער פאַל וואָס האָט פאַרשטאַרקט דעם אָפּטימיזם ביי די אַרבעטער:

אויף אַ פאַררוקטן ווינקל פונעם שטאָפּל זענען זינט יאָרן געשטאַנען אַרויפגעשלעפּטע צוויי אַלטע באַרזשעס, וואָס זענען אינגאַנצן געווען צעזשאַווערט. די הונדערטער לעכער אין זייערע „פּאַנטאָקן״, זענען פאַרלייגט געווען מיט צעמענטענעם בעטאָן. אין דער קאַבינע פון איינער פון זיי, האָט זיך איינגעאָרדנט זיין דירה דער אַלטער וועכטער פון די ווערפטן, ער איז דאָרטן געלעגן ווי אַ הונט אין זיין קאַנורע. די אַרבעטער האָבן נאָר געוווּסט וועגן זיין אָנוועזנהייט דאָרט איינעווייניק, ווען מען פלעגט דורכן לאָך פון דעם הינטערשטן טייל באַרשזע זען רינען און פאַלן גלייך אין טייך דאָס קוויט זיינס, ווען ער פלעגט טון זיין מענטשלעכע באַדערפע־

ניש. ער פלעגט זיך אויך נישט זעלטן באַווייזן אויפן שטאָפּל אַ טויט־שכורער און מיט אַ געליימטער צונג עפּעס דאָרטן בעלעמעטשען אין דער וועלט אַריין. די דאָזיקע צוויי באַרזשעס, האָט מען געגלויבט, אַז זיי וועלן שוין אַזוי אייביק פאַרבלייבן זשאַווערן אויפן שטאָפּל און מען וועט זיי קיינמאָל נישט פאַרריכטן.

אין אַ טאָג אָבער זענען צום ווערפט פאַרפאָרן צוויי קאָטשן, פון וועלכע עס זענען אויסגעשטיגן עטלעכע הערן, אויפן אויסזען רייכע סוחרים. מיט זיי איז אויך געקומען דער דירעקטאָר. זיי האָבן זיך אַלע געלאָזט גיין צום שטאָפּל און צו יעדנס שטוינונג, האָבן זיי גענומען אַרומקוקן די צעזשאַווערטע צוויי באַרזשעס; מען האָט געבראַכט אַ לייטער, איבער וועלכן אַלע זענען אַרויפגעקראָכן אויפן דעק פון די באַרזשעס, אַלעס גוט אַרומגעקוקט. מען האָט גערופן עטלעכע פּעאָנעס מיט האַמערס, וועלכע האָבן לויט די אָנווייזונגען פונעם דירעקטאָר געקלאַפּט דאָ און דאָרטן. דער דירעקטאָר האָט נאָך יעדן פּרווו פון די האַמערס עפּעס איינגעטענה׳ט מיט די אַנדערע הערן, האָט בעת מעשה זיך געווענדעט צו שולצן, וועלכער האָט מיטגעבראַכט די „קראָקיסן" פון די באַרזשעס. אַלע האָבן געקוקט אויף די געצייכנטע פּלאַנען און אינטענסיוו איינגעטענה׳ט. עס איז געווען קלאָר, אַז די דאָזיקע הערן זענען קונים און האָבן בדעה אָפּצוקויפן די באַרזשעס.

נאָך דעם דאָזיקן וויזיט, האָבן אויפן ווערפט אָנגעהויבן אומגיין קלאַנגען, אַז די באַרזשעס זענען פאַרקויפט געוואָרן, אַז די סוחרים זענען ליפעראַנטן פון באַשפּייזונגס־מיטלען פאַר דער פּאַראַגוויער אַרמיי און אַז די באַרזשעס וועלן זיי באַנוצן פאַרן טראַנספּאָרט איבערן פּאַראַנאַ.

די דאָזיקע אַלע השערות און מיינונגען האָבן זיך אַלעמען געלייגט אויפן שכל, און דאָס גלויבן האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט, ווען מען האָט אין אַ טאָג אַוועקגעשטעלט צוואַנציק פּעאָנעס אויסצוהאַקן דעם צעמענט־בעטאָן פון די באַרזשעס.

אָבער אָט איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיטאַמאָל צעטומלט אַלע אַרבעטער פונעם ווערפט. עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קאַטעגאָרישער קלאַנג, אַז די געפּלאַנטע פּרעגנטעס, וואָס מען האָט געדענקט צו מאַכן אין דער אייגענער שמידעריי, וועלן פאַרטיקע געבראַכט ווערן פון פראַנקרייך.

עס איז געווען אמת. דער דירעקטאָר האָט עס שולצן אין אַ טאָג אָפיציעל מודיע געווען. שולץ איז געבליבן אַ דערשטוינטער פון דער דאָזיקער ידיעה; און ער האָט זיך שוין צוגעגרייט צו דער אַרבעט, ווי צו אַ באַשטימטער זאַך! ער האָט עס אָבער אויסגעהערט מיט אַן אויסערלעכער רויִקייט און געהאָרכזאַמקייט און נאָר געפרעגט שטיל:

— און וואָס וועט זײַן מיטן פּערסאָנאַל, מײַן הער? מיר האָבן אַרבעטער, וואָס מיר קאָנען זיי נישט אָפּזאָגן — האָט ער מיט אַ כמעט ציטערדיקער שטים דערענדיקט.

דער דירעקטאָר איז פון זײַן פראַגע נישט נתפעל געוואָרן. ער האָט אַרויסגענומען פון עם פּאָרטציגאַר אַ פּאַפּיראָס, פּאַררויכערט און בלאָזנדיק דעם רויך אָן אַ זײַט אַרײַן רויִק געענטפערט:

— דאָס וועלן מיר שפּעטער זען. מיט דעם איצטיקן ענין אָבער, עס הייסט, מיט די אײַזן־פּרעגטעס צו אונדזער איצטיקער קאָנסטרוקציע, האָב איך אײַנגעזען, אַז עס וועט אונדז אויסטראָגן אַ סך ביליקער זיי צו ברענפּאַרטיקע דירעקט פון פראַנקרײַך.

ער האָט באַדײַטונגספול פּאַרצויגן זײַן פּאַפּיראָס און שולץ האָט דערווײַל אַ פרעג געטון:

— אדרבא, פּאַרוואָס דענקט איר עס אַזוי?

— דער חשבון איז אַ פּשוטער — האָט דער דירעקטאָר געענטפערט — אויף צו קויפן אײַזן דאָ אויפן אָרט, מוזן מיר באַצאָלן אויך די טאַריפן וואָס די אײַזן-אימפּאָרטירער צאָלן דעם צאָל־אַמט פון דער מלוכה. אונדזערע עמפּרעסע איז, לויט די סטאַטוטן פון דער קאָנצעסיע, פּטור פון דעם צאָל־אַמט כל־זמן די מאַטעריאַלן, וואָס זי אימפּאָרטירט, זענען פאַר דער פּאָרטקאָנסטרוקציע. האָב איך באַשלאָסן די פּרעגטעס צו ברענגען פּאַרטיק אויסגעשמידטע פון פראַנקרײַך. עס וועט קאָסטן ביליקער און מיר וועלן אַזוי אַרום אויך פּאַוואָריזירן די פראַנצויזישע אײַזן־אינדוסטריע.

שולץ איז אַ שטילשווײַגנדיקער געזעסן קעגן אים און אַן אויפמערקזאַמער אויסגעהערט זײַנע פּלענער און דער דירעקטאָר האָט זיי פאַר אים אַרויסגעלייגט אַזוי לײַכט, אָן שום צייכן פון אָנשטרענגונג, גלײַך עס וואָלט זיך געהאַנדלט נישט פון אַזאַ גרויסער אונטערנעמונג, נאָר אין עפּעס אַ וווּלגאַרן שמועס פון פּאַרווײַלנדיקן כאַראַקטער.

— איר ווייסט דאָך — האָט דער דירעקטאָר שולצן פאַרטרויליך געזאָגט — אונדזער עמפּרעסע באַזיצט זייער אַ סך אַקציעס אין די פראַנצויזישע אייזן־גיסערייען... און דאָ אין לאַנד קריגט איר בעלגיש, דייטש, ענגליש אייזן, נאָר נישט קיין פראַנצויזיש אייזן, עס איז אונדזער פליכט דערויף. איך האָב שוין אפילו באַקומען אַ טעלעגראַפישן ענטפער פון פּאַריז — האָט ער אים געוויזן אַ קאָפּיע פון א טעלעגראַמע, ווו עס זענען געווען פאַרצייכנט דאַטן און פּרייזן.

שולץ האָט אים נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. ער איז דאָ געשטאַנען פאַר אַ געשעענעם פאַקט. עס איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט דאָ צו טון מיט אַ זייער קלוגן און פאַר דער עמפּרעסע לוינענדיקן פּלאַן. ער האָט פאַר זיך דערזען אינעם דירעקטאָר אויסער דעם ראַפינירטן מאָדערנעם אינזשעניער, אויך דעם קלוגן געשעפטסמאַן. זיי האָבן דאָרט אין פּאַריז משמעות געוווּסט, וועמען זיי שיקן אַלס פירער. און ער האָט זיך געמאַכט אילוזיעס, שולץ, אַז דער דאָזיקער יונגערמאַן, וואָס זעט בסך־הכל גאָר אויס ווי אַ קינד, אַז ער איז נאַיוו. אַז ער, שולץ, דער אַלטער שעף פון די ווערפטן, וועט אים ווייזן, וואָס עס הייסט פירן די געשעפטן פון דער עמפּרעסע. יאָ, ער האָט א טעות געהאַט שולץ. דער יונגערמאַן איז אַן עלעקטרישער מאָטאָר... דאָס איז נישט די אַלטע דאַמף־מאַשין, וואָס סאָפּעט און קרעכצט, ווי אַן אַלטער קראַנקער און יאַדעשליווער זקן...

**
*

די אַרבעט אויפן ווערפט איז אַוועק באַרג־אַראָפּ. שולץ האָט אין זיין לעצטן דורכפּאַל דערזען, אַז ער האָט אָפּגעזונגען זיין לעצט שוואַנען־ליד. דער פּערסאָנאַל פון די טאַזשערן איז וואָס אַמאָל רעדוצירט געוואָרן. דערהויפּט האָט מען געלאָזט די וויכטיקסטע פאַכמענער. מאַריאָ זאַפּפּאַ האָט זיך ווי על פּי־נס געראַטעוועט, ווייל די צוויי אַלטע באַרזשעס וואָס מען האָט פאַרריכט, האָבן געהאַט סטאָליערישע אַרבעט. עס איז נישט אַוועקגעגאַנגען די וואָך עס זאָל פון דער צענטראַל־אָפּיסינע נישט געווען אָנקומען קיין באַפעלן צו רעדוצירן דעם אַרבעטער־פּערסאָנאַל. שולץ פלעגט די פאָפּירן פאַרן אָפּזאָגן אונטערשרייבן מיט אַ מין ווידערווילן. ער האָט אויך מיט די פאַרבליבענע אַרבעטער אַנגעהויבן אומגיין ווייכער.

ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון איינעם וואָס טוט תשובה אויף זיי־נע זינד...

אין טאַזשער אַריין פלעגט כמעט אַלע טאָג קומען דער אָפּגעזאָגטער זעגן־שאַרפער, אַן אַלטער שפּאַניער מיט קורצזיכטיקע אויגן, וואָס זענען באַברילט געווען מיט אַ פּאָר דיקע אויגן־גלעזער. ער פלעגט קומען און זיך נאָכפרעגן ווען מען וועט ווידער עפענען דעם טאַרטאַק. שולץ פלעגט אים מיט צעשפּרייטע הענט דערקלערן, אַז דאָס קען מען נישט וויסן. איין־מאָל האָט זיך דער אַלטער צעוויינט. און עס איז געווען אַזוי טראַגיש־מאָדנע, צוצוזען ווי דער גרייז־גראָער מאַן ווישט זיך די אויגן. ער האָט זיך דערנאָך אַנגערופן צו שולצן, וואָס איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער און אים אַנגעקוקט ווי ער וויינט:

— צי איז עס אַ יושר האָ? אַזוי פיל יאָרן אָפּגעאַרבעט, געפּטרט דאָ די ראיה און איצט וואַרפט מען אַרויס ווי אַן אָפּגענוצטע זעג...

שולץ האָט נישט ווילנדיק אַ שמייכל געטון. עס איז אים אָפּנים שטאַרק געפעלן געוואָרן דעם אַלטנס פאַרגלייך. ער האָט זיך, לויט זיין מיינונג, שטאַרק געפּאַסט דער פאַרגלייך, אין דעם געגעבענעם פאַל. גע־ענטפערט אָבער האָט ער אים, אַז מען קען גאַרנישט מאַכן, ווייל אַלס פּעאָן קען ער דאָך נישט אַרבעטן, ער האָט קיין כוח נישט דערצו. און ווו זאָל ער אים נעמען זעגן צום שאַרפן? אָט, זאָל ער זיך צוקוקן, וועט ער זען, אַז אין טאַזשער ווערט וואָסאַמאָל אַלץ שיטערער די אַרבעט און מיט דער צייט וועט אויסקומען אַזוי, אַז עס וועט נאָר בלייבן ער, שולץ, אַליין מיט אַ צענדליק אַרבעטער.

דער אַרבעטער איז שוין פון דאַן אָן מער נישט געקומען, עמיצער האָט דערציילט און זיך דערביי געשוווירן, אַז ער האָט דעם אַלטן זעגן־שאַרפער געזען בעטן נדבות.

דער פאַל מיטן אַלטנס צעוויינען זיך, האָבן די אַרבעטער דערנאָך קאָמענטירט. אַלע כמעט האָבן געהאַלטן, אַז עס איז נישט שיין פון זיין זייט. וואָס איז ער עפּעס אַ קינד צי אַ פרוי? נאָר איין מאַריאָ זאַפּפּאַ האָט געהאַט אַן אַנדער מיינונג.

— איר, פריינטעלעך, — האָט ער געזאָגט — משפט נאָר נישט אַזוי לייכט. איך בין אויך אַ קעגנער פון סענטימענטאַליזם און צעקראָכנקייט,

אָבער קיינעם פון אייך ווינטש איך נישט צו געפינען זיך אין דעם אַלטנס לאַגע.

נעמט אייך אין אַכט — האָט ער ווייטער פאָרגעזעצט ווען קיינער האָט נישט געענטפערט — אַרבעט אַ מענטש אָפּ אַ לעבן לאַנג, איז געטריי ביי דער אַרבעט און דאָ קומט עפּעס אַ פראַנצויזל און מיט איין פּען־שטריך, איז זיין גורל באַשטימט... דאָס, פריינטעלעך, איז טראַגיש. ביי אַ צווייטער לעבנס־אָרדענונג, וואָלט אַזאַ מענטש אין די יאָרן און פיזיש אַזאַ שוואַכער, שוין בכלל נישט באַדאַרפט אַרבעטן.

— וואָס זשע, לויט דיין מיינונג, דאַרף מען טון? — האָט זיך אָנגע־רופן ראַמאַן — אַן אַלטער אייזן־טאָקער — דו מאַריאָ ביסט בלי ספק אַ קלוגער און אויפגעקלערטער. דו זאָגסט כסדר נאָר ווי עס וואָלט גע־דאַרפט זיין... אָבער דו זאָגסט נישט וואָס מען דאַרף טון, אַז ס'זאָל אַזוי זיין.

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט פּאַלאַסיאָ און האָט סאַרקאַסטיש באַמערקט:

— מען דאַרף לייענען דיקערע ביכער ווי עס לייענט מאַריאָ... אין די דינענקע העפטלעך שטייט הפנים נישט געשריבן, וואָס מען דאַרף טון, אַז עס זאָל אַזוי נישט זיין, אַז ס'זאָל ווערן אַנדערש.

מאַריאָ האָט זיך דערפילט געטראָפן פון יענעמס באַהויפּטונג און אים צוגעוואָרפן מיט גיפט:

— איך ווייס, וווהין דו צילסט, פריינטעלע. צו מיין סינדיקאַליזם. צו מיין אַנאַרכיזם טשעפּעסטו זיך. נו, גוט. איך בין זיך מודה, אַז איך בין אַן אַנאַרכיסט, האָב שוין אַפילו פאַר מיינע איבערצייגונגען נישט ווייניק געליטן. נו גוט, אַזוי איז דאָס. אָבער וואָס דו ביסט אַזוינס, ווייסט דאָ קיינער נישט. איך רייד נאָך מיינע איבערצייגונגען, מיין אידעאַל, דו שווייגסט דאָך אייביק...

— אַז איך שווייג נישט, דאָס ווייסן אַלע דאָ — האָט פּאַלאַסיאָ געענטפערט, נישט כאַפּנדיק זיך אויף דעם וואָס מאַריאָ מיינט מיט זיין באַהויפּטונג „נישט שווייגן״ — זאָלן אַלע עדות זאָגן, וויפל מאָל דער שעף שולץ אַליין האָט פון מיר געקראָגן אַן אָפּשניט... אָ, וואָס וואָס, נאָר אָפּשווייגן איז נישט מיין טבע.

— האָסט מיך נישט פאַרשטאַנען — האָט מאַריאָ שמייכלענדיק גע־ענטפערט — מיט מיין באַהויפטונג, וויל איך דאָ נישט אונטערשטרייכן קיין אינדיווידועלן מוט אַרויסצושטעלן זיך אַלס געוואַגטער קעגן דעם צי יענעם — זאָל עס זיין אַפילו דער דירעקטאָר אַליין — איך ווייס, איך ווייס, אַז דו קענסט זיך פאַרגינען מבטל צו זיין שולצן, ווייל דו פילסט דיין ווערט דאָ אַלס גוטער פאַכמאַן. אָבער דאָס שליסט דאָך נישט אויס, אַז אויך דו וועסט דערפילן דעם דרוק פון דער העכערער מאַכט, וואָס איז דער גורם פון אונדזער, וואָס אַמאָל ערגערער לאַגע. צי רעכנסטו, אַז שולץ וועט דיך אויך האַלטן דאָ, ווען אויף דעם ווערפט וועט לחלוטין גאָרנישט זיין וואָס צו טון? צי וועט ער דיך דען דעמאָלט נישט אָפּזאָגן ווי דעם פּעאָן? מעגסט זיכער זיין, אַז יאָ.

— וואָס זשע ווילסטו דערמיט זאָגן? — האָט פּאַלאַסיאָ צעמישט געפרעגט.

— איך וויל זאָגן, אַז דאָס וואָס דו רופסט אָן ריידן און באַרימסט זיך דערמיט, איז אייגנטלעך נישט גערעדט. עס האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן דעם מוטיקן אַרויסשטעלן זיך פון איינעם. עס האַנדלט זיך אין דעם אַז איינער זאָל זיין פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם. אויב איך וועל דיר דאָ זאָגן, אַז דו, ביי דיין גאַנצן מוט צו קריגן זיך מיט שולצן, ביסט עס קיינמאָל נישט געווען, וועל איך, דאַכט זיך, קיין טעות נישט האָבן.

— ווידעראַמאָל דאָס אייגענע — האָט פּאַלאַסיאָ זיך נישט געלאָזט — איך פאַרשטיי וואָס דו מיינסט. פון אַ פּאַרטיי רעדסטו דאָ. איך בין מיך מודה, אַז איך געהער נישט צו קיין איינער. ס׳קען זיין, אַז עס איז אַפילו אַן עוולה. כאָטש צוריקריידנדיק, וועלכער פּאַרטיי קאָנסטו דען גלויבן? אַלע דערקלערן זיי זיך אין ליבע צו אונדזעריקע, צו די אַרבעטער. גיי גלויב זיי... אָבער נישט וועגן דעם רייד איך דאָ. איך האָב נאָר געוואָלט וויסן, וואָס אייגנטלעך האָבן מיר דען פון דיין ריידן?

מאַריאָ האָט אים גאָרנישט געענטפערט און פּאַלאַסיאָ אַ צעוואָרעמטער האָט ווייטער גערעדט:

— לויט דיינע ווערטער, מאַריאָ, קומט אויס, אַז מיר אַרבעטער ווייסן ווייניק, אַז מיר זענען אומוויסנד. פון קיין פּאַרטייען, האָב איך דיר ערשט געזאָגט, האַלט איך נישט פשוט, ווייל איך גלויב זיי נישט —

דאָס וועט דיר אַפּילו הנאה טון, ווייל דייניקע, די אַנאַרכיסטן ווילן דאָך אויך נישט וויסן פון קיין פּאַרטיי — אָבער דאָך האַלט איך, אַז ריידן אַליין, וויסן, איז נאָך ווייניק. מען דאַרף אויך קענען, מען דאַרף וועלן. זיי, די שולצס, די קאַרדעלס, ווייסן ס׳רוב מאָל אויך נישט וואָס זיי ווילן. אָבער זיי וואָגן, זיי טוען עפּעס און עס מאַכט דעריבער דעם איינדרוק, אַז זיי קענען, און אפשר קענען זיי טאַקע?...

— וואָס קענען זיי? — האָט זיך אַריינגעמישט דאָן פעליפּע — אויף אָפּצושטעלן די אַרבעט דאַרף מען נישט קיין קענטעניש... מען דאַרף קענען אַרבעטן. אויך מיר אַ קונץ — נישט אַרבעטן...

— זעסטו — האָט אונטערגעכאַפּט מאַריאָ — נישט ווילנדיק האָט ער אַרויסגעזאָגט אַ ביטערן אמת וועגן די וואָס האָבן די דעה איבערן לעבן היינט... זייער איינציקע קענטעניש באַשטייט אייגנטלעך אין אָפּ־שטעלן די אַרבעט. גערעכט כ׳לעבן, דאָן פעליפּע!

— ווען עס לוינט זיי נישט, אַרבעטן זיי נישט — האָט פּאַלאַסיאָ צוגעוואָרפן — אָבער מאַריאָ — האָט ער זיך שמייכלענדיק געווענדט צו זאַפּפאַן — דו האָסט דאָך נאָך אַלץ נישט געזאָגט וואָס מען דאַרף טון. אדרבה, זאָג!

— מען וואָלט קודם באַדאַרפט איבערדערציִען דעם אַרבעטער, — האָט מאַריאָ געענטפערט ווי פון יוצא וועגן — ווייסט דאָך נישט אָפּליי־קענען, אַז אויב די אַרבעטער זענען אויסגעשטעלט צום קאַפּריז פון אַ וואָ־סער ס׳נישט איז איינעם, איז אין דעם שולדיק זייער אומוויסן גופא. דער ערשטער תנאי פאַר אַ בעסער לעבן, איז קודם־כל אַ בעסערער מענטש...

— דאָס, מיין פריינד, לייקנט קיינער נישט אָפּ — האָט פּאַלאַסיאָ באַשטאַנען — אָבער פון וואַנען זאָלן זיך דיר נעמען בעסערע אַרבעטער, אַז די כלומרשטע בעסערע פון די פירער, קענען צווישן זיך נישט דורכ־קומען... אָט שרייט איר אַלע אַז איר מיינט די טובה פונעם אַרבעטער. אַלע פּרעדיקט איר און שיסט מיט פראַזן. אַלע ווילט איר כלומרשט פאַר־זאָרגן די וועלט. אַלע: סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן, קאָמוניסטן און נאָך דאָרטן ווי זיי הייסן. אַלע שרייען זיי, אַז מען דאַרף אַ בעסער לעבן, אַ לעבן פון יושר. נאָר אַז עס קומט צום עיקר, צום פאַרייניקן זיך, ציט

אַ יעדער אין אַן אַנדער זייט אַריין. מען זידלט זיך איינס דאָס אַנדערע און מען איז זיך גרעסערע שונאים ווי די ערגסטע שונאים זייערע... זאָג זשע מיר כ׳בעט דיך, פונוואַנען זאָל זיך נעמען דער בעסערער מענטש וועגן וועלכן דו רעדסט, אַז איר, די אַזוי גערופענע בעסערע, גיט אַ שלעכטן ביישפּיל?

מאַריאָ האָט אים אויסגעהערט אַן אויפמערקזאַמער — און טראַכטנ־דיק אַ ביסל, געענטפערט:

— דאָס ליידער, איז אמת. אוודאי הערשט צווישן אונדז אַליין זייער אַ סך שנאה, אָבער ווי קענען מיר אַנאַרכיסטן זיך גיין פֿאַרייניקן מיט אַזעלכע וואָס טרייבן פּאָליטיק...

פּאַלאַסיאָ האָט פֿאַרויכערט און בלאָזנדיק דעם רויך גערעדט.

— זעסטו, מיט דער פּאָליטיק איז אָט וואָס. דו ווייסט דאָך אַז קיין גרויסער אָנהענגער פון איר, בין איך נישט. אָבער איך גלויב דאָך אַז אַ חילוק איז פֿאַראַן צווישן אַן ערלעכער אויפריכטיקער פּאָליטיק און צווישן אַן אומערלעכער און היפּאָקריטישער.

— אַקעגן וואָס זאָגסטו עס? — האָט מאַריאָ געפרעגט — פֿאַר מיר איז די פּאָליטיק פון אַלע אַלץ איינס... ווייל פּאָליטיק איז קודם-כל אַ מיטל צו פֿאַרדעקן דעם אמתן זין פון זאַכן...

— און איך, כאָטש קיין פֿאַרטיימאַן בין איך נישט, האָב מיר מיין אייגענעם קוק אויף דער פּאָליטיק — האָט פּאַלאַסיאָ זיך געהאַלטן ביי זיינעם.

— און איך מיין אַז מען דאַרף זיי אַלע שיקן צום טייוול — האָט מאַריאָ זיך געווענדט צום אורוגווייער, וועלכער איז געזעסן און געקייעט דאָס לעצטע שניצל פון אַ ציגאַר — האַ, ווי מיינסט „זקנה“?

— יאָ, מען דאַרף זיי שיקן צום טייוול אונטערטונקען אין טייך, דערנאָך וועט מען שוין זען וואָס מען האָט צו טון — האָט באַשטאַנען „די זקנה“...

מאַריאָ האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר פֿילדייטיק געשמייכלט און געקוקט אויפן אורוגווייער מיט זיין ציינלאָזן מויל, וואָס ער האָט צעעפנט און נאַרעשעוואַטע געלאַכט פון זיין אייגענער חכמה.

***

אין סעפּטעמבער האָט שולץ באַקומען אַ באַפעל צו רעדוצירן דעם אַרבעטס־פּערסאָנאַל ביז צום קלענסטן מינימום וואָס די סטאַטוטן פון דער קאָנצעסיע האָבן דערלויבט: דאָס האָט געהייסן אַזוי גוט, ווי לאָזן נאָר פינף אַרבעטער בכדי נישט צו פאַרמאַכן דעם ווערפט. דער צוגעגע־סענער ווינטער האָט געהאַלטן ביים ענדיקן זיך. אויפן שטאַפּל האָט מען אַרויסגעענדיקט די לעצטע אַרבעטן פון די צוויי באַרזשעס וואָס די עמ־פּרעסע האָט פאַרקויפט. בכלל האָט מען די דאָזיקע באַרזשעס, מיט דער הסכמה פון די אָפּקויפער, זייער טאַנדעטנע פאַריכט. זיי האָבן אין זיי גע־האַט אַזויפיל אינטערעס אויף וויפל זיי זאָלן אָפּדינען דאָס שטיקל צייט וואָס די מלחמה אין טשאַקאָ וועט אָנהאַלטן. מען האָט זיי פאַרלאַטעט אויף שנעל, דער דירעקטאָר פלעגט כמעט קומען אַלע טאָג און אונטעראיילן די אַרבעט. ער האָט אַפילו צו דעם צוועק שולצן געהייסן דינגען עמיצן מיט אַ קאַרביד־אַפּאַראַט, בכדי די אַרבעט זאָל צוגיין שנעלער.

— פאַרשטייט איר מיך — האָט ער שולצן כיטרע געגעבן צו פאַר־שטיין — די צייטונגען זאָגן אַז נישט קיין איבעריקע גוטע בשורות... מען שמועסט זייער וועגן אַ שלום אין דעם טשאַקאָ־קאָנפליקט.

— עס מאַכט נישט אויס — האָט אים שולץ כלומרשט געוואָלט באַ־רויקן — מיר האָבן אַ גוטן און זיכערן קאָנטראַקט מיט זיי...

— אמת... אָבער קאָנטראַקטן זענען פון פּאַפּיר. יעדנפאַלס, לאָמיר די ערשטע אויספילן די התחייבותן פונעם קאָנטראַקט.

די באַרזשעס האָט מען שנעל פאַרענדיקט און זיי צוגענומען. דער דירעקטאָר האָט זיך געריבן די הענט פון צופרידנהייט און שולץ האָט אים באַהאַלטענערהייט מקנא געווען אויף דעם דורכגעפירטן עסק. ער האָט, וואָס אַן אמת, קיינמאָל נישט געגלייבט אַז די דאָזיקע שיפן זאָלן נאָך צו עפּעס טויגן.

אין אַ טאָג האָבן זיך אין טאַזשער גענומען אומטראָגן קלאַנגען, אַז ביי שולצן אין דער אָפיסינע זענען דאָ אָפּזאָג־באַפעלן פאַר דער גרעסטער טייל אַרבעטער, און באמת: אין טאַזשער איז לחלוטין קיין אַרבעט נישט געווען. שולץ איז אומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער — די לעצטע צייט האָט

ער בכלל זייער אַ סך געטראַכט, נישט ווי זיין שטייגער איז געווען — מיטאַמאָל איז פאַרפאָרן דער דירעקטאָר, האָט שולצן באַגעגנט אַ שמייכ־לענדיקער ווי תמיד, זיי זענען אַריין אין דער אָפיסינע און אין אַ האַל־בער שעה אַרום האָבן שוין אַלע אין טאַזשער געוווּסט, אַז דעם טאָג דאַרף אַריינקומען צום פּאַרריכטן אַן ענגלישע שיף, וועלכע איז צעשע־דיקט געוואָרן פון אַ צוזאַמענשטויס מיט אַ צווייטער שיף. אַזוינע צופע־ליקע אַרבעטן, פלעגט מען אויפן ווערפט באַצייכענען מיטן נאָמען „טשאַנ־גאַס״, פאַרדינסטלעך, הייסט עס.

דעם זעלבן טאָג, האָט די שיף פאַראַנקערט ביים האַפן נעבן ווערפט. אַרויסשלעפן זי אויפן שטאַפּל, האָט קיין רייד נישט געקענט זיין, האָט מען זי פאַריכט אויפן וואַסער. מען האָט געאַרבעט אויף רישטאָוואַניעס וואָס האָבן געהאַנגען אויף גראָבע קאַנאַטן. שולץ האָט ווי אויפגעלעבט. ער איז אַריין אין זיין אַמאָליקער ראָלע פון „ענערגישע אָנפירונג״ און געקאָמאַנדעוועט, געגעבן באַפעלן, שטייענדיק אין הוילן וועסטל מיט די פאַרקאַשערטע העמד אַרבל אויפן ראַנד פונעם האַפן.

פּאַלאַסיאָ, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער רישטאָוואַניע און גע־ניטעוועט, האָט זיך אָנגערופן צום אַרבעטער וואָס האָט אים געהאָלפן:

— ער וויל נאָך בייסן דער הונט, כאָטש ער האָט שוין קיין ציין נישט אין מויל...

דער אַרבעטער האָט זיך צעלאַכט.

די דאָזיקע אַרבעט איז אייגנטלעך געווען דער לעצטער פלאַם פון אַן אויסגייענדיקן ליכט; שנעל האָט מען די שיף פאַרלאַטעט און זי האָט פאַרלאָזט דעם ווערפט. דעם זעלבן טאָג האָבן די גרעסטע טייל אַרבעטער באַקומען זייערע צעטלען אויף צו גיין איינמאָנען זייערע שכירות אין דער צענטראַל־אָפיסינע. דאָן כאַרכע האָט זיי די רויטע צעטלען דער־לאַנגט מיט אָפענער מיטלייד. ער האָט זיך דער דאָזיקער באַאַמטער, טאַקע מצטער געווען, כאָטש עס האָט זיך נישט געהאַנדלט וועגן אים. צווישן די אָפּגעזאָגטע איז אויך געווען מאַריאָ זאַפּפּאַ און פּאַלאַסיאָ.

דאָן פעליפּע איז פאַרבליבן אַלס וועכטער אויפן פּלאַץ פון דעם פריִערדיקן וועכטער, וועלכער איז אין אַ ביינאַכט פאַרפרוירן געוואָרן אַ שכורער ערגעץ אויפן שטאַפּל צווישן די באַרזשעס. ווען דאָן כאַרכע

האָט פּאַלאַסיאַן דערלאַנגט זיין צעטל, האָט זיך דער לעצטער מיט גיפט אָנגערופן:

— מיר האָבן געהאַט איינזען מיט דער עמפּרעסע פאַרן אָפּזאָגן אונדז. מיר האָבן טריי צוגעאַרבעט ביים לעצטן שטיקל אַרבעט. נישט אמת, דאָן כאָרכע? מיר זענען לייטישע מענטשן...

דער באַאַמטער האָט אַ פאַרלוירענער געהויבן מיט די אַקסלען און אויסגעטיילט די איבעריקע צעטלען.

ווען די אַרבעטער האָבן צונויפגענומען זייערע זאַכן און זיך געלאָזט גיין צום אַרויסגאַנג פונעם טאַזשער, האָט זיך עמיצער פון זיי אָנגערופן שפּאָטיש:

— נעבעך אַ רחמנות אויף שולצן, קוקט אים נאָר אָן.

און ווירקלעך: שולץ איז אַ פאַרטראַכטער אומגעגאַנגען איבער דעם טאַזשער און ווי שטום באַווײנט די האַמעטנע מאַשינען, וואָס זענען שווייגנדיקע געשטאַנען ווי די מצבות אויף אַ בית־הקברות.

אײנענע ערד

עס איז געװען אין אַ גרױען האַרבסט־טאָג, װען לײזער פּעלדמאַן האָט זיך אומגעקערט פון בוענאָס אײרעס אַהײם, אין דער װײטער קאָלאָניע ערגעץ אין צפון זײט פון דער פּראָװינץ סאַנטאַ פע, אײנער פון יענע טעג, װאָס װאַרפן אָן אַ מרה־שחורה און רופן אַרויס אין געמיט עפּעס אַ בענקעניש, מען װײסט אַלײן נישט נאָך װאָס.

פאַרטאָג, װען די גרויסע שטאָט איז נאָך געלעגן אײנגעהילט אין די גרויע באַגין־שאָטנס, האָט לײזער גענומען די באַן אויפן רעטיראָ־װאָקזאַל, װו ער איז צװישן אַ געזעמל אַנדערע פּאַסאַזשירן דורכגעלאָזט געװאָרן דורך אַן אײזערנעם טויער פון צװײ באַקנעפּלטע מענער, װאָס האָבן מיט אַ מעכאַנישער פּינקטלעכקײט איבערגעקוקט די בילעטן און זײ דורכגעשטאָכן מיט אַ צװענגל. צוגעגאַנגען איז די דאָזיקע אַרבעט שנעל, און עס האָט אויסגעװיזן, אַז קײנער האָט נישט קײן צײט צו טראַכטן פון זײטיקע זאַכן. בײ לײזערן אָבער האָט עס אויפן געדאַנק אַרויסגערופן אַ פאַרגלײך: עס האָט אים דערמאָנט אין דעם בילד, װען די פּויערים דאָרט אין דער קאָלאָניע לאָזן דורך דאָס פי בעת אַ רעמאַטע. ער האָט אַ שמײכל געטון צו זיך. יעדע בהמה — האָט ער אַ טראַכט געטון — האָט אויף זיך אַ זיגל מיט אַ נומער און יעדער מענטש מוז אויך האָבן אַ נומער, יעדנפאַלס אַ בילעט; אָן קײן בילעט װעסטו נישט פאָרן, דער באַקנעפּלטער מאַן װעט דיך נישט דורכלאָזן...

דערנאָך זענען אַלע פּאַסאַזשירן געזעסן אין די װאַגאָנעס און געװאַרט אויפן מאָמענט, װען דער צוג װעט רירן אין װעג אַרײַן. װען די באַן איז לאַנגזאַם אַרויסגעקראָכן פון דעם ריזיקן װאָקזאַל, זענען אויף דער

פלאַטפאָרמע געבליבן בלויז די, וואָס זענען געקומען באַגלייטן זייערע נאָענטע. געווען זענען דאָס געציילטע מענטשן, וואָס האָבן ווער מיט דער הוילער, אויפגעהויבענער האַנט און ווער מיט אַ ווייס טיכעלע נישט אויפ־געהערט צו געזעגענען זיך מיט די אייגענע, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ דורך די וואַגאָן־פענצטער און געקוקט אויף צוריק. אַן עלטערע פרוי, מיט אַ געקאַרבט פּנים, אויף וועלכן עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די לאַסט פון די יאָרן, וואָס האָט זיך נאָרוואָס געזעגנט מיט אירע קינדער, וואָס זענען זי געקומען באַגלייטן, איז געזעסן אויף דער באַנק קעגנאיבער לייזערן און זיך געווישט די אויגן. זי האָט אַ פּאַרלוירענע געקוקט אַרום זיך מיט אַזאַ מינע, גלייך די וועלט וואָלט געהאַלטן ביי אונטערגיין. עס האָט זיך לייזערן געגלוסט צו זאָגן איר אַ טרייסט־וואָרט, אָבער ער האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז ער וואָלט אויסגעזען מאָדנע, ווען ער טוט עס. כאָטש ער האָט גוט געזען, אַז די אַלטע נויטיקט זיך אין א וואַרעם וואָרט, וואָלט זי אים זיכער באַטראַכט אַלס צעדרייטן, ווען ער נעמט זי אָן אַ פּאַרוואָס טרייסטן.

אין וואַגאָן האָט זיך געטומלט. עס איז אָנגעגאַנגען אַ דינגעניש צווישן די פּאַסאַזשירן וועגן די פּלעצער. אייניקע האָבן געטענהט, אַז מען האָט זיי פאַרכאַפּט זייערע בענקלעך און אַנדערע האָבן בשום אופן נישט גע־קאָנט איינאָרדענען דעם באַגאַזש זייערן און געהאַלטן אין איבערלייגן די רענצלעך און פּעקלעך פון איין אָרט אויפן צווייטן, אַרויסרופנדיק אומ־צופרידנקייט ביי יענע, וואָס האָבן זיך שוין געהאַט איינגעאָרדנט און זיך פאַרקוקט ווער אין אַ צייטונג, ווער אין אַ זשורנאַל און ווער אויפן דרויסן, דורכן פאַרנעפּלטן פענצטערל. אַ צייטונגס־פאַרקויפער, מיט אַן אָפּגעריבענעם גרויען אויבער־מאַנטל און אין א היטל מיט אַן אָנגעצוי־גענעם דענעק, האָט אָנגעבאָטן די פרישע פרימאָגן־צייטונגען, זשורנאַלן און לאָטעריע־צעטעלעך. פון דרויסן האָט זיך אַלע ווילע געהערט דאָס אויסגעצויגענע פייפן פונעם לאָקאָמאָטיוו, וועלכער האָט ווי געבעטן זיך, אַז מען זאָל אים דורכלאָזן, שפּייענדיק מיט געדיכטע וואָלקנס רויך אין דעם פאַרנעפּלטן רוים אַריין.

דער לאַנגער צוג איז אַרויס פון דער פאַרפלאָנטערטער אייזנבאַן־נעץ און האָט איצט געצויגן פאַרביי די פאַלערמאָ־וועלדלעך, וואָס זענען

אין אומרויקע צייטן

געשטאַנען פוסט און אויסגענעצטע פון דעם האַרבסטיקן רעגן, וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט געגאָסן. לייזער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און נישט געקאָנט אָפרייסן דאָס אויג פון דער רייזיקער מעטראָפאָליע, וואָס האָט זיך געשפרייט אין אַלע זייטן מיט אירע נידעריקע און הויכע געביידעס, ווי אַ מיסטעריעזע באַרגן־קייט. אָט איז דער צוג פאַרבייגעלאָפן אויף אַ הויכער אייזערנער בריק און פון ביידע זייטן האָט זיך געצויגן א ברייטע אַוועניִדאַ, וואָס האָט מיט איר פאַרנעצטן אַספאַלט געגלאַנצט ווי אַ רייזיקער, אָפגעפאָלירטער מאַרמאָרענער טאָוול. די גאַסן־לאַמטערנס, וואָס זענען נאָך נישט אויסגעלאָשן געוואָרן, האָבן זיך אָפגעשפיגלט פון ווייטנס צוזאַמען מיט זייערע סלופעס, ווי גלייך זיי וואָלטן געשטאַנען אויף אַ טייך. פון דער ווייטנס האָט זיך געזען אַ רייזיקער ווייסער דענקמאָל, מיט אַ סטאַטוע, וואָס האָט אויסגעשטרעקט אירע הענט אונטערן רעגן, גלייך זי וואָלט אָנגעשעפט וואַסער.

דערנאָך איז דער צוג פאַרבייגעלאָפן דורך גאַסן, ווו עס האָבן פאַר אַראָפגעלאָזטע באַריערן געוואַרט מענגעס טראַמווייען, אָמניבוסן, פורן, אויטאָמאָבילן און „קאָלעקטיוואָס" און אויסגעזען האָט עס, גלייך זיי וואָלטן זיך דאָ אומיסטן געווען פאַרזאַמלט, כדי אָנצוקוקן דעם מעכטיקן לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט אין זיין גייִעג געסאָפעט, געשפיגן וואָלקנס רויך און מיט זיין אויסגעצויגענעם געפייף געוואָרנט אין דעם נעפלדיקן פאַרטאָג אַריין.

אַרום אַ האַלבע שעה צייט האָט געדויערט דאָס דורכקרייצן די שטאָטישע גאַסן און דאָס וואָרנענדיקע פייפן פונעם לאָקאָמאָטיוו. דערנאָך זענען די הייזער געוואָרן שיטערער און ענדלעך איז די באַן אַרויסגעקומען אין אָפענעם פעלד אַריין. דער רעגן וואָס האָט אין שטאָט זיך אָפגעשפיגלט אין די פאַרטאָגיקע ליכטער און געשאַפן פאַרן אויג אַ פאַנטאַסטישע סימפאָניע פון קאָלירן אינצווישן דער האַרבסטיקער האָמעטנעקייט, האָט דאָ, אין אָפענעם פעלד, באַקומען דעם עכט מעשה־בראשית־דיקן אויסזען פון אַ תוהו ובוהו. דער הימל מיט דער ערד האָבן זיך דאָ צונויפגעגאָסן אין איין שטיק טונקל־בלייערנער מאַסע, וועלכע האָט ביי אַלעמען ווי דערדריקט דאָס געמיט. די פאַסאַזשירן, וואָס האָבן צוריק מיט עטלעכע מינוט ערשט געטומלט און געדונגען זיך איבער די פלעצער, זענען שטיל געוואָרן. די מערהייט רייזנדע זענען געבליבן זיצן ווי פאַרטון

אין זיך. בלויז דער געפֿילדער פֿון עטלעכע קינדער, וואָס זענען מיט־געפֿאָרן אין וואַגאָן, האָט איבערגעריסן די האַמעטנע שטימונג, וואָס דער האַרבסטיקער אַרום האָט אויף אַלעמען אַרויפֿגעצווונגען.

לייזער פֿעלדמאַן, דער יִדישער קאָלאָניסט פֿון דער ווייטער צפֿונדי־קער קאָלאָניע, איז געזעסן צווישן דער מאַסע אומבאַקאַנטע מענטשן און אַ פֿרייד איז אין אים אויפֿגעגאַנגען. ער האָט זיך אַלע מאָל אַ טאַפּ געטון ביי דער בוזים־קעשענע און צו זיך אַליין געזאָגט אָן ווערטער: „זיי זענען דאָ". זיי ליגן די פּאַפּירן אין דער רעקל־קעשענע, אָט אַזוי ווי ער האָט זיי פּאָרזיכטיק אַריינגעלייגט איידער ער האָט פֿאַרלאָזט דעם האָטעל, און קיינער וועט זיי ביי אים נישט צונעמען. עס איז זיינס, זיינס...

יאָ, לייזער פֿעלדמאַן האָט מיט זיך מיטגעפֿירט אַ פֿרייד פֿון דער גרויסער שטאָט, אַ פֿרייד, אויף וועלכער ער האָט געוואַרט גאַנצע 25 יאָר. ער האָט מיט זיך געפֿירט די דאָקומענטן, וואָס ער האָט באַקומען אין דער צענטראַלער „יִקאָ"־אַדמיניסטראַציע אויף זיין טשאַקרע, אויף אָט דער ערד וואָס ער האָט אין משך פֿון אַזוי פֿיל יאָרן אַליין, מיט זיינע אייגענע הענט באַאַרבעט, נישט האָבנדיק דאָס געפֿיל, אַז דאָס איז זיין אייגנס. איצט איז ער דער אייגנטימער פֿון דער נחלה און דאָס פֿאַרשאַפֿט אים פֿרייד, אַ פֿרייד וואָס ער פֿילט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן. קיינמאָל, קיינמאָל האָט ער אַזאַ געפֿיל נישט געהאַט און יעדעס מאָל, ווען ער כאַפּט זיך צו דער קעשענע, ווו עס ליגט דער פֿאַרשריבענער בויגן פּאַ־פּיר מיט די שטעמפּלען און אונטערשריפֿטן, פֿילט ער זיך ווי אין זיבעטן הימל — אַ נחת!

דער טאָג איז אַ האַרבסטיקער, אָבער פֿאַרוואָס זאָל ער אויף לייזערן אָנוואַרפֿן אַ מרה שחורה, ווי אויף די איבעריקע פּאַסאַזשירן, ווען פֿון אַלע זיינע איברים שפּאַרט אַרויס אַ פֿרייד, אַז ממש עס ווילט זיך אים פֿאַרציִען אַ זמרל. אַ נאָווינע ביי לייזער פֿעלדמאַן אַ האַרבסטיקער טאָג; אַ נייעס ביי אים פֿאַרפּלייצטע פֿעלדער מיט אָפּגעשניטענע תבואות, וואָס ווייקן זיך אונטער אומאויפֿהערלעכע רעגנס! וועגן אַזעלכע זאַכן און אַנדערע אָנשיקענישן, ווי היישעריקן, טריקענישן, אינוואַזיעס פֿון פֿאַרשידענע שרצים, וואָס מאַכן אַ תל פֿון דעם פֿויערס האָרעוואַניע, און וועגן סתם־

אין אומרויקע צייטן

שווערע צייטן, זאָל מען פרעגן ביי לייזער פעלדמאַן, דעם ייִדישן קאָלאָ־ניסט, וואָס אַקערט שוין 25 יאָר מיט דער נאָז די ערד. אָ, ער האָט זיי דורכגעמאכט די דאָזיקע שלעק און ער האָט זיי איבערגעלעבט און פאַר וועמען האָט ער די גאַנצע צייט געאַרבעט? פאַר פרעמדע, פאַרן רוח! איצט איז עפּעס אַנדערש; איצט פירט ער מיט זיך די פּאַפּירן, וואָס זאָגן שוואַרץ אויף ווייס, אַז די הונדערט מיט פינף העקטאַר לאַנד פון דאָרט און דאָרט זענען זיין אייגנס, זיין אייגענע ערד, טאַקע ווי עס זאָגט זיך אין די ביכלעך, וואָס ער האָט אין דער יוגנט געלייענט: די ערד פאַר די וואָס באַאַרבעטן זי. איז ער צופרידן לייזער פעלדמאַן, וואָס ער פירט איצט די נחלה זיינע ממש ביי זיך אין בוזים־קעשענע און דער האַרבסטיקער דרויסן שיינט פאַר אים ווי דער שענסטער זומער־טאָג.

* * *

לייזער פעלדמאַן איז אָנגעקומען קיין אַרגענטינע נאָך גאָר אַ יונ־גערמאַן. געווען איז דעמאָלט תיכף נאָך זיין חתונה. צוזאַמען מיט אַנדערע יונגעלייט ווי ער, האָט ער מיט זיין יונגער פרוי זיך באַזעצט אין דעם וויטן צפון פון דער פּראָווינץ סאַנטאַ פע. געהייסן האָט עס, אַז מען באַ־זעצט זיך אין א פּאַרטיקער קאָלאָניע, אָבער דאָס וואָס מען האָט געפונען איז געווען ווייט פון צו זיין אַ ישוב. מען איז אָבער געווען צופרידן; גע־קומען איז מען נאָר־וואָס פון די ליטווישע שטעטלעך, ווו די אָרעמקייט האָט זיך איינגעגעסן ווי אַ זלידנע, אומהיילבאַרע קראַנקייט און די פאַר־פאָלגונגען און באַליידיקונגען האָבן געבויגן דעם רוקן פון די ייִדישע מאַסן. מען האָט געבראַכט מיט זיך אַ סך באַפליגלטע חלומות. דאָס איינ־געמען דאָס נייע לעבן, וואָס די שליחים פונעם באַראָן הירש האָבן צו־געזאָגט, האָט אויסגעזען אַ סך גרינגער, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווען מען האָט זיך באַגעגנט דערמיט פּנים אל פּנים. אַ סך האָבן טאַקע נישט אויסגעהאַלטן דעם נסיון און זיך צעלאָפן שוין אין די ערשטע טעג. מען האָט פאַרלאָזט די פעלדער און אַנטלאָפן אין די שטעט אַריין. אייניקע האָט עס אָפּגעגליקט און זיי זענען אין שטאָט אויפגעריכט געוואָרן און אַנדערע האָבן זיך אין שטאָט אויך געמאַטערט, געוואָרן „קלאָפּערס", סוחרים, מישטיינס־געזאָגט, און געצויגן די חיונה. לייזער פעלדמאַן איז

נישט אַוועק, ער איז געבליבן אויפן קאַמפּ. וואָזשע, צי איז ער דען געקומען אַהער קיין אַרגענטינע זוכן גליקן ערגעץ אין שטאָט אַלס אַ לופט־מענטש; אַזעלכע גליקן האָט ער דאָך געהאַט אויך דאָרט, אין דער ליטע.

יאָ, דאָס לעבן אויפן לאַנד איז די ערשטע צייטן געווען אַ שווערס, פול מיט איבערלעבענישן און עגמת־נפש, עס האָט אָבער אויך געהאַט שיינע זייטן. נאָך דער ענגשאַפט פונעם ליטווישן שטעטל, וואָס האָט ווי מיט קייטן געבונדן הענט און פיס, האָט מען דאָ געפונען אַ נחתדיקע רחבות. די ווייטע האָריזאָנטן פון דער נייער היים האָבן סיי געשראָקן דאָס געמיט און סיי געוועקט גרויסע האָפענונגען. געווען איז ער דעמאָלט יונג, לייזער פעלדמאַן, און די מאַטערנישן, די שווערע אַרבעט און אַלע פּורעניותן וואָס מען האָט אָנגעטראָפן האָבן, אָנשטאָט דערשלאָגן, אים נאָך מער פאַרהאַרטעוועט, אַרויסגערופן אַ מאָדנע עקשנות, וואָס איז פאַר אים געווען ניי און האָט אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן. עס איז אויסגעקומען, אַז ער ראַנגלט זיך מיט עמעצן און כאָטש יענער איז שטאַרקער, קומט ער, לייזער, שטענדיק אַרויס דער זיגער, ווייל אָט איז ער דאָך דאָ, אַלע טאָג איז ער דאָ און אַרבעט, ער בויט צו ביסלעך זיין פאַרפונדעוועטע היים אויף די אַרגענטינער פעלדער. די דאָזיקע שוועריקייטן האָבן זיך אַזוי פיל מאָל איבערגעחזרט, ער האָט זיך צו זיי אַזוי צוגעוווינט, אַז זיי האָבן אים אויסגעזען נאַטירלעך. פונקט פאַרקערט, די זעלטענע מינוטן פון גליק וואָס ער האָט ווען־נישט־ווען געהאַט, האָבן אים אויסגעזען ווי געשענקטע. און וויפל, מישטיינס־געזאָגט האָט ער דען געהאַט אזעלכע גליקלעכע מאָמענטן?

די שווערסטע ליידן פון לייזער פעלדמאַן זענען געווען די איבערלעבענישן פון זיין פרוי. פון דער נאַטור אַן איידעלע, אַ שוואַכע, איז זי פון לכתחילה נישט געווען צוגעוווינט צו די יסורים וואָס דאָס נייע לעבן האָט געבראַכט און זי האָט געליטן אַ סך מער פון אים. לייזער גופא, וועלכער האָט געאַרבעט שווער, געאַקערט — ווי מען זאָגט — מיט דער נאָז די ערד, האָט אַפילו צווישן אָט דער מיזעריע געהאַט זיינע מאָמענטן פון פערזענלעכן גליק. צי איז דאָס געווען אַ בעסערע גערעטעניש; אַ קו אָדער אַ פערד, וואָס ער האָט באַוויזן צו קויפן פאַר דער באַלעבאַטיש־

קייט, איז דאָס שוין געווען גענוג, אַז אין דער סאַמע פּינצטערניש פון דעם פאַרהאָרעוועטן לעבן זאָל אין אים אויפגיין אַ פרייד, וואָס איז פאַר אים גופא געווען אומבאַגרייפלעך. די דאָזיקע אָט מאָמענטן זענען געוואָרן וואָס אַמאָל אַלץ אָפטער און שפּעטער, ווען דער פריצייטיקער טויט פון זיין פרוי האָט אים געלאָזט אַן איינזאַמען מיט צוויי קליינע קינדער אינמיטן פעלד, האָט דער קאַמף, די קליינע באַלעבאַטישקייט וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט, געדינט פאַר אים ווי אַ קליין אייגן וועלטל, אין וועלכן ער האָט זיך אויסגעלעבט. צי האָט ער יאָ אָדער נישט געדאַרפט אַרבעטן, אָבער אַלע טאָג האָט ער מיט אַ זעלטענער פּינקטלעכקייט זיך דורכגעשפּאַצירט איבערן קאַמף, זיך צוגעקוקט צו די בהמות, וואָס האָבן אין גרופּעס אָדער איינציקווייז זיך געפּאַשעט אין דער הויך־אויפגעגאַנגענער אַלפּאַלפּאַ, צוגעגאַנגען צו דער וואַסער־מיל וואָס האָט זיך געפונען אין דעם צווייטן עק פון דער נחלה, באַטאַפּט די בלעכן פונעם וואַסער־בעקן, פון וועלכן דאָס פי האָט געטרונקען, אַרומגעשאַרט די ערד וואָס האָט געשיצט דעם בעקן און בשעת מעשה געכאַפּט א קוק צו די פליגלען פון דער מיל, כּדי צו זען פון וואַנען דער ווינט בלאָזט און וויסן צי עס וועט רעגענען אָדער נישט. אַ גאַנצער אַסטראָנאָם איז ער געוואָרן דאָ אין אַרגענטינע, לייזער פעלדמאַן. צי האָט ער וועגן דעם אפילו געקאָנט טראַכטן דאָרטן, אין דעם ליטווישן שטעטל!

יאָ, לייזער האָט אין די פינצטערסטע און שווערסטע מאָמענטן געקאָנט אויסגעפינען אַ ליכטיקן שטראַל אויף נישט צו פאַרלירן דעם וועג. ווען זיין פרוי איז געשטאָרבן און אים איבערגעלאָזט מיט די יתומים, איז זיין בטחון אביסל געבראָכן געוואָרן. איר טויט איז פאַר אים געווען אַ גרויסע אבידה. מיט איר איז אָפּגעשטאָרבן נישט נאָר זיין פרוי, נאָר דער בעסטער פריינט זיינער, מיט וועמען ער פלעגט זיך אין שווערע מאָמענט דורכשמועסן. כאָטש זי האָט אַליין נישט געקאָנט געפינען קיין שום טעם אין דעם נייעם לעבן, נישט געפילט די פרייד פון אזעלכע קלייניקייטן ווי דאָס גלעטן אַ פערד איבערן רוקן, אָדער אַריינטראָגן אין שטוב אַריין אַ פול נאָר־וואָס אָנגעמאָלקטן שעפל מילך, כאָטש זי האָט עס אַליין נישט געפילט, האָט זי אָבער געהאַט די זעלטענע אייגנשאַפט צו טרייסטן דעם מאַן, מוטיקן אים אין די שווערסטע צייטן.

— נישקשה, לייזער — פֿלעגט זי אין אַזעלכע מאָמענטן אים זאָגן — וועסט נאָך האָבן נחת. נישט שטענדיק וועסטו דאָך אַרבעטן פֿאַר יענעם. גאָט וועט העלפֿן, מיר וועלן אויסצאָלן דעם קאַמף און דעמאָלט...

— וואָס הייסט עפּעס „וועסט האָבן נחת"? — פֿלעגט ער ווי פּראָ־טעסטירן, פֿאַרוואָס זי גיט אים אַוועק דעם גאַנצן צוקונפֿטיקן נחת. פֿאַר־וואָס נישט „מיר וועלן האָבן נחת?" צי שוין זשע האָסטו נישט דעם זעלבן חלק וואָס איך אין דעם אַלעם? צי האָרעוועסטו נישט און ליידסט נישט פּונקט ווי איך? — פֿלעגט שוין לייזער טיילן זיין צוקונפֿטיקן נחת באַצייטנס מיט זיין פֿרוי.

— איך... איך... — פֿלעגט זי מורמלען און אָפּקערן איר טרויעריקן בליק — ווער ווייסט צי איך וועל דאָס אַלץ דערלעבן?... ווער ווייסט?

לייזער פֿלעגט זיך אויף איר בייזערן פֿאַר די שוואַרצע נביאותן, וואָס זי זאָגט וועגן זיך אַליין, אָבער טיף אין האַרצן האָט ער געפֿילט, איז זי אפֿשר גערעכט. קיין געזונטע איז זי נישט געווען און די איבערלעבענישן, די האָרעוואַניע און די איינגעבוירענע עצבות האָבן זי אינגאַנצן אונטער־געגראָבן. נאָך אַזעלכע געשפּרעכן מיט איר, פֿלעגט לייזער זיך פֿאַר־טראַכטן. ערגעץ אין די טיפֿענישן פֿון זיין געמיט האָט גענאָגט אַ געפֿיל פֿון מורא, די איינציקע מאָמענטן, ווען לייזער פֿעלדמאַן האָט מורא באַ־קומען פֿאַרן מאָרגן. דערנאָך פֿלעגט ער ווידער פֿאַרגעסן. זיין קליין וועלטל, דאָס וועלטל פֿון אַרבעט אויפֿן קאַמף, אין וועלכן ער האָט פֿון צייט צו צייט געפֿונען זיינע פֿריידיקע רגעס, האָט אים צעשטרייט, געמאַכט פֿאַרגעסן.

לייזער פֿעלדמאַן האָט זיך געהאַט אויך זיינע מאָמענטן פֿון צווייפֿל, וואָס האָבן אים נישט געלאָזט רוען. איין זאַך וואָס האָט אים באַאומרויִקט און געגרעגט זיין אומגעדולד איז געווען דאָס געפֿיל, אַז די ערד וועלכע ער באַאַרבעט, די ערד אויף וועלכער עס זענען געבוירן געוואָרן און עס וואַקסן זיינע קינדער, איז נישט זיינע. צייטנווייז פֿלעגט אים פֿאַרדריסן וואָס אָט די ערד איבער וועלכער ער שפּאַנט טאָג־טעגלעך מיט אַזאַ טי־פֿער ליבשאַפֿט, גלייך זי וואָלט געווען אַ שטיק פֿון זיין אייגענעם איך, אַז אָט די דאָזיקע ערד איז נישט זיינע; ס׳הייסט, זי איז יאָ און נישט זיינע. ער ווייסט אז ער צאָלט זי אויס און די קוואָטעס צאָלט ער ווי

ווייט־מעגלעך צו דער צייט, אָבער שטענדיק פֿאַרגנבעט זיך צו אים אַ געפֿיל פֿון מורא — ווער ווייסט וואָס עס קאָן זיך מאַכן? צי האָט ער דען נישט געזען ווי מען האָט אַלט־איינגעזעסענע קאָלאָניסטן, פּונקט אַזעלכע ווי ער, געקומען און זיך באַזעצט אויף דער ערד אין דער זעלבער צייט וואָס ער, אַראָפּגעטריבן פֿון קאַמפּ? און וואָס איז פֿון זיי געוואָרן? זיי האָבן זיך אריבערגעקליבן אין דעם נאָענטן שטעטל און זיי לעבן דאָרט אַ קבצניש לעבן. אַנדערע זענען אַוועק אין דער גרויסער שטאָט אַריין און זענען געוואָרן קוענטעניקעס; אַ שיינער תכלית געוואָרן פֿון זיי און פֿון דעם באַראָן הירשס חלום צו מאַכן ייִדן פֿאַר ערד־אַרבעטער — טראַכט לייזער אין אַזעלכע מאָמענטן און גיט אַ ציטער אונטערן געפֿיל, אַז אויך מיט אים קאָן אַזעלכעס פּאַסירן. אָ, ער ווייסט אַז דאָס לעבן קאָן אונטער־שטעלן אַ פּיסל. אָפּגעהיט זאָל מען ווערן!

**
*

דאָס אַלץ איז פֿאַרגאַנגענהייט און ליגט צעוואָרפֿן איבער די פֿינף און צוואַנציק יאָר, וואָס לייזער פֿעלדמאַן פֿראַצעוועט אויף דער אַרגענטינער ערד. פֿאַר אים איז דאָס כמעט אַ האַלב פֿון זיין לעבן. ער איז אַ מענטש אין די זעכציקער און די דאָזיקע יאָרן האָבן געלאָזט קענטיקע שפּורן אין זיין גוף. יאָ; זיין גייסט האָבן זיי נישט געבראָכן, אָבער דעם קערפּער האָבן זיי אונטערגעגראָבן. ער איז שוין נישט דאָס וואָס ער איז געווען, נישטאָ די כוחות פֿון אַמאָל. נישטאָ מער די צייטן, ווען לייזער פֿעלדמאַן האָט זיך אויסגעלאַכט פֿונעם רעגן, פֿונעם ווינט, פֿון דער ברענענדיקער זון. ווער האָט זיך אומגעקוקט אויף אַזעלכע נאַרישקייטן, ווען מען האָט געדאַרפֿט אָנלאָדעווען אַ „טשאַטע“ אַלפֿאַלפֿאַ און זי אָפּפֿירן צו דער באַן־סטאַנציע אָדער ווען מען האָט געדאַרפֿט טרייבן „נאָוויזשעס“ צו אַ רע־מאַטע? היינט איז שוין שווער אויפֿצושטיין באַגינען און זיך נעמען צו דער אַרבעט מיט דעם אימפּעט וואָס אין די יונגע יאָרן.

זיצט ער איצט, לייזער פֿעלדמאַן, אין דער באַן, וואָס שניידט דורך די פֿאַרנעפּלטע פֿעלדער, אין זיין זכרון שוועבן פֿאַרביי עפּיזאָדן פֿון די דריטהאַלבן צענדליק אָפּגעלאָפֿענע יאָרן, ער דערמאָנט זיך אין די איבערלע־בענישן און צרות, אָבער איצט גייט עס אים נישט אָן. וואָס געווען איז

געווען און איצט איז עפּעס אַנדערש. ער האָט זיינס דערגרייכט, דער־גרייכט מיט אַ סך מי אָבער פאַרט דערגרייכט. איצט איז די ערד זיינע, אייגענע און וואָס שייך כוח, וועט מען זיך נאָך אַן עצה געבן. עס איז נאָך נישט אַזוי די מעשה. טאָמער ברעכן אים צייטנווייז די הענט און די פיס אוןביים גיין מוז ער זיך אָפּשטעלן אויף צו כאַפּן דעם אָטעם... אַוודאי ווערט מען נישט יינגער. וואָס גייען אים אָן אָט די אַלע קליינ־קייטן, ווען ביי אים אין בוזים־קעשענע, גוט איינגעוויקלט אין צייטונגס־פּאַפּיר און פאַרקנופּט מיט אַ שטריקל, ליגן די דאָקומענטן, ווו עס שטייט שוואַרץ אויף ווייס געשריבן, אַז די „טשאַקרע" איז זיינע, זיין אייגענע ערד.

זיצט ער איצט אין דער באַן, לייזער פעלדמאַן, טראַכט וועגן דעם און אין אים גייט אויף אַ מאָדנע יוגנטלעכע פרייד, עפּעס פון דער פרייד וואָס ער האָט געפילט, ווען ער איז געווען אַ בחור און צום ערשטן מאָל זיך באַגעגנט מיט זיין כלה. עס איז עפּעס א מאָדנע געפיל, א געמיש פון האָבן עפּעס דערגרייכט און פון אַ נייער נייגעריקייט צו זען וואָס עס וועט זיין ווייטער. יאָ, וואָס וועט טאַקע זיין ווייטער... גאַרנישט, וואָס האָט צו זיין? דאָס זעלבע וואָס נעכטן, אָבער דאָך אַנדערש.

***

שפּעט אין אָוונט האָט די באַן זיך אָפּגעשטעלט ביי דער קליינער סטאַנציע, ווו לייזער האָט געדאַרפט אָפּשטייגן. דער איינציקער לאַמטערן מיט די שמוציקע פאַררויכערטע שייבלעך קעמפט קעגן דער אַרומיקער געדיכטער פינצטערניש און פאַרשפּרייט אַ שוואַכע שיין. די געציילטע מענטשן וואָס דרייען זיך אום אויף דער פּלאַטפאָרמע, זעען אויס ווי נאַכט־געשפּענסטער. פונווייטנס סאָפּעט דער לאָקאָמאָטיוו אין דער גע־דיכטער נאַכט אַריין און דאָס איבערשמועסן זיך פון די באַן־באַאַמטע וועגן זייערע דינסט־ענינים ערגעץ לעבן אַ משא־וואַגאָן, ווו מען לאָדעוועט אויס פּעקלעך, קלינגט אָפּ אַזוי מיסטעריעז, גלייך עס וואָלט זיך געטראָגן פון אַ טיפער הייל אַרויס. ערגעץ פון אַ זייט, האָט מען געהערט דאָס טראַגישע מרוקן פון בהמות, וואָס זענען געווען פאַרשפּאַרט הינטער אַ צוים און האָבן געוואַרט, אַז מען זאָל זיי אויפלאָדן צו דער שחיטה. פון

די טונקל־באַלויכטענע סטאַנציע־ווענט האָבן אַראָפּגעקוקט שילדן מיט פּראָפּאַגאַנדע וועגן פאַרשידענע מאַשינען צו ערד־אַרבעט, עצות ווי צו פאַרטיליקן דעם היישעריק, פּילן צו קאָפּווייטיק און אָפּפּיר־מיטלען.

ווען לייזער שטייגט אָפּ פון די וואַגאָן־טרעפּלעך, בלייבט ער שטיין אַ ווײַלע מיט דער וואַליזקע אין דער לופטן און קוקט זיך אַרום אַ ווײַלע. ער ווייסט, אַז זיין זון איז אים געקומען אַפּוואַרטן. נעכטן האָט ער אים אַרויסגעשיקט אַ טעלעגראַמע מיט דער קורצער מעלדונג: „אַלץ גייט גוט, וואַרט אויף מיר מאָרגן אין אָונט". אַזוי האָט ער מיט אים אָפּגע־רעדט איידער ער איז אַוועקגעפאָרן קיין בוענאָס איירעס. אויב ער האָט באַקומען די טעלעגראַמע, איז דאָך נישט שייך אז ער זאָל אים נישט קו־מען אָפּוואַרטן, אַפילו אין אזא שלעכטן וועטער. אָבער פאַרוואָס זעט ער אים נישט יאָסלען? שיקט זיך, אַז ער האָט נישט באַקומען די טעלעגראַמע? עס קאָן נישט זיין — באַשליסט לייזער אויפן פּלאַץ — און קוקט זיך איין אין די מענטשן, וואָס באַוועגן זיך אין דער טונקלקייט פון דער שלעכט-באַלויכטענער סטאַנציע.

מיטאַמאָל, באַווייזט זיך אין דער טיר פון דער סטאַנציע דער סילועט פון אַ יונגן בחור, מיט אַ פּאָר ברייטע „באָמבאַטשעס" וואָס זענען אַרי־בערגעוואָרפן איבער די פאַרבלאָטיקע שטיוול. עס איז יאָסל, לייזער פעלד־מאַנס איינציקער זון. ביים פאָטער באַווייזט זיך אַ שמייכל אויפן פּנים און עפּעס אַזאַ וואַרעמקייט גייט אים איבער דורכן לייב. נאָכן אָפּזיין די עטלעכע טעג אין דער גרויסער שטאָט צווישן פרעמדע מענטשן, דער־פילט לייזער אַ וואַרעמע היימישקייט און ווען יאָסל קומט צו נעענטער, כאַפּט ער זיך מיט אים אַרום און קושט אים, גלייך ער וואָלט אים שוין נישט געזען גאָר ווער ווייסט פון ווען אָן. אויך יאָסל באַטראַכט דעם פאָטער מיט אַזאַ נייגעריקן בליק, גלייך ער וואָלט זיך פאַר די עטלעכע טעג געוועזן געענדערט. ער נעמט ביים פאָטער צו די וואַליזקע און ביידע לאָזן זיי זיך גיין צו דער טיר, קרייצן דורך די פּוסטע באַנסטאַנציע און קומען אַרויס דורך אַ צווייטער טיר אויף אַ ברייט פּלאַץ, ווו אין דער פינצטער וואַרט אויף זיי אַ פערד און וועגעלע. הינטער זיך הערן זיי דעם פייף פונעם קאָנדוקטאָר, דער צוג רירט אין וועג אַריין, דער לאָקאָמאָטיוו פּייפט טרויעריק אין דער נאַכט אַריין און דערנאָך הערט מען זיין שווער

סאָפּען וואָסאַמאָל אַלץ ווייטער, ביז דאָס קוילערן זיך פון די רעדער ווערט פאַרלוירן אין דעם נאַכטיקן אין סוף.

ערשט ווען זיי זיצן שוין אויפן צווייערדערדיקן וועגעלע און דאָס פערד קנעט מיט זיינע קאָפּעטעס דעם בלאָטיקן וועג, פרעגט לייזער דעם זון, גלייך ער וואָלט אים ערשט נאָרוואָס געוועזן דערזען:

— וואָס הערט זיך אין דער היים?

— וואָס זאָל זיך הערן? — ענטפערט יאָסל — נישטאָ קיין נייעס.

נאָך דער דאָזיקן ווערטער־קאָנטאַקט מיטן פאָטער, באַשליסט יאָסל אַז עס איז געקומען די צייט צו באַפרידן זיין נייגעריקייט. ער פרעגט:

— נו, ווי איז עפּעס צוגעגאַנגען?

— וואָס האָט געהאַט צו זיין? — ענטפערט לייזער מיט אַ טאָן פון איינעם וואָס האָט דאָ דערפולט זייער אַ וויכטיקע שליחות. אַלץ איז שוין געווען כמעט ווי פּאַרטיק. דער דירעקטאָר האָט נאָכן איבערגעבן מיר די „טיטולאָס" מיר אויסגעשטרעקט די האַנט און מיך באַגריסט און טאַקע גאָר וואַרעם באַגריסט... ער האָט עס געטון מיט אַ שמייכל... שטענדיק שמייכלען זיי די דאָזיקע לייט... קיינמאָל הויבן זיי נישט אויף צו הויך דאָס קול. געדענקסט דאָך דעם דירעקטאָר פון דער קאָלאָניע... ער פלעגט שמייכלען, סיי ווען מען האָט איינגעצאָלט די קוואָטע און סיי ווען מען האָט נישט געהאַט איינצוצאָלן... ער פלעגט אַפילו שמייכלען ווען ער האָט איינעם געגעבן אַ „דעסאַלאָכאָ". אויך דאָסמאָל האָט ער געשמייכלט, דער סאַמע גלאַוונער דירעקטאָר, ביים דריקן מיר די האַנט און מיר געזאָגט: — „איך באַגריס אייך סעניאָר פעלדמאַן. איצט זענט איר באַלעבאָס איבער אייער טשאַקרע"...

— אַביסל צו שפּעט באַגריסט — באַמערקט יאָסל מיט נישט־באַהאַלטענעם חוזק. נאָך 25 יאָר האָט עס נישט קיין טעם...

— בעסער שפּעטער איידער קיינמאָל נישט — ענטפערט דער פאָטער אַ קענטיק־צופרידענער און מיט אַ טאָן גלייך ער וואָלט זיך פאַר עמיצן פאַרענטפערט.

דערנאָך זענען זיי ביידע געבליבן שטיל און מען האָט נאָר געהערט דאָס טאָפּטשען פונעם פערד אין דער צעווייקטער ערד. דער דאָזיקער קורצער שמועס האָט ווי אויסגעוועפּט די פרייד וואָס לייזער האָט מיט

זיך מיטגעפירט פון דער גרויסער שטאָט צו זיך אַהיים. סוף כל סוף איז דאָך די באַמערקונג פונעם זון געווען אַ ריכטיקע און זי האָט געווירקט ווי אַ קאַלט שעפל וואַסער אויף דער צעוואַרעמטער פאַנטאַזיע פון דעם באַיאָרנטן קאַלאָניסט. נאָך אַלעמען איז דאָך דאָס געווען נישט מער ווי אַ שאָטן פון אַ דערגרייכונג וואָס לייזער פעלדמאַן האָט דעראָבערט נאָך דרייטהאַלבן צענדליק יאָר פון שווערער האָרעוואַניע, נאָך לאַנגיעריקע האָפע־נישן צו ווערן ווען עס איז דער אייגנטימער פון דער ערד וואָס ער האָט באַ־אַרבעט און נאָך אַזויפיל חלומות, חלומות וואָס ער האָט געוווּסט אַז זיי וועלן שוין נישט פאַרווירקלעכט ווערן. אויף וואָס קאָן האָפן דאָס שטיק האָלץ וואָס דינט אויף אויפצוהאַלטן דאָס אָנגעצונדענע פייער? סוף כל סוף ווערט עס דאָך פאַרברענט און עס בלייבט דערפון נישט מער ווי אַ רויִ־כערנדיקע האָלעוועשקע. איז, הייסט אויך ער, לייזער פעלדמאַן, אַ האָלע־וועשקע? אויב אַזוי, וואָס־זשע איז, הייסט עס דאָ די פרייד אויף אים?

דאָס געדויערט אָבער אַ ווײַלע; באַלד קומט אָן איבערברוך און די פריִערדיקע פרייד נעמט די אויבערהאַנט. עס איז נאָך נישט צו שפּעט. כל־זמן אַ מענטש לעבט איז קיינמאָל נישט צו שפּעט און אויב מען זאָל אַפילו מודה אַז פאַר אים, פאַר לייזערן, זענען אַוועק גאַנצע 25 יאָר ביז ער האָט עס דערלעבט, איז וואָס זשע איז מיט יאָסלען, מיט זיין איינציקן זון וואָס זיצט איצט לעבן אים אויפן וועגעלע און טרייבט אָן דאָס פערד מיט אַזאַ זיכערקייט? פאַר אים איז דאָך נישט צו שפּעט און — פאַר וועמען האָט דען לייזער פעלדמאַן אָפּגעהאָרעוועט אַ גאַנץ לעבן, אויב נישט פאַר זיינע קינדער?

אָט אַזוי טראַכט ער, לייזער פעלדמאַן, ביז די סולקי ברענגט אים צו זיך אַהיים און ער דערפילט זיך ווי איינער וואָס איז פון אַ וואַקלדי־קער שיף אַראָפּ אויף דער פעסטער יבשה. נאָך דער וועטשערע, ווען ער לייגט זיך אין בעט אַריין אויף דעם אייגענעם געלעגער אונטער דער וואַרעמער קאָלדרע, ווערט ער אַ מידער אַנטשלאָפן אַ טויט־מידער, ווי איינער וואָס וואָלט צוריקגעקומען פון אַ ווייטער און שווערער וואַנדערונג.

* *
*

אויף צומאָרגנס, ווען לייזער פעלדמאַן שטייט אויף, ווי זיין שטייגער איז, פאַרטאָג און גייט אַרויס אינדרויסן זיך אַרומוואַשן ביי דער פּאָמפּע

וואָס פאַר דער שטוב, פילט ער זיך עפּעס ווי אַ ניי־געבוירענער. דאַכט די זעלבע וואַסער וואָס שטענדיק און דאָך האָט ער איצט אַ באַזונדערע הנאה ווען ער נעמט אַן פולע זשמעניעס מיט וואַסער און וואַשט זיך דאָס פּנים. זע נאָר זע, קיינמאָל איז אים נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן צי דאָס וואַסער פונעם פּלומפּ וואָס ער באַנוצט איז זיין אייגנס אָדער נישט. וואָס איז דאָ געוועזן צו טראַכטן, וואַסער איז וואַסער; אַ נפקא מינה צי עס איז זיין אייגנס צי אַן אַנדערנס? וואָס פאַר אַ זין האָט עס געהאַט צו טראַכטן צי דאָס וואַסער שטאַמט פון אַן אויסגעצאַלטער אָדער נישט אויסגעצאַלטער נחלה? וועגן וואַסער טראַכט מען נאָר ווען מען נויטיקט זיך אין איר. ווער אָבער וועט עס טראַכטן וועגן וואַסער ווען מען האָט זי בשפע?

איצט אָבער וואַשט זיך לייזער פעלדמאַן ביי דער פּאָמפּע און ער טראַכט דערביי. ער האָט פּלוצים אַנטדעקט אַז די פליסיקייט מיט וועלכער ער וואַשט זיך דאָס פּנים איז זיין אייגנס און עס פעלט אַ האָר אַז ער זאָל אַריינלויפן אין שטוב אַריין, אויפוועקן אַלעמען און זיי זאָגן וועגן וואָס ער טראַכט איצט. ער טוט עס אָבער נישט, ווייל ער ווייסט אַז זיי וואָלטן אים אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם. ער וואַשט זיך אָרום, גייט אַריין אין שטוב אויף די שפּיץ פינגער בכדי נישט אויפצוּוועקן די קינדער און נאָכן פאַרקעמען די שיטערע האָר וואָס זענען אים נאָך פאַרבליבן, שטעלט ער צו דעם טשייניק אויף צו מאַכן אַ מאַטע. קיין פרומער איז לייזער נישט, אָבער ווען ער גיסט אָן די ערשטע מאַטע און וויל זי נעמען צום מויל, ווערט ער ווי עפּעס דורכגענומען מיט אַ מיסטיש געפיל. ער פילט בחוש אַז ער קאָן איצט נישט טרינקען די מאַטע סתם אַזוי, אַז ער דאַרף עפּעס זאָגן, טיילן זיך מיט עמיצן זיינע געפילן. וואָס זשע זאָל ער זאָגן און וועמען זאָל ער עס זאָגן, אַז ער געפינט זיך איינער אַליין אין קיך; אינדרויסן איז נאָך טונקל און בלויז אין מזרח־זייט אויפן ראַנד פונעם הימל הייבט זיך ערשט אָן אויסצושיילן אַ גרויער פּאַס פון וועלכן עס וועט געבוירן ווערן דער נייער טאָג. שטייט ער לייזער אַזוי אַ ווילע און ווייסט נישט וואָס צו טון. מיטאַמאָל ווערט אים קלאָר: מען דאַרף מאַכן אַ „שהחינו״; דאָס איז דער ריכטיקסטער מאָמענט צו מאַכן אַ „שהחינו״. צי שוין דאַרף ער נישט דאַנקען גאָט וואָס ער האָט דערלעבט דעם מאָמענט צו טרינקען אַ מאַטע אויף זיין אייגענער ערד און פון זיין אייגענער וואַסער? און לייזער

שעפּטשעט פרום אין דער שטילקייט פונעם פאַרטאָג ווי צו זיך: שהחינו, וקימנו לזמן הזה... פון דרויסן דערהערט זיך דער שאַרפער קריי פון אַ האָן, ווי גלייך ער וואָלט אָפּגעענטפערט אויף לייזערס ברכה מיט אַן „אמן“. לייזער זופּט די גרינגע פליסיקייט דורכן רערל פון דער מאַטע און עס ווייזט זיך אים אויס אַז זי האָט אַלע טעמים. דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבן טרינקט ער אַ מאַטע נאָך דעם וואָס ער האָט איבער איר גע־מאַכט אַ ברכה. דאָס ערשטע מאָל טרינקט ער אַ מאַטע אויף זיין אייגענער ערד, די ערד וואָס ער באַאַרבעט שוין פינף און צוואַנציק יאָר צייט.

פרעמדע קינדער

אין די פרימאָרגנס, איידער זלמן הימלשיין גייט אַוועק פון דער היים, האָט ער ליב אַ קוק צו טון אויף זיינע קינדער; ביינאַכט, ווען ער קומט אַהיים, טוט ער דאָס זעלבע.

איןביידע פאַלן זעט זלמן די קינדער און זיי אים נישט. אינדערפרי שלאָפן זיי נאָך און ביינאַכט — שלאָפן זיי שוין.

אַוודאי וועט מען פרעגן: „נו, און ווו איז ער אַ גאַנצן טאָג, זלמן?". וועט מען אייך ענטפערן: אַ גאַנצן טאָג איז ער נישטאָ אין דער היים, אַ גאַנצן טאָג — „קלאַפּט" ער, ער איז ביי דער אַרבעט.

אַך, די וויסטע אַרבעט זיינע. אַן אַרבעט פון אַרומשלעפּן זיך איבער די שטעטלעך מיטן פּעקל אויפן אַקסל און קלאַפּן, קלאַפּן אין יעדער טיר ווי אַ בעטלער. די אַרבעט פון זלמן הימלשיין דעם סוחר, וועלכער איז ס'רוב מאָל מקנא די אַרבעטער, די אמתע אַרבעטער, וועלכע ער זעט מיט די אויסגעשמירטע רעקלעך פאָרן צו און פון דער אַרבעט; ער איז זיי מקנא, ווייל ער ווייסט אַז זיי אַרבעטן מיט אַ סדר, אַ טאָלק, האָבן אַ באַשטימטע שעה ווען אָנצוהייבן די אַרבעט און אַוועקלייגן זי, ווען אָפּצועסן אָדער אָפּרוען זיך; אַזוי איז דאָס.

אָבער צו וואָס די תרעומות? עס וועט אים דען עפּעס העלפן? עמיצער האָט אים דען געצוווּנגען דערצו? ער האָט עס אַליין געוואָלט. די אויסזיכטן פון „מאַכן אַמעריקע" האָבן געלאָקט און איצט, איצט איז אַלץ „אין אָרדענונג": אַ ווייב מיט צוויי קינדער, פליכטן, זאָרגן. ווער האָט איצט צייט צו מאַכן פּלענער; פּאַרפאַלן... דאָס לעבן טרייבט.

אָבער עס וואָלט אים שוין גאָרנישט געאַרט זלמנען, ווען נישט די

וויסטע מיטיקן וואָס ער פֿראַוועט אונטערוועגנס. אַך, די מיטיקן אויף דער גאַס ווען דו ווייסט אַז אין דער היים וואָלסטו געזעסן ביים טיש מיט דיין פרוי און מיט דיינע קינדערלעך. צום טייוול זאָל דאָס אַלץ גיין. אַ לעבן פון אַ הונט.

און ווען וואָלט דאָס דען יאָ געפעלן געוואָרן אַזאַ לעבן? ווער וואָלט דען געוואָלט טאָג נאָך טאָג אַוועקזעצן זיך ערגעץ הינטער אַ פלויט ווי אַ וואַגאַבונד און גריזשען דאָס ברויט מיטן ווורשט אָדער גאָר אָפּקו־מען מיט אַ פרוכט, און דערביי טראַכטן אַז דאָס זיצט עס אַזוי זלמן הימל־שיין דער סוחר, וועלכער האָט עטלעכע אַקציעס אין די בענק און האָט שטענדיק צו טון מיט טשעקן און מיט „פּאַגאַרייען". בקיצור — זלמן הימלשיין דער סוחר...

קיין שום זאַך אַרט אים נישט אַזוי ווי דאָס דאָזיקע פראַוועון מיטיק אויף דער גאַס און דערנאָך בלייבן זיצן אַ פאַרטראַכטער און קוקן אַרום זיך, ווו אַלץ איז אַזוי פרעמד און אָפּשטויסנדיק. שוין אַזוי פיל יאָרן אַז זלמן דרייט זיך אום אין די דאָזיקע מקומות און פונדעסטוועגן איז אים אַלץ אַזוי מערקווירדיק פרעמד; עס זענען אים פרעמד די גאַסן, אָט די גאַסן איבער וועלכע ער האָט שוין אַזוי פיל פאָר שיך אויסגעטראָטן; עס זענען אים פרעמד די טירן, די דאָזיקע טירן אין וועלכע ער האָט שוין אַזוי פיל מאָל אָנגעקלאַפּט; עס זענען אים פרעמד די פלויטן און די ביי־מער, אַן וועלכע ער האָט שוין אַזוי פיל מאָל אָנגעשפּאַרט זיינע מידע אַקסלען, ווען ער זעצט זיך אָפּרוען פון זיינע טאָג־טעגלעכע וואַנדערונ־גען — אַלץ איז אים פרעמד.

און ווי אַזוי זאָל דאָס נישט זיין פרעמד און אָפּשטויסנדיק, ווען אומע־טום ווו אַ טיר עפנט זיך, קוקן אויף דיר אויגן פול מיט פאַראַכטונג און מינדערשעצונג, גלייך דו וואָלסט געווען עפּעס אַ שנאָרער, אַ בעטלער, וואָס קומט בעטן אַ נדבה. און ווער נאָך ווי זלמן ווייסט אַז וואָס, וואָס, אָבער ער און זיין גלייכן בעטן ביי קיינעם נישט קיין נדבות און קיין טובות; זיי בעטן נישט, נאָר זיי באָטן אָן. יאָ — זאָל מען דאָס וויסן: זלמן הימלשיין און זיין גלייכן, וועלכע באַגעגענען ביי קיין שום טיר נישט קיין ליבלעכע מינע, באָטן אָן פיל מערער ווי זיי פאָדערן ביי עמיצן...

איז טאַקע גאָר קיין חידוש נישט וואָס אײדער ער גייט גאַנץ פרי אַוועק צו דער דאָזיקער עקלהאַפטער אַרבעט, כאַפּט ער אַ קוק אויף די קינדערלעך וועלכע שלאָפן נאָך דאַן... זלמן טוט עס מיט יענעם געפיל וואָס אַ גלויביקער פּילט בעת אַ הייסער תפילה וואָס דאַרף אים געבן כוח אויף איבערצוטראָגן די געמיינקייטן פונעם לעבן, וועלכע מען דאַרף ווילנדיק נישט ווילנדיק דורכמאַכן; דאָס טעכטערל, אַ מיידעלע פון אַ יאָר פינף, ליגט ביי זיך אין בעטעלע, אָן אַפּגעדעקטע, איין הענטל אַראָפּגעהאָנגען, דאָס צווייטע — אויפן בייכל. זלמן דעקט זי צו, לייגט זי אַוועק באַקוועמער און אײדער ער גיט איר אַ קוש, בלייבט ער שטיין און קוקט אַ לאַנגע ווײלע אויפן שיינעם קינד, וואָס איז שלאָפנדיק איין שטיק אומשולד און ריינקייט. דאָס קלענערע — אַ יינגעלע פון עטלעכע חדשים, ליגט ביי זיך אין וועגעלע און פּראַכט מיטן אויפגעבלאָזענעם בייכל וואָס הייבט זיך אויסערגעווײנלעך שנעל ווען דאָס פּיצעלע אָטעמט. ער שטייט אַ ווײלע און קוקט זיך צו צום קליינעם נפשל. ער וואַרפט אויף אַ מאָמענט פון זיך אַראָפּ די וואָכעדיקייט וואָס וואַרט אויף אים אין משך פון אַ גאַנצן טאָג. אַ לאַנגע צייט דערנאָך טראַכט ער וועגן זיינע קינדערלעך, ביז די פליכט הייבט אָן צו טון אירס; די וואָך פאַרטרייבט דעם יום־טוב.

אין אָוונט, ווען זלמן קומט אַהיים, ס׳רוב מאָל אויסגעווייקט אין שווייס, אַ מידער און זייער אָפט אַ דערשלאָגענער פון די שלעכטע געשעפטן וואָס ער האָט געמאַכט, שלאָפן שוין די קינדערלעך. עס טרעפט זייער זעלטן אַז ער זאָל זיי געפינען וואַך. אַמאָל פּאַסירט עס מיטן קלענערן; די עלטערע, דאָס מיידעלע שלאָפט שוין כמעט שטענדיק. זלמן וואַרפט אַראָפּ פון זיך דאָס פּעקל, לייגט אַוועק די שווערע, אויסגעריבענע וואַליזע, טוט אויס דאָס גרויע רעקל, וואַשט זיך אַרום און זעצט זיך צום טיש. בעת ער עסט וועטשערע, פרעגט ער זיך אויס אויף די קינדער און די פרוי דערציילט אים איבער אַלע זייערע חכמות און חנדלעך. נאָר אַ שאָד וואָס ער איז בייטאָג נישטאָ אין דער היים, ווייטער וואָלט ער שוין געזען וואָס פאַראַ חכם דער קליינער יאַט איז. די פרוי דערציילט, ער הערט אויס און ביידע בלייבן זיי דערנאָך זיצן שטיל; וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו זאָגן. אַוודאי, ווען ער איז דאָ בייטאָג אין דער

היים, וואָלט ער עס אַליין געהערט און געזען. איז ער דאָך אָבער נישטאָ. אַזוי איז דאָס. וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו רעדן, יעדנס מזל איז דען גלייך?...

***

זלמן הימלשיין האָט פונדעסטוועגן געהאַט די געלעגנהייט זיך אי־בערצוצייגן אַז נישט פאַר יעדן זענען זיינע קינדער דאָס זעלבע וואָס זיי זענען פאַר אים. ער וואָלט עס אין לעבן נישט געוועזן געגלויבט, אָבער אַזוי איז דאָס. אַך, וויפל עגמת נפש דאָס האָט אים פאַרשאַפט; ווער וואָלט זיך דען געוווּען געריכט אויף אַזוי פיל טעמפּקייט און רשעות ביי מענטשן!

פּאַסירט האָט עס ווען זלמן איז געגאַנגען דינגען אַ דירה. דאַכט זיך אַ קליינינקייט דאָס דינגען אַ דירה, און וואָס פאַראַ שייכות קען דאָס דאַכט זיך האָבן מיט זלמן הימלשיין און זיינע געפילן צו די אייגענע קינדער, אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ס'האָט יאָ; געמיינקייטן וואָס צווינגען דיך נאָכצוטראַכטן פעלן נישט...

וואָס אַ שטייגער דאַרף מען דען אויף צו דינגען אַ דירה. עס איז דאָך אַזוי איינפאַך: נעמסט אַ צייטונג, געפינסטו דאָרט פון הערן און פון זעען; אָט „פאַרדינגט זיך אַ קאָמעדאָר מיט אַ קיך איינער אַליין" און מיט אַלע „קאָמאָדידאַדן" און צום סוף גיט מען דיר נאָך צו „זון און לופט". צי אַ שטייגער יענער אַנאָנס ווו מען שלאָגט דיר פאַר „צוויי צימערן מיט פענצטער צו דער גאַס און אַ באָד מיט וואַרעמער וואַסער"; אָדער גאָר אַ גאַנצן „דעפּאַרטאַמענט פון דריי צימערן אויפן ערשטן שטאָק זייער ביליק" און מען הייסט דיר „גיין גלייך און נישט אָנקלאַפּן".

זלמן, וואָס אַן אמת האָט שטאַרק געגלויבט אין די דאָזיקע אַנאָנסן און האָט זיך ווייניק וואָס געקימערט וועגן אַ דירה. יעדנפאַלס איז אים זינט ער האָט חתונה געהאַט נישט אויסגעקומען צו גיין דינגען קיין דירה און ער געדענקט נאָך ווי לייכט עס איז אים דאַן אויסגעקומען צו דינגען די דאָזיקע דירה. מיט וואָס פאַראַ צופרידנקייט די באַלעבאָסטע האָט דאַן אויפגענומען זיין מעלדונג אַז זיי האָבן נאָר וואָס חתונה געהאַט; נישט געפּערלעך — האָט זלמן ביי זיך געטראַכט — מען נעמט אַ צייטונג

קריגט מען צענדליקער דירות ווו נאָר מען וויל. זיין פרוי איז אויך געווען מיט דער זעלבער מיינונג...

עס איז זלמנען גאָרנישט איינגעפאַלן צו טראַכטן אַז אין דעם חשבון פון דינגען אַ דירה מוזן אומבאַדינגט אַריינגערעכנט ווערן זיינע קינדער. וועמען אַ שטייגער קען דאָס אָנגיין אַז ער האָט קינדער? דאַכט זיך גאָר־נישט, אָבער עס איז כדאי צו הערן וואָס עס האָט פּאַסירט.

אין אַ שיינעם טאָג האָט זיך זלמן אַרומגעזען אַז די דירה, אין וועל־כער ער האָט אָפּגעוווינט גאַנצע זעקס יאָר, זינט ער האָט חתונה געהאַט הייסט עס, איז געוואָרן צו ענג, אַז זי איז אַ ביסל נאַסלעך און אַז די באַלעבאָסטע האָט אָנגעהויבן בייטן די מינע זינט דאָס מיידעלע איז על־טער געוואָרן און נאָך דעם וואָס דאָס יינגעלע, זאָל געזונט און שטאַרק זיין, איז געבוירן געוואָרן. מיט זלמנען און מיט זיין פרוי איז די באַלעבאָסטע דאָס לעבן און די נשמה, אָבער מיט די קינדער — איז דאָס אַראָפּשלינגען אַ ביטערע פּיל. זי האָט, זאָגט זי, ליב צו לעבן במנוחה און ווען די פרוי דערציילט עס איבער זלמנען נאָך אַ שווערן און פאַרביטערטן אַרבעטס־טאָג, פילט ער אַז דאָס בלוט זידט אין אים אויף און עס עקט זיך אים אָפּ דאָס חיות. הפנים אַז ער האָט ביי איר געדאַרפט באַקומען די הסכמה אויף צו האָבן קינדער; ווי געפעלט דיר עפּעס אַזאַ חוצפה! — מיינט מסתמא אַז מען קריגט שוין גאָר קיין דירות נישט...

און זלמן האָט באַשלאָסן צו דינגען אַן אַנדער דירה.

⁂

— וואָס איז דאָ פאַראַן אַ סך צו ברייען; זלמן האָט זיך בפירוש נישט פאָרגעשטעלט אַז ביי מענטשן זאָל זיך געפינען אַזוי פיל האַס צו פרעמדע קינדער, אָבער ער האָט עס באַגעגנט. יאָ, נאָך אפשר אין אַ גרעסערער מאָס ווי ביי די טירן, ווו ער קלאַפּט אָן אויף אָנצובאָטן זיין סחורה.

געגאַנגען איז ער אַ זיכערער און פול מיט צוטרוי, לויט די אַנאָנסן אין די צייטונגען. ער קומט אויפן אָנגעוויזענעם אַדרעס און קלאַפּט אָן. עס קומט אַרויס אַ פרוי נאָך וועלכער עס שלעפּן זיך נאָך אַ פּאָר קינ־דערלעך.

— וואָס האָט איר געוואָלט? — פרעגט זי.

— די צימערן וועלכע איר האָט צו פאַרדינגען; מען קען זיי אָנקוקן?

אַוודאי קען מען זיי זען, מיטן שענסטן פאַרגעניגן; אָבער איידער זי לאָזט אים אַריין וויל זי זיך פריִער באַקענען מיט זלמנס לעבנס-געשיכטע. ווו ער אַרבעט און אויף וואָס פאַרא באַדינגונגען ער וואָלט אַ בעלן געווען צו דינגען די דירה. צי וועט ער צאָלן פאָראויס פאַר דריי חדשים און אפשר קען ער נאָך דערצו ברענגען אַ גוטע גאַראַנטיע פון אַ גוטן בטוח און אויב יאָ, מיט וואָס קען ער איר גאַראַנטירן אַז דער וואָס האָט איר געגעבן די גאַראַנטיע איז אַ מענטש אויף וועלכן מען קען זיך פאַרלאָזן, ווייל היינטיקע צייטן זענען נישט אַמאָל, מיט היינטיקע צייטן שפּילט מען זיך נישט; אָ, היינטיקע צייטן...

זלמן הערט אויס די באַדינגונגען און ער גיט איר צו פאַרשטיין אַז מיט די אַלע זאַכן וועט מען מסתמא דורכקומען, נאָר ער וואָלט אויך אַ בעלן געווען אָנצוקוקן די דירה, צוליב וועלכער ער איז גרייט צו ברענגען אַזוי פיל קרבנות. די פרוי וועלכע איז גרייט אים שוין אַריינ־צולאָזן, גיט פּלוצלינג אַ פרעג:

— קינדער האָט איר?

— יאָ, צוויי האָב איך. אַ מיידעלע און אַ ייִנגעלע. דאָס קלענערע איז נאָך אַ פּיצעלע.

די פרוי ווערט מיט אַמאָל ערנסט. איר געזיכט באַקומט ספּאָנטאַן אַ פאַרגליווערטן אויסזען און זי מעלדעט זלמנען קאַטעגאָריש:

— מיט קיין קינדער קען איך נישט פאַרדינגען!

זלמן וויל נאָך עפּעס ענטפערן, ער וויל איר אויסרעכענען די מעלות פון זיין פרוי, פון זיינע קינדערלעך; אַז די פרוי זיינע איז אַ דימענט פון אַ ווייבל און די קינדער — שטילע צוויי טייבעלעך. אָבער אַלץ איז גע־ענדיקט; ער שטייט פאַר אַ פאַרהאַקטער טיר.

ער איז פון דאָרטן אַוועק אַ פאַרביטערטער. עס איז ביי אים געבליבן אַז ער האָט דאָ געהאַט צו טון מיט אַ האַרצלאָזער, שלעכטער פרוי. מיט וואָס דען דערקלערט זיך אַזאַ שנאה צו קינדער, צו פרעמדע קינדער וועל־כע מען קען נאָך אַפילו נישט פערזענלעך.

און שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג, נאָכדעם וואָס זלמן האָט שוין געהאַט אָנגעקלאַפּט אין אַ פּאָר צענדליק טירן, צו וועלכע ער האָט געטראָפן לויט די אַדרעסן וואָס מען האָט אָנגעגעבן אין די צייטונגען, האָט ער זיך איבערצייגט אַז די ערשטע פּרווי וואָס ער האָט באַגעגנט אויפן דערנער וועג פון זוכן אַ דירה, איז געווען אַ מלאך קעגן די איבעריקע, אויף וועלכע ער האָט דערנאָך אָנגעטראָפן. איינע האָט אים גלייך געפרעגט וויפל קינדער ער האָט און וויפל זיי זענען אַלט און צי זיי האָבן שוין געפּאָקט און געמאָזלט; אַ צווייטע, ווען זי האָט דערהערט אַז ער האָט קינדער, האָט זי אויף אים אָנגעשטעלט אַ פאַרחידושט פּנים, וועלכעס האָט דער־ציילט אַז זי וווּנדערט זיך איבערהויפּט וואָס אַ מענטש וועלכער האָט קינדער וואַגט גאָר צו פאָדערן אַז מען זאָל אים פאַרדינגען אַ דירה; אַ דריטע האָט שוין מסכים געווען אַז זלמן זאָל זיך אַריינציִען מיט די קינדער, נאָר ווען ער האָט דערזען די צימערן „מיט זון און לופט", וועלכע זי האָט צום פאַרדינגען, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען אַז אויב ער וועט אָפּווינען אַ יאָר צייט אין דער דאָזיקער דירה, וועט ער איבערהויפּט בלייבן אָן קינדער, ווייל זיי וועלן קראַנק ווערן און שטאַרבן, און אַ פערטע האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן און מיט אַ שניידנדיקער תמימותדיקייט אַ פרעג געטון:

— ווער פאַרדינגט עס אַ דירה פאַר אַ שכן מיט קינדער?

דאָס לעצטע האָט זלמנען געטראָפן ווי מיט אַ דובינע אין קאָפּ אַריין. ער האָט חשק געהאַט איר אָנצושפּייען אין פּנים אַריין. אָבער ער האָט זיך באַהערשט און מיט פאַרקלעמטע ציין זיך אָנגערופן:

— איר האָט נישט קיין קינדער?

— יאָ, איך האָב קיין עין־הרע פיר, זיי זאָלן מיר געזונט זיין...

— האָט זשע מיר אַ גוטן — האָט זלמן ספּאָנטאַן אַ זאָג געטון ווי געטריבן פון אַ ווילדער אינערלעכער קראַפט, און זי געלאָזט שטיין מיט אַן אָפן מויל.

ער איז פון דאָרטן אַוועק אַ פאַרביטערטער. אַזוי פיל פאַרדרוס וויפל עס האָט זיך ביי אים אָנגעזאַמלט אין משך פון די צוויי טעג, האָט זיך ביי אים נישט אָנגעזאַמלט אין משך פון יאָרן. ער זלמן, וועלכער איז געווינט געווען צו אַזוי פיל אומהעפלעכקייט און ביטול ווען ער האָט אָנגעקלאַפּט

אין פרעמדע טירן, צוליב דער וויסטער פרנסה זיינער, איז פשוט פאַר־וווּנדעט געוואָרן פון אַזוי פיל שנאה פון מענטשן צו פרעמדע קינדער, וועלכע זיי קענען אַפילו נישט. דער האַס צו זיינע קינדער, האָט זלמנען משמעות מער פאַרווונדעט ווי די שנאה וואָס מענטשן האָבן אַרויסגעוויזן צו אים, צו זלמן הימלשיין, וועלכער באָט אָן דער וועלט מערער וויפל ער פאָדערט ביי איר...

⁂

אויף צומאָרגנס, ווען זלמן האָט גאַנץ פרי גענומען דאָס פעקל און זיך געקליבן גיין צו דער אַרבעט, האָט ער ווי שטענדיק געכאַפּט אַ קוק אויף זיינע צוויי קינדער וועלכע זענען אומשולדיק נאָך געשלאָפן. ער האָט אויף זיי געקוקט מיט וואַרעמער פאָטערלעכער ליבע און מיט — רחמנות; דאָס ערשטע מאָל האָט זלמן הימלשיין דערפילט רחמנות צו זיינע קינדער, וועלכע אַלע, אַלע האַסן אָן אַ פאַרוואָס...

צער פון אַ מיידל

פון ווייט ,ערגעץ פון דער פּראָווינץ בוענאָס־איירעס, איז זי אין אַ פרימאָרגן אָנגעקומען. זי האָט מיטגעבראַכט אַן אָפּגעריבענע וואַליזקע און עפּעס אַ קיילעכדיקע פּודלע, ווו זי האָט געזאָלט האַלטן אַ היטעלע, עס האָט זיך אָבער דערנאָך אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז געווען אַזוי זיך, צוליב „רייזע־עפעקטן״. פאַרמאָגט האָט זי מער נישט ווי דאָס צוגעטראָגענע וואַסקישע בלויע מיצל, פון די ביליקע, אויף וועלכע עס קלעפּן זיך אָן די האָר, וואָס קריכן אויס פון קאָפּ. זי האָט עס געטראָגן אויף איין זייט קאָפּ אַזוי, אַז כמעט אַ העלפט פון איר טונקל ברוינער „מעלענע״ האָט זיך אַרויסגעזען.

קיין מיאוסע איז זי נישט געווען. זי האָט געהאַט אַ פּאָר שוואַרצע קאַרשן־אויגן, פון וועלכע די ווייסלעכער זענען פאַרדוויטלט געווען. עס איז קענטיק געווען אַז נישט איין שטויב שטורעם האָבן זיי איבערגעלעבט דאָרט ערגעץ אין דעם ווייטן פּראָווינץ־שטעטל, פון וואַנען זי איז איצ־טער אָנגעקומען — ווי זי האָט געזאָגט — צו גאַסט אויף עטלעכע וואָכן.

די מומע אירע איז געווען אויפן זיבעטן הימל. קיין קינדער האָט זי נישט געהאַט און דער מאַן אירער, וואָס האָט געהאַנדלט, פלעגט זיך מיינסטנס אַרומוואַלגערן אין דער פרעמד. עס פלעגן אַריבער גאַנצע וואָכן אַז זי האָט אים אין די אויגן נישט אָנגעזען. און אַז ער פלעגט שוין יאָ אַמאָל אַהיימקומען, האָט זי עפּעס אַנדערש חוץ עגמת נפש נישט געהאַט; זי פלעגט ליידן. איר האַרץ פלעגט פאַרקלעמט ווערן ווען זי האָט אים געזען חנדלען זיך צו די שכנישע קינדער. — וואָס האָט ער דאָרטן

אַזוינס דערזען אויפן קינד — פלעגט זי אים זאָגן — וואָס ער האָט זיך אַזוי „צוגעקלעפּט“ צו דעם?...

אַזוי פלעגן זיך די סצענעס איבערחזרן כמעט שטענדיק. זי האָט אָנגעהויבן פילן אַן איינזאַמקייט — ווי אַלע קינדערלאָזע פרויען — עס האָט איר געפעלט אַ נאָענטער מענטש, אַן אינטימער, פאַר וועמען אויסצוגיסן דאָס האַרץ, האָט זי אַרויסגערופן איר פּלימעניצע פון דער ווייטער קאָלאָניע.

דער איינדרוק איז ביי ביידן געווען אַ טיפער ווען זיי האָבן זיך דערזען. זיי האָבן שוין אַ יאָר צוועלף נישט געהאַט געזען זיך. דאָס מיידל האָט איצט אויסגעזען ווי אַ פרוי (די מומע האָט געזאָגט: „אַ גאַנצע סעניאָריטע“). דאָס מיידל האָט אויסגעפונען אַז די מומע האָט שוין גרויע האָר. און וויפל איז זי עס דען אַזוינס אַלט? נאָך קיין 40 נישט... אפשר אַז די מומע נעמט זיך עס שטאַרק צום האַרצן. וואָס דאַרף די מומע אַזוי אַריינטראַכטן?... נאָר נישקשה, איצטער וועט זי שוין זען אַז דער מומען זאָל נישט זיין אומעטיק... וואָס אַ שטייגער וואָלט שוין די מומע געזאָגט, ווען זי דאַרף וווינען דאָרט, אין דעם פאַרוואָרפענעם העק?

די מומע ווידער האָט אָנגעקוקט ס׳מיידל און געטראַכט, אַז זי זעט שוין אויס גאַנץ פרויאיש, און מען וואָלט איר אַוודאי געדאַרפט אָפּזוכן עפּעס אַ לייטיש יינגל. ווייל וואָס קען זיין דער תכלית פון אַזאַ מיידל ווי זי? אַזוי האָט זי געטראַכט, די מומע; געזאָגט האָט זי אָבער פּונקט דאָס פאַרקערטע: אַז וואָס דאַרף זי זיך אַזוינס איילן, זי וועט עפּעס אָנווערן? זי זעט דאָך נאָך אויס אַזוי יונג. נאָר פונדעסטוועגן וועט זי שוין זען, אַז יינגלעך זאָלן אַריינקומען. נישט מחמת עפּעס, גלאַט אַזוי, זאָל זי דאָ האָבן באַקאַנטע...

ביידע, סיי די מומע, סיי דאָס מיידל, האָבן זיך געהאַט וואָס אויסצודערציילן. ביידן האָט עפּעס וואָס געדריקט; אָבער געזאָגט האָבן זיי ביידע נישט גאָרנישט פון דעם אַלעמען. מען איז נאָר אַרומגעגאַנגען דאָס עיקרדיקע מיט געווינלעכע איבערפלעכלעכע פראַגן, פון: „וואָס טוט דער און וואָס מאַכט יענער?“ און צי האָט זי ליב צו גיין אין קינאָ? אויב יאָ, קאָסט דאָס פאַרגעניגן שפּאָט ביליק און אַז פאַרווייליגונגען מאַכט מען דאָ אַלע זונטיק, און זאָל זי שוין גאָרנישט זאָרגן, עס וועט איר דאָ זיין

פריילעכער ווי דאָרט אין קאָלאָניע. זאָל זי וויסן זיין, אַז „דאָ איז נישט דער קאַמף". די מומע מיט דער פלימעניצע האָבן זיך געפרייט. דער ערשטער איינדרוק איז אויףביידן געווען אויסגעצייכנט.

***

עס זענען אַריבער עטלעכע וואָכן. עס איז אַריבער די גאַסט־שטימונג און ביי דעם מיידל איז מיט אַמאָל פאַרגעקומען אַ גאַנצע איבערקערעניש. עפּעס האָט זי זיך פאַר דער צייט פון די עטלעכע וואָכן זיין אין שטאָט דערוווּסט פון אַזוינע זאַכן, וואָס זי וואָלט, אָפּלעבנדיק דאָרט אין שטעטל נאָך 20 יאָר — צי אפשר דאָס גאַנצע לעבן — נישט געווען באַנומען.

דאָרט אין פּראָווינץ־שטעטל האָט זי די שטאָט געצויגן מיט טויזנט צויבערן. זי פלעגט אין די מאָדע־זשורנאַלן זיך אַזוי פיל אָנלייענען און אין די גראַפישע בילדער זיך אַזוי פיל אָנזען פון דעם שיינעם לעבן. עפּעס האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אין דער גרויסער שטאָט טוען די מענטשן נישט עפּעס אַנדערש ווי פּראַווען באַנקעטן און טוען גלאַט פאַרברענגען. אַפילו די זעלטענע באַשרייבונגען פון דער שטאָטישער אָרעמקייט האָט אין די דערמאָנטע אילוסטרירטע זשורנאַלן אויסגעזען ווי געטון פאַר אַ נאָווינע, פאַר אַ טשעקאַוועסט; קעגן דעם שטעטלשן מאָנאָטאָנעם לעבן האָט אַפילו די שטאָטישע אָרעמקייט אויסגעזען פייערלעך.

נאָך אַזוינע מאָמענטן, וועלכע פלעגן זי אַריינברענגען אין אומגעהויערן עקסטאַז פאַר דער שטאָט, פלעגט זי אָפּשטיין שעהנווייז פאַרן שפּיגל, פלעגט זיך אויסלייגן די האָר, אָנשטעלן די פיגור לויט די פּאָזעס וואָס זי האָט געזען אויף די עלעגאַנטע בילדער פון ערגעץ אין די אַריסטאָקראַטישע באַד־פּלעצער צי גלאַט צוזאַמענקונפטן. און הגם זי האָט אויסגעפונען, אַז איר טאַליע איז אַ ביסל צו פּאָרמלאָז, אַז אירע הענט זענען נישט גענוג עלעגאַנט און אַז קיין פּיס האָט זי אויך נישט אַזוינע שטאַלטנע, כאָטש זי האָט דאָס אַלץ געזען, פלעגט זי אָבער גלויבן, אַז מסתמא זענען אין שטאָט אויך נישט אַלע עלעגאַנט און אַז יעדנפאַלס וואָלט זי אין שטאָט נישט געווען פון די מיאוסע — אַזוי פלעגט זי טראַכטן, שטייענדיק שעהנווייז ביים שפּיגל פון זייער אַלטמאָדישער שאַפע דאָרט אין שטעטל.

די עטלעכע וואָכן אָפּזיין אין שטאָט האָבן געביטן איר קוק אויף אַלץ.

***

צו די עטלעכע וואָכן האָט זי באַקומען אַ בריוו פון דער היים. געשריבן האָט מען, אַז די צייט גייט שלים שלימזל. אַז פאַר דער גאַנצער צייט רעגנט נישט. אַז דאָס, וואָס מען האָט פאַרזייט, ווען זי איז אַוועקגעפאָרן, האָט אַפילו נישט דערלעבט אויפצוגייען, אַז די בעסטע מילך־קו זייערע איז פלוצלינג אַוועקגעפאַלן און נאָך עפּעס האָט מען איר געשריבן: אַז איינער אַ יינגל, אירער אַ נאָענטער באַקאַנטער, איז אַ חתן געוואָרן. ביי דער שטעל האָט ביי איר דאָס האַרץ אַ צאַפּל געטון. און עס איז אויסגעקומען אַזוי: אַז נישט די שלעכטע צייט, וועגן וועלכער מען שרייבט איר, נישט די טריקעניש און נישט דער טויט פון זייער בעסטער מילך־קו גייען איר דאָ אָן, נאָר דאָס נייעס, אַז עפּעס אַ פרעמד יינגל איז אַ חתן געוואָרן, האָט אויף איר געמאַכט אַן איינדרוק. עס איז אויסגעקומען ווי זי וואָלט זיך מיט אים עפּעס אָנגעהערט. נאָר, ניין, זי האָט באַלד אַ ביטערן שמייכל געטון און ווייטער געלייענט. און אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז מ׳הייסט איר נאָך בלייבן דאָרטן ביי דער מומען אַ שטיקל צייט, וואָרום „וואָס וועט זי אָנווערן דאָ אינעם פאַרחושכטן שטעטל?"

דעם בריוו האָט זי דערנאָך פאַרגעלייענט דער מומען. אַז זי האָט געענדיקט, האָט זי געזאָגט:

— טאָמער ווייסטו וואָס זיי האָבן מיר געשריבן וועגן די תנאים פון איסאַקן? זיי האָבן שוין קיין בילכערס נישט געהאַט צו שרייבן...

און די מומע, כאָטש זי האָט פון אירע תרעומות אַרויסגעלייענט פונקט דאָס פאַרקערטע, אַז עס אינטערעסירט זי שוין דווקא יאָ דאָס נייעס, האָט אָבער נישט געענטפערט אויף דעם, נאָר געזאָגט:

— טאָמער ווייסטו וואָס זיי הייסן דיר נאָך בלייבן אַ שטיקל צייט? וואָזשע האָבן זיי געמיינט, אַז איך וועל דיך אַזוי גיך אַפּלאָזן? איך קען באַשטייך זאָלסט דאָ אָפּזיין עטלעכע חדשים...

***

און דערנאָך איז שוין אַלץ אַוועק ווי געוויינלעך. דער פעטער פלעגט קומען אויף עטלעכע טעג און אַוועקפאָרן, און זיי פלעגן ווידער בלייבן

אַליין. די מומע האָט זיך באַמיט, אַז ייִנגלעך זאָלן קומען, זי, דאָס מיידל, האָט שוין אַפּילו טיילווייז אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דאָס קליינשטעטלדיקע און זיך אָנגעשטרענגט אויסצוזען גרויסשטאָטיש, כאָטש די גאַנצע זאַך האָט איר אויסגעזען מאָדנע. זי האָט, קוקנדיק, באַמערקט, אַז גראָד די שטאָטישע שטרענגען זיך ווייניקער פֿון אַלץ אויסצוזען גרויסשטאָטיש, גיכער האָבן זיי פֿיינט געהאַט די גרויסע שטאָט און זייער אידעאַל איז געווען אויף אַ פּאָר וואָכן פֿון איר צו אַנטלויפֿן.

מערקווירדיק: זי האָט מיט דער צייט דערזען, אַז דאָס שטרענגע שטאָט־לעבן טיילט צו מער פֿליכטן ווי רעכט אירע איינוווינער, אַז דאָס דורכשניטלעכע לעבן דאָ זעט נישט אויס ווי זי האָט עס געזען אין די זשורנאַלן־בילדער, זי האָט פֿאַר זיך דערזען אַ שטיק גראָע ווירקלעכקייט, אין וועלכער עס זענען איינגעשפּאַנט די אַלע, וואָס מען רופֿט שטאָטישע. זי האָט באַמערקט, אַז די מענטשן דאָ טוען זייער פֿליכט, גייען צו זייער אַרבעט און באַשעפֿטיקונג מיט אַ מין פֿאַרדרוס, מיט אַן עקל. עפּעס איז דאָס אַלץ פֿאַר זיי ווי אַן אָפּקומעניש.

דאָ האָט זי גאָר מיט אַמאָל באַמערקט אַ זאַך, וועלכע איז איר גאָר קיינמאָל אויפֿן זינען נישט געקומען און וועלכע זי האָט קיינמאָל אין אַכט נישט גענומען. זי האָט באַמערקט אַז דאָ פּוצט מען צו דאָס לעבן פֿונעם קליינעם שטעטל, אַז אין אַלע זשורנאַלן און זונטיק־ביילאַגעס פֿון די צייטונגען ווייזט מען דאָס רוב מאָל דאָס שטעטל אין אַזוינע ליכטיקע אילוסטרירטע קאָלירן, אַז עס איז ביי איר אַנטשטאַנען אַ רעטעניש: דאָס שטעטל מיט זיין מאָנאָטאָנעם גראָען לעבן האָט זי גוט געקענט און איצט האָט זי די שטאָט אויך דערזען אין איר אמתער צורה. זי האָט זיך דערפֿילט ווי אָפּגענאַרט, די וואָכן האָבן זיך פֿאַר איר געצויגן האַמעטנע, שווערע, די אַבסטראַקטע שטאָטישע צויבערקראַפֿט האָט ביי איר אָנגעהויבן אָננעמען אַ קאָנקרעטן תּכליתדיקן כאַראַקטער. עס איז פֿאַר איר קלאָר געוואָרן דער ציל פֿון זיין דאָ אין דער שטאָט, זי האָט געוואָלט קומען צו איר תּכלית.

און וואָס איז מכוח תּכלית? זי האָט געטראַכט פֿון גיין אַרבעטן ערגעץ אין אַ פֿאַבריק, די מומע אָבער האָט אונטערן באַגריף תּכלית פֿאַרשטאַנען אַ שידוך. די ערשטע צייט האָט עס אויך אויסגעוויזן לייכט, עס

פלעגן זיך אומדרייען אַרום איר אַ פּאָר יינגלעך. איינער איז איר אַפילו געפעלן געוואָרן, עס האָט געהייסן, אַז ער איז אַ באַנק־אַנגעשטעלטער און געזאָגט האָט מען אַז דאָ אין שטאָט קען אַן אַנגעשטעלטער אין אַ באַנק זיין דער וואָס קערט אויס דעם לאָקאַל אוןווישט אויס די שויבן און פאַרדינען זאָל ער גאַנצע 80 פעזעס אַ חודש... אָבער נישט אין דעם איז דאָ געגאַנגען. עפעס איז דער בחור אָט גלאַט געווען אַ מאָדנער טיפ, ער פלעגט צווישן יאָ און ניין ווען אויסנאַרן ביי איר וויפל זי איז אַלט, עס איז אויסגעקומען ווי ער וואָלט זי דאָ געגאַנגען קויפן און עס איז אַ נפקא מינה, צי זי איז ניי אָדער פאַרעלטערט...

— וויפל אַ שטייגער יאָרן גיט איר מיר? — פלעגט זי כלומרשט אין אַ שפּאַס פרעגן.

— ניינצן יאָר — פלעגט ער זאָגן אומגעטראַכט און אַ מינע האָט ער דערביי געמאַכט, גלייך ער האָט נאָך איבערגעשאַצט. זי פלעגט אָבער אין זיין שעלמיש שמייכעלע באַמערקן אַז ער איז שוין גאַרנישט אַזוי נאַיוו און אַז אַ בלינדער וואָלט אויך באַמערקט, אַז וואָס וואָס, נאָר קיין 19 יאָר איז זי שוין נישט אַלט.

נאָך אַזוינע געשפּרעכן פלעגט זי אַ סך טראַכטן. זי האָט אויך אַנט־דעקט די סיבה פאַרוואָס זי פלעגט אויף די בעלער נישט האָבן קיין דערפאָלג. יעדע פאַרוויילונג, וועלכע זי האָט באַזוכט, איז פאַר איר געווען אַ ביטערע אַנטוישונג. זי האָט גוט געזען, וואָס מען פאָדערט אויף די געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענקונפטן: דאָ האָט געהערשט די יוגנט און זי איז דאָך שוין קיין יונג מיידעלע נישט געווען. יענע יאָרן זענען ביי איר אַוועק דאָרט אין שטעטל אין חלומות וועגן דער שטאָט. עס האָט נישט געהאָלפן נישט דאָס פאַרבן זיך די נעגל און נישט דאָס קליידן זיך מאָדיש. די מומע פלעגט אַלץ טון, מערער ווי זי האָט געקענט האָט זי געטון, אַז זי זאָל זיין צופרידן. זי אַליין פלעגט אויך אימיטירן די לעבע־דיקייט פונעם יונגוואַרג, עס איז אָבער אַרויסגעקומען פאַלש און נישט עכט; אין דעם אַרום פלעגט שפּרודלען מיט אוממיטלבאַרער נאַטירלע־כער יוגנטלעכער פרייד. זי איז נישט אַלט געווען קיין ניינצן, זי האָט געוווסט אַז 30 יאָר און וואָס האָט זי געקענט מאַכן?

זי האָט חוץ אַלע נאַטירלעכע יסורים, וואָס עסליידט אַ נײַ צוגעקו־מענער אין שטאָט, אָנגעהויבן צו פילן די פּאָלגן פונעם סנאָביזם, מיט וועלכן דאָס שטאָטישע לעבן האָט זי אַרומגערינגלט. צום גליק האָט זי זיך ביי איר מומעס אַ קרובה אין שטוב באַקאַנט מיט אַ יונגערמאַן, וואָס האָט אויסערלעך אויסגעזעזן גאַנץ איינפאַך און וואָס האָט זיך אַרויסגע־וויזן אַלס אַן אויסערגעוויינלעכער אינטערעסאַנטער מענטש.

ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אויסגעהערט אירע תרעומות צום שטאָטישן לעבן, האָט ער זיך פון דעם אויסגעלאַכט. אין זיין אויסלאַכן זיך איז אָבער נישט געווען פון דעם סנאָביזם, וואָס זי פלעגט מערקן ביי אַנדערע, וואָס פלעגן אונטערשמייכלען פון אירע כסדרדיקע תרעומות.

ער איז געווען אַ סטאָליער פון פאַך, מען האָט געשמועסט אַז זיין פאַך צאָלט זיך נישט אַזוי גוט, אָבער עס איז כלל נישט קענטיק געווען אויף אים קיין שפּורן פון אומצופרידנקייט, גיכער איז אין זיין האַלטונג געווען עפּעס אָפּשפּעטעריש, ווען עס פלעגט צו רייד קומען וועגן דער נידער־לאַגע אין זיין פאַך.

איינמאָל האָט אים דאָס מיידל אַ פרעג געטון:

— אייך אַרט אפנים נישט אייער שלעכטע לאַגע? ווי איך זע, זענט איר גלייכגילטיק צו זיך אַליין.

— גלייכגילטיק? — האָט ער אַ שמייכלענדיקער געענטפערט — קומט אייך אַמאָל דורך צו אונדז אין סינדיקאַט און איר וועט זען צי זענען מיר גלייכגילטיק.

— ווער איז דער „מיר"? — האָט זי געפרעגט.

— וואָס הייסט ווער? — האָט ער אָפּגעענטפערט — אונדזער קלאַס. איר דאַרפט דאָך וויסן זייך, אַז די פראַגע פון מיין פאַך איז די פראַגע פון אַלע פאַכן, ס'זענען נישט קיין פראַגן פון יחידים. דאָס איז די פראַגע נישט פון „מיר", נאָר פון „אונדז"...

זיינע ווערטער זענען אַפילו געווען פרעמדלעך פאַר איר, אָבער זיי זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן גלייכצייטיק מיט אַזאַ רואיקייט און אינער־לעכער אויפטרייסלונג, אַז זי האָט פאַר זיך דערזען אַ מענטשן, וואָס איז ראוי געווען איר אויפצוקלערן איר לאַגע. אָ, ווי שטאַרק זי האָט זיך גע־נויטיקט אין אַזאַ איינעם, אָבער צי וועט דערפון ווערן עפּעס אַ תכלית...

איר קליינבירגערלעכע דערציִונג האָט איר אַלעמאָל געשטעלט אָט די פראַגע, אויף וועלכער זי האָט זיך מיאוש געווען צו קריגן אַן ענטפער.

***

צו דער מומען פלעגט אַריינקומען אַ ייִד וואָס פאַרקויפט צעטעלעך פון דער לאָטעריע. איז וואָס אַ שטייגער פאַר אַ געשעפטן האָט זי מיט דעם ייִדן אָט? די מומע האָט אַ שוואַכקייט צו קויפן אַ צעטעלע און אַמאָל שפּילט זי אַ קיניעלע, נאָר וואָס גייט עס איר אָן?

וועגן דעם ייִדן אָט האָט די מומע דערציילט אַ סך זאַכן און פון די אַלע זאַכן איז אויסגעקומען אַז חוץ אַ צעטעלע־פאַרקויפער, איז ער דער דאָזיקער ייִד אויך אַ שדכן און אַ סברה, אַז ער האָט אויסגעפירט שידו־כים גאָר אין די הויכע פענצטער.

די דאָזיקע געשיכטע האָט איר די מומע דערציילט, שוין אין די ערשטע טעג ווען זי איז נאָרוואָס אָנגעקומען. זי האָט פאַרשטאַנען דאָן, אַז די מומע גיט איר אָנצוהערעניש, צי וואָלט זי נישט אַ בעלן געווען, אַז דער ייִד זאָל עפּעס טון פאַר אירעט וועגן. זי האָט אָבער דאָן, אַ פרישע נאָך מיט אירע אילוזיעס וועגן דער שטאָט, זיך געפונען ווי געטראָפן, האָט זי דער מומען באַמערקט איראָניש:

— וואָס זשע מומע, עס זענען נאָך פאַראַן דאָ אַזוינע נאַראָנים, וואָס לאָזן זיך אויסשדכענען דורך אָט אָ דעם ייִדן?

און דערנאָך האָט זי דער מומען פאַרזיכערט, אַז ווען זי זאָל וויסן וויסיך וואָס, וואָלט זי דורך קיין שדכן נישט חתונה געהאַט און זי האָט זיך דערביי הילכיק צעלאַכט.

אָבער וואָס איז ביי איר פאַרגעקומען פון דעמאָלט אָן? אפשר איז אין דעם שולדיק געווען די דערפאַרונג, די נאַקעטע ווירקלעכקייט?

סיי ווי האָט זי איינציקווייז אָנגעהויבן פאַרלירן אַלע אויסגעחלומטע אילוזיעס וועגן דער שטאָט. דאָס ייִנגל, דער סטאָליער איז געווען אַ ווילער, זי פלעגט אַפילו צופרידן זיין מיט אים זיך באַגעגענען און שמועסן מיט אים. עס פלעגט איר טיילווייז ווערן לייכטער אויפן געמיט פון זיינע זאַכלעכע ווערטער און געדאַנקען... אָבער וואָס האָט זי דערפון געקענט האָבן? קיין תכלית האָט זי אין דעם נישט געזען. זי איז אַפילו

לויט זיין רעקאָמענדאַציע אַריינגעקומען אין אַ ייִדישער ביבליאָטעק, אין אַ קולטור־צענטער. עס איז איר אַפּילו געפעלן געוואָרן, זי האָט דאָ געטראָפן איינפאַכקייט, אָבער זי איז ווידער פאַרבליבן ווי געפּענטעט אין איר צער פון אַן עלטער מיידל, וועמען עס איז שווער ערשט איצט אָנצו־הייבן פון אָנהויב. די האָפענונג פון אויסנעמען אין געזעלשאַפט האָט אויך נישט באַפרידיקט, בכלל האָט די שטאָט פאַרלוירן ביי איר דעם גאַנצן חן. זי האָט פאַרלוירן די פוסטע פאַנטאַזיע, זי האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז אַ מיידל אין אירע יאָרן טאָר זיך נישט שפּילן אין אילוזיעס. דער ייִד האָט אָנגעהויבן באַשעפטיקן אירע געדאַנקען און אין שלאָפלאָזע נעכט פלעגט זיך ביי איר אויסמישן די געשטאַלט פונעם באַבערדלטן ייִדן מיט די פייערדיקסטע מיידלשע באַגערן און זי פלעגט אירע צעהיצטע שלייפן אָפּקילן אינעם קאַלטן אייזן פון איר בעטל... עס פלעגן אין איין פייער־דיקער קנויל אין איר פאַנטאַזיע אויסמישן זיך דעם ייִדנס גראָבע אויגן־גלעזער, פון הינטער וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר קורצזיכטיקע אייגעלעך, וואָס האָבן אויף איר געקוקט פאַכמעניש און געפליסטערט — „דיר קומט אַ מאַן...״

עס פלעגט זי אַריינוואַרפן אין אַ שוידער און זי פלעגט אַרומכאַפּן דאָס קישן און עס צודריקן און עס האָט דערביי אין די אויערן ווי געקלונ־גען אַ טייוולאָנישע שטימע, וואָס האָט געפליסטערט:

— אַ מאַן קומט דיר שוין!...

**
*

אין אַ טאָג, ווען דער ייִד איז ביי זיי געווען, האָט די מומע האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט זיך אָנגערופן צו אים:

— אפשר האָט איר אַ חתן פאַר מיין פּלימעניצע? אָבער אַ ייִנגל אַזוינס און אַזעלכעס.

דער ייִד האָט עפּעס דאָרטן געזאָגט, דערמאָנט פון שווערע צייטן און אַז ייִנגלעך לאָזן זיך היינט אָפּגילטן און זיי ווילן בכלל נישט חתונה האָבן, ס׳הייסט ווילן ווילן זיי יאָ, נאָר זיי האָבן מורא... נאָר אַ שיין מיידל וועט אין אַלע צייטן קריגן אַ חתן, און וואָס עס באַלאַנגט אים, איז ער שטענ־דיק גרייט אָפּצוזוכן איר אַ חתן, ווייל וויסן דאַרף מען, אַז דאָס איז זיין פּרנסה... און ווער נאָך ווי ער קען אַזוי אויסגעפינען אַלע ייִנגלעך דאָ?

טאָ, זאָלן זיי זיך שוין פאַרלאָזן אויף אים — אַ שיין מיידל וועט אין אַלע צייטן קריגן אַ חתן — האָט ער ווידער אַמאָל געזאָגט, ווען ער איז שוין געשטאַנען ביי דער שוועל...

דאָס מיידל איז דערביי געזעסן און גאָרנישט געזאָגט. וואָס האָט זי געקענט זאָגן? ווען זי איז פאַרבליבן מיט דער מומען אַליין, האָט קיינער פון זיי ביידן נישט געוווּסט ווי אַזוי פאָרצוזעצן דעם געשפּרעך. ענדלעך, ווען די מומע האָט באַמערקט דעם טרויעריקן אויפן מיידלס פּנים, האָט זי זיך אָנגערופן:

— וואָס דאַרפסטו זיך אַזוי נעמען צום האַרצן? דורך אַ שדכן קען מען אויך אַמאָל גוט אָנטרעפן...

דאָס מיידל האָט איר גאָרנישט געענטפערט...

אַז אַ גלויבן

ווען שלום האָט עטלעכע חדשים נאָך דער ענדע פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה באַקומען אַ בריוו פֿון זיין שוועסטער און איבערגעלייענט וועגן דעם תּכלית וואָס עס איז געוואָרן פֿון זיין פֿאַרצווייגטער משפּחה אין דער אַלטער היים, האָט זיך צעעפֿנט דער קוואַל פֿון זיינע טרערן און ער האָט ביטער געוויינט.

דאָס זענען געווען נישט נאָר טרערן פֿון טרויער נאָר אויך פֿון פֿרייד. אין דעם דאָזיקן בריוו — דער איין און איינציקער וואָס ער האָט באַקומען, ווייל מער האָט ער קיין בריוו פֿון זייניקע נישט דערהאַלטן — האָט זיך געשריבן אַז דריי פֿון זיינע שוועסטער און צוויי ברידער האָבן זיך געראַטעוועט פֿון אומקום. באַלד ווי די נאַציס האָבן אינוואַדירט סאָוועטן־רוסלאַנד און עס האָט זיך אָנגעהויבן די בהלה פֿון אַנטלויפֿן פֿאַר דעם ווילדן שונא, האָט די מאַכט אָנגעהויבן עוואַקויִרן די ציווילע ייִדישע באַפֿעלקערונג קיין רוסלאַנד און זיי זענען, צוזאַמען מיט אַנדערע טויזנטער ייִדן אָנגעקומען ערגעץ ווייט אין אַ קאַנט פֿון דער סאָוועטישער ריזן־טעריטאָריע, ווו זיי האָבן איבערגעוואַרט דעם שטורעם וואָס האָט געבושעוועט אויף דער וועלט. פֿונוויטנס, זענען געקומען פֿינצטערע בשׂורות וועגן דער אויסראָטונג פֿון מיליאָנען ייִדן, אָבער זיי זענען געווען זיכער, זיכער מיט דעם בידנע שטיקל לעבן וואָס זיי האָבן געראַטעוועט ממש על פּי נס און זיך געקלאַמערט אין דעם מיט ציין און נעגל. דאָס איינציקע וואָס זיי האָבן באַגערט — איז איבערלעבן, איבערקומען, ביז עס וועט קומען די צייט און מען וועט זיך קאָנען צוריק אומקערן אַהיים אין דעם בעסאַראַבער שטעטל, ווו מען האָט אַלץ איבערגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט. די דאָזיקע

אַט האָפענונג האָט געגעבן כּוחות איבערצוקומען אַלע פּורעניותן וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער זיי אין דער ווייטער, ציִיטווייליקער היים, ווו מען האָט געאַרבעט שווער, געליטן הונגער, דורכגעמאַכט קראַנקהייטן און געווען אַרומגערינגלט פון פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן פּונקט ווי זיי געקעמפט פאַר דעם אָרעמען לייב און לעבן.

דאָס אַלץ האָט אים די שוועסטער דערציילט אין דעם איין און איינציקן בריוו וואָס ער האָט פון איר באַקומען. אין דעם זעלבן בריוו האָט זי אים מיטגעטיילט די טרויעריקע בשורה אַז די עלטערן — אַלטע לייט וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט רירן פון די ערטער, פאַרלאָזנדיק זיך איינגאַנצן אויפן אויבערשטנס הילף — זענען אומגעבראַכט געוואָרן פון די נאַצישע און רומענישע רוצחים אויף אַ ווילדן, אוממענטשלעכן אופן. אין יענע קאַנטן האָבן די נאַציס נישט אויפגעשטעלט קיין גאַז־קאַמערן. צו קליין איז געווען דער פאַנג, אַז זיי זאָלן אויפשטעלן אַזעלכע גרויסע מאָרד-אונטערנעמונגען ווי אין די טויטן־לאַגערן פון פוילן און דייטשלאַנד, האָבן זיי די קרבנות זייערע אומגעבראַכט אויף אַ ווילד־פּרימיטיוון אופן: זיי האָבן די דריי הונדערט אַלטע לייט און קראַנקע וואָס האָבן נישט געוואָלט און נישט געקאָנט זיך עוואַקואירן — צווישן זיי שלומס טאַטע־מאַמע — פאַרטריבן אין אַ גרויסן קעלער אַריין און זיי אַלע אויסגעדושעט דורכן אַריינלאָזן גיפטיקן רויך. קיין ייִד וואָס זאָל עדות זאָגן וועגן דעם דאָזיקן שרעקלעכן סוף פון די שטעטלשע ייִדן איז נישט געבליבן, אָבער פּריינטלעכע פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, וואָס האָבן דאָס צוגעזען, האָבן עס איבערגעגעבן מיט אַלע פּרטים. די וואָס האָבן נאָך געזשיפּעט נאָך דער דאָזיקער מאָרד־אַרגיע, האָט מען אַרויסגעפירט צום יאַר וואָס ביים שטעטלשן בית־עולם, זיי באַפוילן אויסצוגראָבן די אייגענע קברים און זיי אויסגעשאָסן ווי די הינט. דער עלטערער ברידער זיינער, וואָס האָט זיך יאָ עוואַקואירט, איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינד אין אַ לאַגער פון טראַנסניסטריע.

דער דאָזיקער בריוו פון דער שוועסטער איז געווען דאָס איינציקע קול וואָס שלום האָט דערהערט פון זייניקע נאָך יאָרן פון אַנגסטלעכער וואַרטעניש. פאַר דער גאַנצער צייט וואָס דער קריג האָט געפלאַקערט, האָט ער זיך נישט געמאַכט קיין אילוזיעס וועגן דעם גורל פון זיין משפּחה,

וועלכע האָט זיך געפונען אין דער סאַמע מיט פֿון דעם פֿייער־שטורעם. אין די מינוטן פֿון חשבון הנפש, האָט שלום זיך דערזען ווי דער לעצטער וואָס האָט זיך געראַטעוועט און איז לעבנגעבליבן פֿון דער גאַנצער משפּחה און האָט זיך געפֿילט ווי שולדיק: וואָס עפּעס איז אויסגעפֿאַלן דער גורל דווקא אויף אים צו בלייבן לעבן? מיט וואָס האָט ער זוכה געווען צו ראַ־טעווען זיך פֿון אומקום און פֿאַרוואָס זענען זיי אומגעקומען? אָבער גיי פֿרעג שאלות ביים בלינדן גורל! צי איז ער דען דער איינציקער מיט וועמען עס האָט פּאַסירט. אָט דרייען זיך דאָ אום טויזנטער אַזעלכע ווי ער און פֿרעגן זיך די זעלבע זאַך: פֿאַרוואָס זענען מיר געבליבן לעבן און זיי דאָרטן זענען אומגעבראַכט געוואָרן אויף אַזאַ שוידערלעכן אופֿן? פֿאַרוואָס? פֿאַר־וואָס?!!!

**
*

דער בריוו פֿון דער שוועסטער האָט שלומען טיילווייז באַרויִקט. ער האָט זיך גוט אויסגעוויינט איבערן טראַגישן סוף פֿון זיינע עלטערן און פֿון זיין עלטערן ברודער מיט זיין פֿאַמיליע. אין האַרץ האָט זיך ווי איינגענעסטעט אַ טרויער, אָבער די אַנגסט פֿון פֿריִער האָט נאָכגעלאָזט. ער האָט שוין געוווּסט דעם סך־הכל און אין דעם סך־הכל איז אויך געווען דאָס טראָפּעלע פֿרייד אַז ער איז נישט דער איינציקער לעבנגעבליבענער פֿון דער משפּחה. אמת טאַקע, זיי געפֿינען זיך ווייט, זייער ווייט פֿון אים, אָבער דורך אַ בריוו וועט מען פֿון צייט צו צייט זיך קאָנען דורכריידן, דערציילן זיך פֿון ליידן און פֿריידן, ווי אין די גוטע אַלטע צייטן פֿון פֿאַרן קריג.

שלום האָט אויפֿן בריוו פֿון דער שוועסטער געענטפֿערט מיט אַ לאַנגן בריוו, אין וועלכן ער האָט אַרויסגעשריבן אַלץ וואָס מיט אים האָט פּאַסירט אין משך פֿון דער צייט וואָס זיי זענען געווען אָפּגעריסן איינס פֿון דאָס אַנדערע. און וואָס, מישטיינס געזאָגט האָט דען מיט אים פּאַסירט! הגם ער האָט דער שוועסטער געהאַט וואָס מיטצוטיילן, ווייל פֿאַר דער צייט האָט ער חתונה געהאַט, האָט צוויי קינדער און עס האָבן מיט אים פּאַסירט אַנדערע געשעענישן, האָבן אים אָבער די אַלע זאַכן אויסגעזען נישטיק קעגן דעם וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט דאָרט. זיי האָבן אים

אויסגעזען אַזוי נאַריש, אַז ער האָט זיך אַזש געשעמט זיי אַרויסצושרייבן. וואָס זאָל ער איר שרייבן דער שוועסטער, אַז בעת זיי דאָרטן האָבן דורכגעמאַכט דער גיהנום, האָט ער דאָ געלעבט רואיק, געגאַנגען אויף שמחות, אויף באַנקעטן, אין טעאַטער און הנאה געהאַט פונעם לעבן? עס איז אַ חרפּה און בושה וועגן דעם צו טראַכטן, אָבער אַזוי איז דאָך פאָרגעקומען. ער האָט איר פונדעסטוועגן אַרויסגעשריבן די אַלע קלייני־קייטן, ווייל ער האָט אין דעם דערזען ווי אַ בריק אומצוקערן זיך צוריק צו אַ נאָרמאַלן קאָנטאַקט צווישן זיך און זייניקע, נאָך אַזויפיל יאָרן פון צעריסנקייט און אַנגסטלעכן איבערטראַכטן וועגן זייער גורל. שוין, וואָס געווען איז געווען; איצט וועט מען ווידער אָנהויבן פונדאָסניי!

שלום האָט קיינמאָל נישט געוווּסט צי די שוועסטער האָט באַקומען זיין בריוו. ער האָט נישט פון איר און נישט פון אַנדערע שוועסטער און ברידער נישט באַקומען מער קיין איינגעטונקטע פען. אומזיסט האָט ער געשריבן בריוו און זיי אָפּגעשיקט דורך דער לופטפּאָסט מיט די בעסטע באַוואָרענישן. נאָך דעם איין און איינציקן בריוו וואָס ער האָט באַקו־מען, איז אַנטשטאַנען אַזאַ מיסטעריעזע און מוראדיקע שטילשווייגעניש, און שלום האָט זיך דערפילט ווי אַ שיפסברוכיקער וואָס איז פון די ים־כוואַליעס פאַרטראָגן געוואָרן ערגעץ אויף אַ פאַרוואָרפענעם אינדזל, ווו ער זיצט און וואַרט אויף רעטונג... אָט האָט ער דערזען פונווייטנס דעם אָפּגלאַנץ פון אַ שיין, אַ צייכן פון אַ פאַרבייגייענדיקער שיף, אָבער די שיין איז אַזוי ווייט פון אים, אַז קיינער האָט אים נישט באַמערקט... ווייטער זיצט ער אויף דעם איינזאַמען פאַרוואָרפענעם אינדזל און וואַרט; אויף וואָס וואַרט ער? צייטנווייז פאַלט אים צו טראַכטן אַז עפּעס שרעקלעכס האָט פאַסירט מיט זייניקע דאָרט ווו זיי געפינען זיך איצט. און אפשר איז דאָס וואָס די שוועסטער האָט אים געשריבן אין דעם איין און איינציקן בריוו נישט אמת? אפשר זענען זיי אַלע אומגעקומען, נאָר זי האָט אים נישט געוואָלט מצער זיין און האָט אים אומיסטן געשריבן אַז זיי האָבן זיך געראַטעוועט? און פאַרוואָס טאַקע האָבן אים די איבעריקע שוועסטער און ברידער נישט געשריבן, אויב זיי זענען געבליבן לעבן און זיך אומגע־קערט אַהיים? אָבער גיי טראַכט, אַז אַלץ איז ווי אין וואַסער אַריין! אַך, וואָס פון דער וועלט איז געוואָרן! און צוליב דעם אָ, האָט מען עס פאַר־

גאָסן טייכן גאַנצע מענטשלעך בלוט, צוליב דעם האָט מען אויסגעהרגעט מיליאָנען מענטשן!

אָט אַזוי טראַכט ער שלום אין די מאָמענטן ווען די פאַרצווייפלונג כאַפּט אים אַרום. און פאַר וועמען זאָל ער זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן, אַז די באַקאַנטע זיינע געפינען זיך על פּי־רוב אין דער זעלבער לאַגע. נישט איינמאָל פאַלט אים איין צו טראַכטן אַז „גליקלעך" זענען שוין די וואָס האָבן אין דעם גרויסן פייער אינגאַנצן פאַרלוירן זייערע אייגענע און זיי דערוואַרטן שוין פון קיינעם נישט קיין בריוו. פון יענער וועלט, ווייסן זיי, שיקט מען נישט קיין בריוו. אים איז דאָך טויזנט מאָל ערגער. ער ווייסט אַז ער האָט ערגעץ ברידער, שוועסטער, פּלימעניקעס און דאָך קומט אויס אַז ער איז דער איינציקער וואָס איז לעבנגעבליבן פון דער גאַנצער משפּחה. אפשר לעבן זיי און זענען געזונט און שטאַרק, אָבער פאַר אים זענען זיי דאָך ווי געשטאָרבן, טויט.

שלום, הגם אַ פּאָליטיש-רייפער און באַוווסטזיניקער, האָט קיינמאָל נישט געהערט צו קיין שום פּאַרטיי. מיט יאָרן צוריק, אין זיין פריִער יוגנט, איז ער געווען אָנגעשלאָסן אין אַ יוגנטלעכער ציוניסטישער גרופּע, ווו מען האָט גערעדט וועגן דער אויסלייזונג און דעם אויפבוי פון ארץ ישראל דורך יידישער אַרבעט. דאָס זענען געווען נאַיווע צייטן, ווען יעדער שיינע אידעע האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער אייגענער יוגנטלעכער עמאָציע און אין דעם ריינעם קוואַל פון גלויבן, מיט טויזנטער חנען. זינט דעמאָלט זענען אַ סך יאָרן אַריבערגעלאָפן, אַ גאַנצער פערטל יאָרהונדערט. דער גורל האָט אים פאַרוואָרפן קיין דרום אַמעריקע און דאָ, אַ געשיצטער פון דער גרויסער וואַסער־גרענעץ, האָט ער בלויז פונווייטנס געזען דאָס גרויסע העלישע פייער וואָס האָט פאַרלענדט דאָס דורותדיקע יידישע לעבן פון יענער זייט ים. צייטנווייז האָט זיך אויסגעוויזן אַז די פלאַמען פון דער שרפה לעקן שוין אויך די ראַנדן פון אָט דער דאָזיקער ערד, אָבער וואָס איז דאָס געווען אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס עס האָט פּאַסירט דאָרט. דערנאָך איז אויפגעשטאַנען די יידישע מדינה און ער האָט, צוזאַמען מיט אַנדערע טויזנטער יידן געיובלט איבער דעם גרויסן נס. אַ זכיה דער גורל האָט עס אים צוגעטיילט! נישט איינמאָל האָט ער געטראַכט אַז גיכער איז דעם פאָטער זיינעם געקומען דאָס רעכט צו דערלעבן דעם נחת פון זען

אַן אומאָפּהענגיקע ייִדישע מדינה. האָט דאָך דער פאָטער זיינער געבעטן דריי מאָל אין טאָג אַז דער אויבערשטער זאָל זיך מרחם זיין אויף זיין פאָלק און עס ברענגען צוריק קיין ציון. און וואָס האָט ער דען געטון וואָס אים איז געקומען צו זען אַזאַ נס? טאָמער האָט ער אין דער יוגנט געטומלט דאָרט אין אַ ציוניסטישער גרופּע?

היינט געהער שלום נישט צו קיין שום פּאַרטיי. ער איז דאָס וואָס מען רופט אַן אומאָפּהענגיקער; אָבער צי קאָן מען דען היינט זיין אומאָפּ־הענגיק, אַפילו ווען מען געהער נישט צו קיין שום פּאַרטיי? עס האָט זיך נאָך, דאַכט זיך, נישט אויסגעטריקנט דאָס בלוט פון די מלחמה־קרבנות, עס רויכערן זיך נאָך די חורבות פון די באָמבעס, די וועלט קרעמפּפט זיך נאָך אין די ווייען פון די באַקומענע ווונדן און זע נאָר זע, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט! עס איז נישט צו פאַרשטיין, עס איז מיטן שכל נישט צו באַנעמען! און ווי אַזוי פאַרשטייט מען דאָס וואָס מען רופט פּאָליטיק? אויב דאָס איז פּאָליטיק איז ער, שלום, וואָס גלויבט אַזוי שטאַרק אין דעם מענטשן נישט אַמאָל אַ פאָלנע אידיאָט, אַ טיפּש?

***

עס זענען נאָך נישט אַריבער קיין פולע צוויי יאָר זינט שלום האָט באַקומען יענעם בריוו פון דער שוועסטער און ער האָט געמוזט אויפגעבן יעדער האָפענונג אַז ער וועט נאָך פון איר ווען עס איז באַקומען אַן איינ־געטונקטע פען. אויב עס איז קיין ענטפער פון איר נישט געקומען ווען די וועלט איז געווען אָפן, איז וואָס זשע זאָל מען שוין זאָגן איצט? פון דאָרט ווו עס געפינען זיך זייניקע קומען עפּעס זייער מאָדנע מיסטעריעזע גרוסן. מען האָט פאַרשיקט ייִדישע שרייבערס, מען האָט ליקווידירט די ייִדישע צייטונגען. מען האָט פאַרניכטעט און אָפּגעווישט יעדער שפּור פון אַ ייִדיש לעבן. איין קלאַנג איז פאַנטאַסטישער פונעם אַנדערן; מען שמועסט פון מאַסן־דעפּאָרטאַציעס, פון טויזנטער פאַרשיקטע ייִדן, וואָס זענען פּלוצלינג געוואָרן טריף אונטער אַ שפּאָגל נייעם נאָמען — „קאָס־מאָפּאָליטן".

— ווי איז דיין מיינונג וועגן אָט די אַלע זאַכן? — פרעגט שלום זיך אַן ביי זיין פריינד, וועלכער איז אַן אומקאָנדיציאָנעלער חסיד פון סאָ־

וועטן־רוסלאַנד, כאָטש לויט זיין סאָציאַלער און עקאָנאָמישער לאַגע זעט עס אויס אַ ביסל מאָדנע.

— וואָס הייסטו ווי עס איז מיין מיינונג? — ענטפערט אים יענער מיט אַ פראַגע? נו, און ווו ביסטו אַליין? זעסט דען נישט אַז דאָס איז בייזוויליקע רכילות פון די פיינט פונעם לאַנד פון סאָציאַליזם! וואָס זשע; דיר איז שוין דען דער מות אויסגערונען אַז דו זאָלסט עס אַליין נישט פאַרשטיין?

— יאָ — איז שלום האַלב מסכים, ווייל אים לייגן זיך אויך נישט אויפן שכל אַזוינע זאַכן — אָבער אַ טראָפּן אמת מוז דאָך זיין אין דעם... אַז מען קלינגט אין קלויסטער, איז חגא.

— גיי שוין גיי — ענטפערט אים יענער מיט אַ שטראָפערישן טאָן — אָט, טאַקע דו אַליין מיט דיינע סברות, זענען פאַר מיר דער בעסטער באַווייז אַז די פיינטלעכע פּראָפּאַגאַנדע איז מסוגל צו אידיאָטיזירן די לויטערסטע קעפּ...

— און וואָס איז טאַקע מיט די יידישע שרייבער, וואָס מען הערט נישט פון זיי? — עקשנט זיך שלום. און וואָס איז די מעשה וואָס פון סאָוועטן־רוסלאַנד קומט נישט אָן קיין איין און איינציק יידיש געשריבן אָדער געדרוקט אות? פריער פלעגט מען דאָך אַלע טאָג באַקומען צייטונגען, ביכער. מענטשן האָבן באַקומען בריוו פון זייערע אייגענע... אָט, נעם מיך אַליין.

— ווידער קומסטו מיט זיך אַליין — האָט יענער צו אים טענות. אויב עס איז אַזוי און נישט אַנדערש, וואָלסטו אפשר געוואָלט אַז פאַר דיר זאָל מען מאַכן אַן אויסנאַם, שיקן פאַר דיר אַ ספּעציעלע פּאָטשט, בכדי דו זאָלסט אַלע וואָך באַקומען אַ שורה־גריסל פון דייניקע...

נאָך אַזעלכע שמועסן ווערט שלומען נישט גרינגער. עס ווערט אים נישט גרינגער, ווייל דער וואָס מאַכט אים כלומרשט קלאָר דעם ענין, ווייסט אַליין נישט וואָס עס טוט זיך אין דעם „לאַנד פון סאָציאַליזם". פונוואַנען זאָל ער ווויסן, אַז אויך ער באַקומט נישט קיין בריוו פון זיין משפּחה וואָס געפינט זיך דאָרט. איינמאָל, ווען ער האָט אים געפרעגט פאַרוואָס אויך ער באַקומט נישט קיין איינגעטונקטע פּען פון זייניקע, האָט ער באַמערקט ווי אַ וואָלקנדל פון טרויער האָט זיך איבערגעצויגן איבער

יענעמס פּנים. עס איז שוין געווען ווייט נאָך יענע טעג ווען מען האָט גערעדט וועגן פֿאַרשיקטע שרײַבערס און פֿאַרמאַכטע ייִדישע שולן. די ידיעות פֿון דאָרט זענען געוואָרן וואָס אַמאָל אַלץ פֿאַנטאַסטישער, אומ־גלויבלעכער. מען האָט שוין גערעדט וועגן אַן אָפֿיציעלן אַנטיסעמיטישן קורס, וועגן „רייניקונגען" פֿון ייִדישע באַאַמטע. די ידיעות זענען נאָך אָבער אַלץ געקומען פֿון „זייטיקע קוועלן", האָט דער פֿרײַנד זײַנער אויסגעמיטן די פֿראַגע וועגן בריוו און געענטפֿערט:

— ווייסיך, וואָס די צײַטונגען שרײַבן! זעסטו דען נישט אַז דאָס אַלץ קומט פֿון די פּראָפּאַגאַנדע־פֿאַבריקן, פֿון די שונאים פֿון דער רעוואָ־לוציע? אַנטיסעמיטיזם אין סאָוועטן־רוסלאַנד? ווי קענסטו אַפֿילו טראַכטן וועגן דעם? צי שוין האָט די סאָוועטן־מאַכט נישט געראַטעוועט דײַניקע פֿון אומקום? האָסט שוין הפּנים פֿאַרגעסן!

— יאָ, אמת, זי האָט זיי געראַטעוועט, אָבער פֿאַר מיר זענען זיי דאָך טויט — ענטפֿערט שלום און דערשרעקט זיך פֿאַר זײַנע אייגענע רייד.

דעם דאָזיקן שרעקלעכן געדאַנק האָט ער ביז איצט געטראַכט פֿאַר זיך אַליין, אָבער איצט האָט ער עס אַרויסגעזאָגט פֿאַר אַ צווייטן און עס ווײַזט זיך אים אויס אַז דאָס איז אמת, אַ ביטערער אמת. זיי אַלע זענען טויט און נאָר ער איינער איז לעבנגעבליבן. ווי שרעקלעך עס איז פֿאַר שלומען צו טראַכטן אַז זײַנע אייגענע, זײַן אייגן פֿלייש און בלוט וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פֿון דער גרויסער שׂרפֿה, זענען טויט, טויט ווי אַלע טויטע, כאָטש עס קען דאָך זײַן אַז זיי לעבן, זיי אָטעמען, זיי אַרבעטן און טראַכטן אַפֿילו פֿון אים. אָבער זיי זענען דאָך פֿאַרט טויט. און פֿונוואַנען ווייסט ער צי זיי זענען שוין אַפֿילו פֿיזיש לעבעדיק? אַז איין ידיעה איז שרעקלעכער פֿון דער צווייטער... אָט האָט מען דאָך שוין אַפֿילו אויסגעטראַכט אַז ייִדי־שע דאָקטוירים האָבן באַוווסטזיניק אָפּגעקירצט די יאָרן פֿון מענטשן, און אַז געטון האָבן זיי עס אויף באַשטעלונג פֿון אויסלאַנד. ווי קען ער איצט אַפֿילו האָפֿן אַז ער וועט נאָך הערן אַ גרוס פֿון זיי? זיי זענען טויט.

***

און אָט אַזוי ציִען זיך פֿאַר שלומען טעג פֿון אומרו און פֿאַרדראָס. טאָג נאָך טאָג ברענגען די צײַטונגען ידיעות אײנע ביטערער פֿון דער

צווייטער, איינע שרעקלעכער פון דער צווייטער. ער לייענט זיי די דאָזיקע ידיעות — דאָסמאָל שוין נישט פון קיין זייטיקע קוועלן, נאָר פון „דאָרט" אַליין און עס ווערט פאַר אים קלאָר איין זאַך: זייניקע, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון דער גרויסער שרפה, לעבן מער נישט. דער איינציקער וואָס איז לעבנגעבליבן פון דער גאַנצער משפחה איז ער. דער איינציקער וואָס האָט זיך געראַטעוועט און לעבט אויף דער וועלט, אַן איינזאַמער און אָן אַ גלויבן.

יאָ; שלום איז לעבנגעבליבן, אָבער ער האָט מער נישט קיין גלויבן אין גאָרנישט, אין קיינעם — ער וואָס האָט אַזויפיל געגלויבט אין דער גוטסקייט פונעם מענטשן...

ייִדישקייט

אַז עס איז געקומען די צייט ווען הערשל ווייס זון איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר האָט דער פֿאָטער באַשלאָסן צו פּראַווען אַ שמחה אַז לייטן זאָלן עס האָבן צו געדענקען.

מאָלט איך אַז עס רעדט זיך נאָר אַזוי, אַז הערשל ווייס האָט באַשלאָסן; אייגנטלעך האָט ער נאָר מסכּים געווען דערויף, ווייל אין אַזוינע זאַכן באַשליסט ניט ער, נאָר די פֿרוי זייגע, די סעניאָראַ ווייס. און סיבות האָט די פֿרוי ווייס געהאַט גאַנץ וואָגיקע צו פּראַווען אַזאַ גרויסאַרטיקע שמחה צו איר נאַטאַליטאָס בר־מצווה, כאָטש ניט זי, ניט איר מאַן זענען אַזוי פֿרום רעליגיעז אַז דאָס תּפֿילין לייגן פֿון זייער בן־יחיד זאָל פֿאַר זיי שפּילן אַזאַ גרויסע ראָלע. די דאָזיקע שמחה איז געפּראַוועט געוואָרן אויך צוליב עפּעס אַנדערש: צוזאַמען מיט דער בר־מצווה איז אויך אויסגעפֿאַלן דער טאָג ווען הערשל ווייס יִינגל האָט אָפּגעגעבן עקזאַמען און איז אַריינגעטראָטן אין דער אינדוסטריאַל שול, וווּ ער האָט געדאַרפֿט אָנהייבן זיין שטודיום אַלס אינזשיניער — יאָ נאַטאַליאָ ווייס האָט אומבאַדינגט געוואָלט זיין אַן אינזשיניער; אַזוי יעדנפֿאַלס האָט געזאָגט די מוטער. זי האָט ביי איר בן־יחיד אַנטדעקט דעם באַרוף פֿאַר דער דאָזיקער פּראָפֿעסיע. דאָס איז געווען דאַן ווען דער פֿאָטער האָט אים איינמאָל געבראַכט פֿון גאַס אַ קינדערשן „מעכאַנאָ"־קאָמפּלעקס און דאָס יִינגל האָט איינס און צוויי דערפֿון צונויפֿגעשטעלט אַלץ נאָר וואָס דאָס אויג קען זען: פֿון אַ בריק ביז אַ קאַנאָן און פֿון אַ ניי־מאַשין ביז אַ וואָלקן־קראַצער. נאָך דער דאָזיקער אַנטדעקונג איז שוין ביי דער סעניאָראַ ווייס גאָר קיין ספֿק ניט געווען אַז דאָס יִינגל וועט זיין אַן אינזשיניער און —

אַט פייערט מען שוין זיין אַריינטריט אין דער אינדוסטריאַל שול.

הערשל ווייס אַליין האָט זיך וואָס אַן אמת נישט געלייגט קיין פייגעלעך אין בוזים אַריין וועגן דער צוקונפט פונעם יינגל. אין דער הינזיכט איז ער געווען אַ סך ניכטערער פון זיין פרוי און האָט עס איר אַפילו געפרוווט געבן צו פאַרשטיין. אָבער די פרוי זיינע האָט נישט גענומען שטאַרק ערנסט זיין פעסימיזם און ווען ער האָט געפרוווט בלייבן איינגעשפּאַרט, האָט זי זיך נישט געשעמט צו זאָגן אים, אַז אויב ער פאַרשטייט זיך אויף קליידער־קאָנפעקציע זייער גוט איז נאָך קיין באַווייז נישט אַז ער ווייסט אַלץ, און וואָס שייך דער „עדוקאַסיאָן" פון איר קינד האָט זי די זעלבע רעכט וואָס ער און זי האָט אויך עפּעס צו זאָגן.

נאָך אַזוינע טענות האָט ווייס געוווּסט, לוינט זיך שוין מער נישט צו בלײַבן איינגעשפּאַרט, ווייל עס האָט געשמעקט מיט היסטעריעס און דערנאָך מיט אַ דאָקטאָר. זינט ער האָט פאַרגרעסערט דעם שניידער־טאַזשער און דאָס מסחר האָט גענומען אַוועקגיין גרעסער, האָט זיך די פרוי זיינע גענצלעך געביטן. גאָרנישט דאָס אַמאָליקע שניידער־מיידל און דאָס איינפאַכע ווייבל פון נאָך דער חתונה, ווען מען האָט די ערשטע יאָרן צוזאַמען געבידעוועט. גאָרנישט די פאַרהאַרטעוועטקייט פון יענע שווערע יאָרן, ווען זי איז צוזאַמען מיט אים געזעסן און גענייט רעקלעך ביז שפּעט, שפּעט אין דער נאַכט. עפּעס איז זי לעצטנס געוואָרן אַזוי עמפּפינדלעך צו יעדער וואָרט וואָס מען זאָגט איר. אַזוי דעספּאָטיש און קרענקלעך־עגאָיסטיש, אַז הערשל קען באמת נישט פאַרשטיין פון וואַנען עס האָט זיך צו איר גענומען אַזאַ טיפע ענדערונג. און פון איר גאַנצן אַמאָליקן סאָציאַליזם איז היינט פאַרבליבן בלויז די אויסגעציקלטע שפּראַך מיט די אינטעליגענטישע ווערטער, וועלכע זי פּאַסט צו צו איר נייעם לעבנסשטייגער און צו די נייע אומשטענדן. למען האמת מוז מען זאָגן, אַז הערשל ווייס האָט זיך שווער צוגעפּאַסט צו דער פירעכץ פון זיין פרוי.

הערשל ווייס, וואָס האָט איצט דעם גרויסן קאָנפעקציאָן־טאַזשער, ווו עס אַרבעטן עטלעכע צענדליק מענטשן, איז פאַרבליבן דער זעלבער הערשקע וואָס אַמאָל. מיט גרויס ווירדע טראָגט ער נאָך ביז היינטיקן טאָג אויף זיינע לאַנגע שניידערישע פינגער, וואָס זעען אויס מיט זייער געלקייט ווי בורשטינענע ציגאַרשפּיצן, די לאַנגע פאַרלאָזטע נעגל, וואָס

אין אומרויִקע צײַטן

גלאַנצן מיט זייער שמוץ ווי שוואַרצע מירמלשטיינערנע באַפּוצונג פֿון די
מונדשטוק־אַרטיקע פֿינגער. עס איז אמת, אַז זיין קוק אויף זאַכן האָט זיך
אַ סך געענדערט, איבערהויפּט יענע זאַכן וואָס האָבן צו טון מיט אַרבעטס־
לוין, אָבער דאָס זענען זאַכן זעלבסטפֿאַרשטענדלעכע. אין עצם אָבער איז
הערשל פֿאַרבליבן דער זעלבער וואָס אַמאָל און וואָלטן אים זיינע אַרבע־
טער נישט געקראָכן אין די ביינער אַריין מיט זייערע שטרייקן און מיט
זייערע פֿאָדערונגען, זעט ער נישט פֿאַרוואָס עס זאָל דאַרפֿן הערשן עפּעס
ווי אַ מחיצה צווישן אים און זיי. פּונקט פֿאַרקערט, זיי זענען דווקא ווילע
יאַטן. איבערהויפּט פֿילט ער זיך נאָענט צו זיי, ווען עמיצער פֿון זיי פֿאַר־
ציט אַ היימיש ייִדיש לידל ביי דער אַרבעט, איינס פֿון יענע לידלעך וואָס
דערמאָנען אים אַזוי פֿיל וועגן דער אייגענער פֿאַרגאַנגענהייט. דאָס זע־
נען, דאַכט זיך, פּשוטע לידלעך, וואָס דערציילן פֿון געוויינלעכע זאַכן
און פֿונדעסטוועגן פֿילט הערשל ווייס עפּעס אַזאַ וואַרעמקייט ווען ער
הערט זיי. ער קען עס באמת נישט פֿאַרשטיין, אָבער אַזוי איז דאָס. ער
קען אויך נישט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס זיין פֿרוי, די געוועזענע שניידער־
מיידל, פֿאַרדרייט אַזוי מיט דער נאָז ווען זי הערט אַזעלכע לידלעך, אָבער
דאָס זענען שוין אַפֿנים זאַכן וואָס געהערן צום גאַנצן רומל פֿון איר
נייעם געשמאַק. פֿאַרפֿאַלן. הערשל מוז אַראָפּשלינגען אַ סך זאַכן און
פּירעכצן, וואָס זיין אויפֿגעקומענע פֿרוי האַלט פֿאַר שיין און פֿיין און
וואָס אים עקלען זיי ביי דער נשמה. אמת טאַקע, ער איז היינט רייך,
האָט אַ גרויסן קאָנפֿעקציאָן־טאַזשער, און אַ קלייט אַ גרויסע און שפּילט
אַ ראָל צווישן מענטשן, אָבער פֿון דער הויט, פֿון זיין אייגענער הויט
וועט ער דאָך נישט אַרויסשפּרינגען. און זאָל אים זיין פֿרוי נישט לערנען
קיין שיינע מאַנירן און נישט האַקן קיין טשייניק (טאַקע אַזוי טראַכט ער)
מיט די אינטעליגענטישע ווערטער: אין זיין אינטימען לעבן איז אים ליב
צו בלייבן אין דער הויט פֿון דעם אַמאָליקן הערשקע אין דער דאָזיקער
הויט אין וועלכער ער האָט „געטאַפּט אַ וואַנט" און געהאָפּט אויף בעסערע
צייטן. אַך, ווי גוט עס איז זיך צו דערמאָנען וועגן דעם אין פֿריידן.
זי, די פֿרוי זיינע פֿאַרשטייט עס אַפֿנים נישט. זי אַנטלויפֿט דערפֿון און
שעמט זיך דערמיט ווי מיט דער גרעסטער חרפּה. און ער אַליין הערשל,
האָט אַפֿילו ליב זיך אַריבערצוטראָגן אין געדאַנק צו יענע צייטן ווען

ער איז נאָך געשלאָפן אויף אַ באַנק אין פּאַרק. וואָס איז זיך דאָ פאַראַן צו שעמען? אין אַמעריקע דערציילט מען אַזעלכע זאַכן אַפילו וועגן פּרעזידענטן. מען שטעלט עס גראַד אַרויס אַלס מוסטער פון מענטשלעכן חילן. אויב זשע פאַר אַ פּרעזידענט פּאַסט זיך עס, פאַרוואָס זאָל זיך דאָס נישט פּאַסן פאַרן קאָנפעקציאָן-פאַבריקאַנט הערשל ווייס, באַשר זיין אויפגעקומענע סעניאָראַ פאַרשטייט עס נישט, אָדער וויל עס נישט פאַרשטיין? ער אַליין, הערשל פילט זיך גאַנץ גוט אין זיין אַמאָליקער הויט, אין דער הויט פון הערשקען.

*****

און אָט פאַראַוועט מען שוין דעם יום-טוב פון נאַטאַליטאָס בר-מצווה. די פרוי ווייס איז אויפן זיבעטן הימל דערמיט וואָס זי קען זיך ביי דער געלעגנהייט אַ באַוויז טון מיט איר רייכקייט פאַר אירע „רעלאַסיאָנעס" און די גאַנצע צייט לאָזט זי פון מויל נישט אַרויס דאָס וואָרט „אינכעניערא" און האַלט אין איין דערציילן פאַר די געסט די ניסים וואָס האָבן פּאַסירט בעת דאָס יינגל האָט אָפּגעגעבן עקזאַמען. הערשל ווייס אַליין הערט אויס זיין פרויס פּלאַפּלערייען און שמייכלט ביטער אין זיך אַריין. ווער נאָך ווי ער ווייסט, אַז קיין שום ניסים זענען דאָ נישט געשען. די זאַך איז צוגעגאַנגען גאַנץ פּשוט: דאָס ערשטע האָט מען אָנגעשטעלט עטלעכע לערערס וואָס האָבן דאָס יינגל געמוטשעט מיט אַזעלכע אויסדרוקן און ווערטער וואָס זענען דעם קינד שווער געקראָכן אין קאָפּ אַריין. דערנאָך האָט מען געזוכט קענטשאַפט מיט פּראָפעסאָרן וואָס האָבן דאָס יינגל געדאַרפט עקזאַמינירן; פאַר דעם האָט זיך שוין געזאָרגט איינער פון די לערערס, וואָס טויג זיך אויס אויף דורכצופירן אַזעלכע טראַנזאַקציעס. און אָט איז ער שוין אַדורך.

הערשל ווייס הערט אויס די פּלאַפּלערייען פון זיין ווייב און שמייכלט צו זיך אַליין. עס גייט אים דאָ נישט אין די פאַר טויזנט פּעזעס וואָס דער עסק האָט אָפּגעקאָסט. דאָס איז דאָך סוף כל סוף בלאָטע, הלוואי פאַרדינט ער עס אין איין חודש, וואָס דאָס יינגל וועט אים נאָך אָפּקאָסטן ביז ער וועט זיין אַן אינזשיניער. הערשל ווייס לייגט זיך נישט קיין פייגעלעך אין בוזים אַריין. פאַרשטייט זיך, אַז עס געפעלט אים צו האָבן אַ זון

אַן אינזשיניער, אָבער עס פּאַסט זיך שווער אַריין אין זיין פּאָרשטעלונג. ער קען זיך בשום אופן נישט אויסמאָלן ווי עס וועט אויסזען זיין זון דער אינזשיניער. ווי אַזוי וועט זיך זיין אינזשיניער־טיטל פּאָרן מיט זיין יידישן אָפּשטאַם.

מעגלעך אַז הערשל ווייס וואָלט וועגן אַזעלכע זאַכן ווי יידישקייט נישט געוועזן געטראַכט אין דעם פּאַל, סוף כל סוף גייט עס אַזוי ווי עס גייט. ווער קען אים דען זאָגן וואָס פּאַר אַ פּאָרעם פון יידישקייט עס איז בעסער, ער געדענקט ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די יידישקייט פון זיין טאַטן. מעגלעך אַז זיינע וואָלט אויך אַזוי אויסגעזען, ווען נישט די באַזונדערע אומשטענדן אין וועלכע ער האָט געלעבט, אָבער ווי אַזוי דאַרף ער עס געבן צו פאַרשטיין דעם יינגל זיינעם? ווי אַזוי זאָל ער אים געבן צו פאַרשטיין אין וואָס עס באַשטייט זיין יידישקייט? אַ פּאָר וואָכן איידער ער איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר האָט ער באַשטעלט עפּעס אַ יידן מיט אַ קמץ־בערדל, וואָס האָט מיט אים איינגעקנעלט יידישקייט און אים געלערנט אויסוויקלען די רצועות. דאָס יינגל איז פּשוט פאַרמוטשעט געוואָרן: פון איין זייט יידישקייט און פון דער צווייטער זייט לערערס, אויפגאַבעס און מאַטעריעס. אין טאָג פון לייגן תפילין האָט דאָס יינגל פונדעסטוועגן אויסגעזען מערקווירדיק פייערלעך. דער של ראש איז חנעוודיק געלעגן אויף זיין ווייסן שטערן און ער האָט זיך אַלע מאָל געכאַפּט פאַר דער לינקער האַנט וועלכע מען האָט צו שטאַרק פאַרצויגן. הערשל ווייס אַליין, כאָטש די גאַנצע געשיכטע האָט אים אויסגעזען אַ ביסל פרעמדלעך, האָט דאָך דערפילט אַן אינערלעכן ציטער אין זיך און האָט מיט עפּעס כאָטש געוואָלט באַרעכטיקן דעם דאָזיקן אויבערפלעכלעכן שפּיל אין רעליגיעזער יידישקייט. נאָכן ערשטן — און פאַרשטייט זיך לעצטן מאָל — לייגן די תפילין, האָט ער דעם יאַט זיינעם אַריינגענומען צווישן די קני און אים געפרעגט:

— צי ווייסטו וואָס עס איז היינט ביי דיר?

— „קומפּלעאַניאָס“ — האָט דאָס יינגל געענטפערט.

— יאָ, „קומפּלעאַניאָס“ — האָט דער פאָטער צוגעגעבן — אָבער פון היינט אָן אויף ווייטער ביסטו אַ... ייד.

— איז וואָסזשע, פּאַפּאַ? — האָט דאָס יינגל געפרעגט.

דאָ האָט זיך הערשל ווייס פֿאַרהאַקט. וואָס זאָל ער אים דערויף ענט־פֿערן? אין דעם יינגלס פֿראַגע איז געלעגן אַ זייער שווערע פּראָבלעם. אים, הערשקען, האָט זיין טאַטע אויך אַמאָל געזאָגט בעת ער האָט אָנגעהויבן לייגן תּפֿילין אַז ער איז אַ ייִד. ער געדענקט עס נאָך אַזוי גוט, גלייך עס וואָלט ערשט נעכטן געווען געשען. אָבער ער האָט זיין טאַטן נישט געשטעלט קיין פֿראַגן און ווען ער וואָלט אים יאָ געשטעלט, וואָלט עס אים זיין פֿאָטער פֿאַרענטפֿערט זייער לייכט. אָבער וואָס זאָל ער זיין קינד ענטפֿערן. קיין ייִדישע דערציִונג האָט ער דעם ייִנגל ביז איצט נישט געגעבן, נישט קיין רעליגיעזע און נישט קיין וועלטלעכע, וואָס זאָל ער אים איצט ענטפֿערן? ער האָט דעם ייִנגל אַ גלעט געטון איבער דער באַק און פֿון יוצא וועגן צוגעגעבן:

— וואָס האָט דען צו זיין? גאָרנישט... פֿון איצט אָן ביסטו שוין אַ גרויסער און וועסט זיך דאַרפֿן אויפֿפֿירן פֿיין... ביסט דאָך שוין דרייצן יאָר אַלט... איך אין דיינע יאָרן...

דאָס ייִנגל האָט דעם פֿאָטער אָנגעקוקט און נישט פֿאַרשטאַנען. עפּעס האָט ער פֿון זיינע אויגן אַרויסגעלייענט אַ מאָדנע פֿאַרלוירנקייט. ער האָט דעם פֿאָטער זיינעם נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ אומבאַהאָלפֿענעם. ער האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון צווישן זיינע קני און אַוועק צו זיינע שפּי־לעריַען. הערשל ווייס איז אַ לאַנגע ווײַלע געבליבן זיצן אַן אומבאַוועג־לעכער און געפֿילט ווי אַרום אים שפּרייט זיך אויס עפּעס אַזאַ מאָדנע ליידיקייט. ער האָט דערפֿילט דאָס ביטערע געפֿיל פֿון אַ וועג־גייער וואָס האָט הינטער זיך אַ לאַנג־אָפּגעגאַנגענעם וועג און פֿאַר אים שפּרייט זיך איצט אויס אַן אומענדלעכע וויסטעניש אָן אַ ריכטונג און אָן אַ ציל. סיידן מען זאָל פֿאַררעכענען דאָס גיין אַליין פֿאַר אַ ציל. דער קאָנפֿעקציאָן־פֿאַבריקאַנט הערשל ווייס איז באַזיגט געוואָרן פֿון זיין דרייצן יעריקן ייִנגל פֿראַגע:

— איז וואָסזשע פּאַפּאַ אויב איך בין אַ ייִד?

***

דאָס וואָס הערשל ווייס האָט נישט געקענט ענטפֿערן זיין ייִנגל אין דעם טאָג ווען ער איז געוואָרן בר־מצווה, איז מיט דער צייט אַליין

פֿאַרענטפֿערט געוואָרן: קיין תּפֿילין האָט דאָס ייִנגל טאַקע מער נישט געלייגט, אויסער דאָס ערשטע מאָל ווען דער ייִד מיטן בערדל האָט אים ענג פֿאַרצויגן די רצועות אַרום דעם לינקן הענטל, אָבער דאָס צווייטע וואָס איז געווען די סיבה פֿון יענער שׂמחה, דאָס לערנען אינזשיניעריי, האָט זיך נישט געלאָזט אָפּנאַרן. דעם שטודיום האָט דאָס ייִנגל געמוזט פֿאָרזעצן און די אומשטענדן האָבן ווייט נישט אָפּגעלייקנט הערשל ווייס ווייטן קוק אויף זאַכן: דאָס ייִנגל האָט נישט געהאַט אַזאַ וואַזשנע קעפּל און יעדער שפּאַן זײַנער אויפֿן וועג פֿון דעם אויסגעחלומטן אינזשיניערן-טיטל וואָס האָט אַזוי געלאָקט די מוטער זײַנע, איז אויסגעשפּריִיט געוואָרן מיט קנאַקנדיקע פּאָזיטלעך פֿון טויזנטער פּעזעס: דאָ האָט מען געדאַרפֿט ביכער און דאָ צאָלן לערערס וואָס זאָלן דעם צוקונפֿטיקן אינזשיניער אַרויסהעלפֿן אין די פֿאַרפּלאָנטערטע מאַטעריעס פֿון פֿיזיק און מאַטעמאַטיק און דערצו איז צוגעקומען אַ שפּאָגל נײַער מאָמענט, וועלכן הערשל ווייס האָט מיט זײַן ווײַטגייענדיקסטן קוק נישט געזען. הערשל ווייס האָט גאָר קיינמאָל קיין טראַכט נישט געטון אַז דער פֿאַמיליען נאָמען ווייס איז נישט דאָס זעלבע וואָס גאָנזאַלעז אָדער אָקאַמפּאָ, און אָט קומט דאָס ייִנגל איינמאָל אַהיים און דערציילט אַז ביי זיי אין שול טוט זיך חושך, אַז די ווענט זענען פֿאַרשריבן מיט אַזעלכע מאָדנע אויפֿשריפֿטן און אַז אַ סך פּראָפֿעסאָרן לייענען די דאָזיקע אויפֿשריפֿטן מיט אַ מאָדנע שאָדנפֿריידיק שמייכעלע.

— עס איז גאָרנישט — האָט דער פֿאָטער געפּרוווט צונישט מאַכן דעם ייִנגלס מורא — אַ בינטל צעהיצטע „קאָמפּאַדרעס“ — פּרוווט ער פֿאַרענטפֿערן.

יאָ, הערשל ווייס פּרוווט פֿאַרענטפֿערן פֿאַר זײַן ייִנגל די ביטערע פֿראַגע, אָבער ווער וועט עס אים אַליין פֿאַרענטפֿערן? פֿאַר אים איז דאָס אַלץ קיין נײַעס נישט און דאָך אַ נײַעס, אויף וועלכן עס איז אים שווער צו ענטפֿערן. דאָס האָט ער באמת נישט פֿאָראויסגעזען ווען ער האָט באַרעכנט די שוועריקייטן פֿון זײַן זונס קאַריערע. אויף דעם איז באמת געווען שווער צו ענטפֿערן; און פֿונדעסטוועגן איז דער ענטפֿער געקומען אַזוי קלאָר און שאַרף.

גענען איז דאָס אין אַ טאָג ווען דאָס ייִנגל איז אַהיימגעקומען פֿון

שול אַ צעשלאָגענער און פֿאַרצווייפֿלטער און מיט אַ געוויין דערציילט אַז דאָס האָט ער די פּעטש געקראָגן פֿון אַ כאַפּטע נישט־ייִדישע שילער וואָס לערנען אין דער זעלבער שול. די געשיכטע איז געווען אַ קורצע און געוויינלעכע: ער מיט נאָך איין ייִדישן סטודענט האָבן געפּרוווט אָפּווישן פֿון דער וואַנט אַן אויפֿשריפֿט, מיט וועלכן מען האָט געזידלט און באַליידיקט די ייִדן. זיי האָבן דערביי נישט געהאַט קיין שום אַנדערע הינטער כוונות ווי נאָר אָפּצווישן אַן אויפֿשריפֿט, וואָס האָט זיי אויסגעזען פֿאַרלוימדעריש און פֿאַלש. וואָס ווייטער איז פֿאָרגעקומען האָט דאָס ייִנגל שוין פֿאַרשפּאָרט צו דערציילן; דער אויסזען זיינער האָט שוין אַלץ דערציילט. ער האָט געוויינט, אָבער פֿון זיין געוויין האָט דער פֿאָטער בשום אופֿן נישט אַרויסגעפֿילט קיין געפֿאַלנקייט און דאָס האָט אים אָנגעפּולט מיט שטאָלץ. הערשל ווייס האָט מיט אַמאָל צוריקגעפֿונען דעם פֿאָדעם אין דער האַנדלונג פֿון זיין ייִנגל. דאָס וואָס ער האָט אים נישט געקענט פֿאַרענטפֿערן, האָט דאָס לעבן, די צייט, פֿאַרענטפֿערט. איז וואָס זשע זאָל ער אים איצט אַזוינס זאָגן? אים טרייסטן? מיט וואָס קען ער אים טרייסטן? ער קען אַפֿילו מיט גאָרנישט העלפֿן, ווייל ער ווייסט איצט, אַז דאָס ייִנגל האָט אויף זיינע שוואַכע קינדישע פּלייצעס איבערגענומען דעם גאַנצן גורל פֿון אַ מאָדערנעם ייִדן. דאַן ווען ער האָט דעם ייִנגל געזאָגט, בעת דער בר־מצווה, אַז ער איז אַ ייִד, האָט ער עס נישט פֿאַרשטאַנען; איצט פֿאַרשטייט ער עס יאָ און צוזאַמען מיטן צער, וואָס ער פֿילט, גייט אין אים אויף אַ באַהאַלטענע פֿרייד, וואָס זיין קינד האָט אינסטינקטיוו רעאַגירט אויף זיין ייִדישן כבוד. ווער זאָל זיך עס געווען ריכטן, אַז דאָס לעבן וועט אים געבן צו פֿאַרשטיין דאָס וואָס ער אַליין דער פֿאָטער האָט נישט געקענט? הערשל ווייס האָט זיך אַליין געפֿונען אינעם גורל פֿון זיין קינד... דאָס איז פֿאַר אים קלאָר געוואָרן אַזוי אומדערוואַרט ווי עס ווערן ס׳רוב מאָל קלאָר אַ סך לעבנס־פֿראַגן. אַ וווּנדערלעכן זיג־זאַג האָט דאָס ייִדישקייט דורכגעמאַכט פֿון זיין זיידן אָן ביז צו זיין קינד — האָט הערשל ווייס געטראַכט ווען ער האָט פֿאַר זיך געזען דאָס צעקלאַפּטע ייִנגל — יענער האָט באַוווּסטזיניק געליטן צוליב זיין גלויבן און דער האָט זיך שוין אַזוי פֿרי באַגעגנט מיט די דאָזיקע ליידן; יענעם האָט מען אַרויסגעטריבן פֿון דאָרף און אים אַרומגענומען מיט

אַ צוים פון שנאה און האַס, און ער האָט אַלץ אַראָפּגעשלונגען און געשוויגן, און דער האָט אינסטינקטיוו נישט געקענט פאַרשווייגן און אָט זענען די פאָלגן פון דער נייער ייִדישקייט וואָס פאָדערט אַ ווידערשטאַנד; אַ צעקלאַפּט און באַליידיקט קינד, אָבער אין דער זעלבער צייט איז זי אַ דערהויבענע און אַ ווירדיקע, די דאָזיקע ייִדישקייט. יאָ, אַזוי האָט הערשל ווייס בפירוש געפילט.

פּונקט ווי דעמאָלט ביים בר־מצווה, האָט ער דאָס ייִנגל אויך איצט אַריינגענומען צווישן די קני און לאַנג, לאַנג באַטראַכט די וווּנדן וואָס די כוליגאַנעס האָבן אים געמאַכט. ער האָט אים איצט מער נישט געזאָגט אַז ער איז אַ ייִד. צו וואָס האָט ער עס אים איצט געדאַרפט זאָגן? דאָס קינד האָט עס איצט אַליין געוווסט; ער האָט עס געפילט אויפן אייגענעם לייב...

מאָלדאַוואַנעס

„כ׳גיי אַוועק, כ׳גיי אַוועק — פאַרבלייב
עופּהלע געזונט״
(פון די בעסאַראַבער פאָלקס־לידער).

דער פאַר באַגינען־חושך האָט נאָך געדיכט זיך אויסגעשפּרייט איבערן דאָרף ווען די אַלטע מאַריצע האָט זיך אויפגעכאַפּט. זי האָט פאַרהויבן דאָס פאָרהענגל פונעם „קופּטיאָר״ און געכאַפּט אַ קוק אין דרויסן. זי האָט שטיל אַ קרעכץ געטון. דער אַלטער גוף האָט נאָך געבעטן רו און אַ דראָזש האָט אים דורכגענומען ווען די אַלטע האָט פּאַמעלעך גענו־מען קריכן פונעם אויוון אַראָפּ. די אַלטע מאַריצע האָט באַשלאָסן אויפ־צושטיין; זי האָט נאָר מורא געהאַט, אַז איר גאַנצער פּלאַן וועט צונישט ווערן טאָמער כאַפּט זיך אויף דער מאַן אירער, דער אַלטער קיריקע, וועל־כער איז געלעגן ביי דער זייט און טיף געכראָפּעט. עס האָט דער אַלטער נישט געאַרט וואָס זי דאַרף איצט גיין אַזש אין אַנדערן עק דאָרף אַריין אין אַזאַ פראָסט. זי האָט בלויז געציטערט טאָמער דערוויסט זיך דער אַלטער אירער אַז זי איז געגאַנגען געזעגענען זיך מיטן מיזיניק מיט אירן, מיט וואַסיליקען, וואָס האָט דעם פרימאָרגן געדאַרפט אַוועקפאָרן אויף מיליטער דינסט.

איבערן דאָרף האָט זיך געטראָגן די גרילצנדיקע סימפאָניע פונעם עופות־געקריי, ווייט אין מזרח האָט די פינצטערניש אָפּגעטראָטן פאַר אַ טונקעלער בלאָקייט. די אַלטע האָט זיך אין דער פינצטער אָנגעטון און זיך אַרויסגעשלייכט אויף די שפּיץ פינגער פון דער כאַטע. דער פרימאָרגן־

פראָסט האָט זי אַ כאַפּ געטון, אין פאַרפרוירענעם שניי האָבן אירע טריט הילכיק אָפּגעסקריפּעט ווי גלייך זי וואָלט נאַרוואָס אָנגעטון אַ פּאָר נייע שטיוועלעטן מיט סקריפּ. זי האָט פאַרן אַוועקגיין געכאַפּט אַ קוק צו דער קו וואָס האָט אין דער פינצטער זי דערקענט און צו איר אַ מרוקע געטון. דער הונט איז אָפּירגעקומען פון אונטערן סטויג שטרוי ווו ער האָט זיך די גאַנצע נאַכט אויסגעוואַרעמט און זיך געלאַשטשעט אַרום דער באַלעבאָסטע. ווען זי האָט געעפנט דעם טויער און זיך אַוועקגעלאָזט מיטן דאָרף, האָט ער זיך צוריק פאַרקליבן אין זיין וואַרעם געלעגער אונטערן סטויג.

די אַלטע האָט גייענדיק געטראַכט: דערנאָך זאָל זיך זיין וואָס עס וויל זיך. זאָל דער אַלטער אירער שעלטן נאָכדעם וויפל ער וויל, אַבי זי וועט זיך זען מיט וואַסיליקען. איר מוטער־הארץ האָט אַ צאַפּל געטון ווען זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף דעם פרימאָרגן אַוועקגיין דינען. זי פלעגט צו אים אין שטוב אַריין נישט גיין, דער אַלטער אירער האָט זי נישט געלאָזט. עס האָט זיך אין דער משפחה געפירט אַ רוגז זינט וואַסיליקע האָט חתונה געהאַט מיט איליאַנען. דער אַלטער אירער האָט די דאָזיקע בושה נישט געקענט מוחל זיין דעם מיזיניק זייערן. ווען ער האָט זיך צערעדט פון דעם דאָזיקן שידוך, פלעגט זיך דאָס בלוט ביים אַלטן קיריקע אָנצינדן און ער פלעגט טענהן צו דער אַלטער, וואָס האָט אים רק געוואָלט פאַרענטפערן:

— און וואָס ווייסטו אַלטע בהמה, וואָס דו ביסט; ער האָט פאַר־שעמט, דער אויסוואָרף, אונדזער גאַנצע משפחה, דערנידעריקט די קאַר־אושעס, געקענט האָט ער נעמען, דער שוטה, אַ מיידל פון רייכן און מיוחסדיקן שטאַנד מיט פינף „פאַלשעס" ערד און אַ פּאָר מאות שאָף, און דאָ האָט ער זיך דיר גאָר פאַרליאַפּעט אין דער דאָזיקער קבצנטע, אין דער דינסט־מויד וואָס דאָס גאַנצע דאָרף טייטלט אויף איר מיט די פינגער; וואָס איז, זי האָט אַ שיין פנימל, האָט זי!

נאָר אַזעלכע טענות מצד דעם מאַן אירן פלעגט די אַלטע מאַריצע זיך פאַרטראַכטן; עפּעס איז זי יאָ און נישט איינשטימיק געווען מיט אים. וואָס איז דאָ געווען צו רעדן — דער שידוך איז איר אויך נישט אַזוי שטאַרק אָנגעשטאַנען, ווייל געווען זענען זיי פויערים פון הויכן שטאַנד אין דאָרף, „גאָספּאָדאַרעס", און די שנור אירע האָט זיך אויפגעהאָדעוועט

ביים „דאסקאל“ פּונעם דאָרף אַלס וויכאָוואַנקע. און וואַסיליקע האָט דאָך באמת געקענט נעמען דאָס רייכסטע מיידל פונעם דאָרף, דאָס האָט זי גוט געוווּסט די אַלטע מאַריצע; איר עלטערע שנור האָט איר אַפילו פאַר־געלייגט אירע אַ שוועסטער פאַר וואַסיליקען און געלט האָט מען אים אויך געוואָלט געבן און ערד און שאָף און אַ שטוב אים אויפבויען. אָבער יענער האָט זיך פאַרעקשנט — ניין און ניין!

די אַלטע פלעגט אויסהערן דער אַלטנס תרעומות און ענטפערן פלעגט זי גאָרנישט. בלויז איינמאָל ווען דער אַלטער האָט אויסגעשיט די תוכחה אויף דער שנור האָט זי זיך צעוויינט די אַלטע און אים גענומען אויסרע־כענען דאָס צעטל וואָס די מאָלדאַוואַנישע פרוי האָט אין איר לעבן אויס־צושטיין; זי האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי עס קומט צו איר אַז זי זאָל דאָס אים אַלץ זאָגן, ווייל די מאָלדאַוואַנישע פרוי טראָגט תמיד איר האָרע־פאַשנעם גורל מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ. אָבער גראָד יענץ מאָל האָט זיך איר צונג צעבונדן און זי האָט דעם אַלטן אויסגערעכנט אַלץ וואָס די מאָלדאַוואַנישע פרוי טוט איבער סיי אין הויז, סיי אין גאָרטן, סיי אין פעלד און אויסגעקומען איז אַז די פרוי אַרבעט מערער פונעם מאַן. זי האָט אים דערנאָך געזאָגט:

— און אויב אַזוי, וואָס גייט עס אונדז אָן דער יחוס איליאַנעס; וואָס וואָס, אָבער אַן אַרבעטערין איז זי. מיין נישט, אַז איך נעם נישט אָפּ קיין גרוסן. אַנומלט האָב איך פון וויטנס געזען דאָס לייוונט אירס אויסגעשפּרייט ביים דניעסטער, האָט עס געשעמערירט אין אויג און אַלס פעלד אַרבעטערין האָט זי דאָך אַ שם אין דאָרף. זי פראַשעוועט דאָך אויס צוויי „שירטעס“ פאַפשויעס אַ טאָג.

דער אַלטער אירער האָט איר דאַן גאָרנישט געענטפערט. ער האָט אַ בייזער בלויז אויסגעשפּיגן און צוגעוואָרפן:

— און דאָס, באַלד ווייַנט עס; ווער זשע האָט דיר געזאָגט עפּעס? גרויס כבוד האָסטו פונעם מיזיניק פון דיינעם, זאָל זי דאָרטן פראַשעוועט וויפל זי וויל דורכן טאָג, וואָס גייט עס מיר אָן!

די אַלטע האָט איצט גייענדיק אויפן וועג, געטראַכט פון יעצט געשפרעך און געקומען איז איר אויפן געדאַנק, אפשר צום ערשטן מאָל,

אַז די מאָלדאַוואַנישע פרוי איז צו הכנעהדיק, לויט איר אמתן ווערט אַלס האָרעפּאַשניצע.

איבערן דאָרף האָט מען דאָ און דאָרט געהערט דאָס סקריפּען פון געעפנטע טירן. אין אייניקע הויפן האָבן שוין פויערטעס אַריינגעטראָגן פּאַפּשויע־שטעקענעס אויף פייער צו מאַכן און אָפּקאָכן די מאַמעליגע פאַרן איבערבייסן. פון אייניקע פענצטער האָט געשלאָגן אַ שיין, דאָס זע־נען מיינסטנס געווען הייזער פון וואַנען עס האָבן דעם פרימאָרגן געדאַרפט אָפּפאָרן רעקרוטן. מאַמעס האָבן טרויעריק איינגעפּאַקט פולע טאָרבעס אויף מיטצוגעבן אין וועג אַריין, טאַטעס האָבן בשעת־מעשה געשפּאַנט די שליטנס אין די הויפן און זיך געגרייט אָפּצופירן די זין אין שטאָט אַריין.

צוקומענדיק צו וואַסיליקעס הויז איז די אַלטע נישט אַריין באַלד, נאָר פריִער געכאַפּט אַ קוק דורכן פענצטער. קיינער איז דאָרטן נישט געווען חוץ דער זון אירער און זיין ווייבל; איליאַנאַ האָט אין אַ לייוונטנער טאָרבע אַריינגעפּאַקעוועט דאָ אַ שטיק ברויט און דאָ אַ שטיק פאַרקילט חזיר־פלייש. אַלעמאָל האָט זי מיטן עק פונעם טיכל זיך געווישט די אויגן און פון צייט צו צייט צוגעוואָרפן דעם מאַן אירן אַ פראַגע. וואַסי־ליקע איז געשטאַנעןביים אויוון און קעגן דעם שיין פונעם פייער גע־ציילט עפּעס געלט. אויפן פייער האָט זיך געקאָכט אַ מאַמעליגע פאַרן לעצטן מאָלצייט וואָס ער האָט געדאַרפט אָפּעסן אין זיין היים.

קיינער איז חוץ זיי נישט געווען; די קאַץ וואָס האָט דערשמעקט דעם ריח פון פלייש האָט זיך געריבן אַרום דער באַלעבאָסטע. עס האָט געאָטעמט מיט עלנט, מיט וויסטן אומעט. די אַלטע האָט זיך נישט גע־קענט איינהאַלטן מער, זי האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער און בשעת־מעשה זיך אויסגעווישט די אויגן.

וואַסיליקע האָט אפנים נישט דערהערט, ווייל ער האָט ווייטער פאַר־געזעצט דאָס ציילן. איליאַנע, דאַקעגן, האָט יאָ דערהערט דעם סטוק און האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום פענצטער. איר פּנים איז בלייך געוואָרן ווען זי האָט דערזען איר שוויגערס פּנים ביי דער שויב. דאָס האַרץ האָט ביי איר האַסטיק אָנגעהויבן האַמערן און זי האָט זיך דערפילט אַ פאַרחלשטע. דער קלאַפּ אין פענצטער איז פאַר איר נישט געווען אומ־

דערוואַרט, ווייל וואַסיליקע האָט געזאָלט מיטפּאָרן מיט אַן אַנדערנס שליטן און זיי האָבן געוואַרט מען זאָל אים אַ ליאַדע רגע קומען רופן. זי איז אָבער ווי געטראָפן געוואָרן פון אַ דונער ווען זי האָט דערזען ביים פענצטער איר מאַנס מוטער. זי האָט געמיינט אַז זי זעט דאָס אַלץ אין חלום. זי האָט נישט געקענט מער אויסרעדן ווי:

— וואַסיליקע, די מאַמע אין דרויסן!

וואַסיליקע האָט פון לכתחילה נישט געגלויבט; אין דעם האָט די טיר אַ סקריפּע געטון און אויף דער שוועל איז אַן איינגעהויקערטע און שווייגנדיקע געשטאַנען זיין מאַמע. דער יונגער פּויער איז אַ מינוט געשטאַנען און נישט געוווסט וואָס צו טון. עפּעס האָט זיך אים געוואָלט אָננעמען די אַלטע און זי אַרויסוואַרפן. אויפן האַרצן ביי אים איז צופיל פאַרדרוס געווען אָנגעזאַמלט, צופיל האַס אויף זיין גאַנצער משפחה, וואָס האָט פון אים געוואַכט ווי פון אַ מצורע זינט ער האָט חתונה געהאַט מיט איליאַנען. נאָך מער האָט אים געקרענקט דאָס וואָס זיי האָבן זיך געלאָזט איינרעדן פון די רכילותן אַז איליאַנע האָט געשעפּטן מיטן דאָרפישן־שרייבערל, מיט געאָרגין. נישט איינמאָל פלעגט זיך זיין יונג־פּויעריש בלוט אָנצינדן און ער איז גרייט געווען צו שפּאַלטן קעפּ, צו פאַרפירן געשלעגן. אָבער זי אַליין, איליאַנע, פלעגט דערצו נישט דערלאָזן: אירע תמימותדיקע, קלאָרע אויגן, שטענדיק איבערגעצויגן מיט אַ ווייכן אומעט, ווען זיי פלעגן אויף אים אַ קוק טון מיט יענער איבערגעגעבנקייט פון אַ טרייער שטוב חיה, פלעגן זיי ביי אים אָפּווישן יעדן חשד פון אומטרייהייט; ער האָט גוט געוווסט ווער עס פאַרשפּרייט די דאָזיקע בלבולים אויף זיין ווייב. דאָס איז געווען זיין עלטערע שוועגערין וואָס האָט אומגעטראָגן דעם פאַרדרוס פאַר וואָס ער האָט נישט געוואָלט קוקן אויף איר שוועסטער.

איצט, ווען ער האָט דערזען זיין מוטער ביי זיך אויף דער שוועל, האָבן ביי אים געגעבן אַ טויך אויף אַלע שנאה־געפילן פון פאַר דער גאַנצער צייט. ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך און זיך נישט גערירט. די אַלטע, דאַקעגן איז צו אים צוגעפאַלן און אים געקושט; ער איז געשטאַנען ווי אַ פאַרשטיינערטער און איליאַנע איז שטיין געבליבן ווי אַ סטאַטוע מיט אַ האַנטוך וועלכן זי האָט געהאַלטן אין האַנט אויף מיט־

צוגעבן איר מאַן. אין שטוב איז אויף אַ מינוט אַנטשטאַנען אַ פּיינלעכע שטילקייט, עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס קנאַקן פון פּאַפּשויע שטעקנס פונעם פריפּעטשיק אַראָפּ און דאָס בולבען פונעם מעל וואָס מען האָט נאָר־וואָס פאַרשיט אויף אַ מאַמעליגע.

איבערגעריסן דאָס שטילקייט האָט די אַלטע, פרעגנדיק דעם זון אירן:

— האָסט זיך כאָטש גוט אָנגעטון? אין דרויסן ברענט דער פראָסט.

זי האָט אים גענומען אַרומטאַפּן דעם גוף ווי זי וואָלט זיך אַליין וועלן איבערצייגן אין דעם. מיט אירע קנאָכיקע הענט האָט זי אים דאָ צוגע־שפּילעט אַ קנעפּל און דאָ צורעכט געמאַכט דאָס שאַרפעלע אַרום האַלדז. וואַסיליקע איז געשטאַנען אַן אומבאַוועגלעכער און זיך געלאָזט; די מאַ־מעשע נאָענטקייט האָט אין אים ביסלעכווייז גענומען אָפּלעשן דעם צאָרן און ער איז אין דער מינוט גרייט געווען אַלעמען מוחל צו זיין.

איליאַנע האָט פון איר זייט צוגעוואָרפן אַ פראַזע:

— איך האָב אים אויסגעשטריקט אַ וואָלן לייבל אַ וואַרעמס און אַני־צעס האָב איך גאַנצע דריי פּאָר פון לייוונט מיטגעגעבן — מען זאָל כאָטש דאָרט אין קאַזאַרמע נישט צוגנבענען — האָט זי אַ באַזאָרגטע אָפּ־געהאַקט.

די אַלטע וואָס האָט זיך ביז איצט אַלץ אָפּגעגעבן מיטן זון און האָט גאָר עפּעס ווי נישט באַמערקט די שנור, האָט ערשט איצט אויסגעדרייט דעם בליק צו איר. זי האָט די שנור אירע דאָס ערשטע מאָל געזען אַזוי נאָענט און זי האָט איר אַ שייך געטון אין די אויגן: איליאַנע איז געווען אַ שיינע. פונעם טיכל וואָס האָט איינגעוויקלט דעם קאָפּ אירן, האָבן ליכטיק אַרויסגעשיינט אירע העלע פלאַקסענע האָר, די אויגן, רויטלעך פונעם וויינען זענען געווען איבערגעצויגן מיט אַ זיידענעם טיפן אומעט, זי האָט ווי געוואָלט פאַרבאַהאַלטן פון איר שוויגערס אויג דעם בויך אירן, אָבער די אַלטע מאַריצע האָט מיט איר געניט פרויען אויג באַלד באַמערקט אַז זי איז שוין אין די הויכע חדשים. איליאַנע האָט אויף זיך דערפילט יענערס בליק און אַ רויטקייט האָט באַדעקט דאָס פּנים אירס. זי האָט צורעכטגעמאַכט דאָס פאַרטוך ווי זי וואָלט דערמיט געוואָלט באַ־שיצן זיך און האָט ווייטער גענומען פּאַקעווען אין טאָרבע אַריין.

די אַלטע האָט אין דער מינוט דערפילט אַ טיף רחמנות צו איר שנור, זי האָט נישט געפונען דעם אופן ווי אַזוי אַרויסצוווייזן עס. זי איז בלויז צוגעגאַנגען און איבערגעטאַפּט אַלץ אין דער טאָרבע, איליאַנע איז געשטאַנען ביי דער זייט און דאָס האַרץ אירס האָט געהאַמערט מיט האַסטי־קע קלעפּ.

אין די פענצטער האָט לאַנגזאַם געגומען בלאָען. דאָס געקריי פון די עופות איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן. פונעם דאָרף האָט מען געהערט געזאַנג פון די רעקרוטן. אומעטום האָבן טירן געסקריפּעט. פון די דאָר־פישע קוימענס האָט דער רויך געצויגן אין פאַרפרוירענעם רוים אַריין; דאָס דאָרף האָט זיך אַ ריר געטון, עס האָט דערוואַכט, דער טאָג האָט ביסלעכווייז גענומען פאַרטרייבן די טונקעלע נאַכט שאָטנס.

**
*

דער אַלטער קיריקע קאַראוש האָט זיך איבערגעוועקט נאָך דער אַלטערס אַוועקגיין און ווען ער האָט זי נישט געטראָפן אויפן אויוון, איז אים פון לכתחילה גאָרנישט איינגעפאַלן; ער איז דערצו געוווינט געווען. איר פרי אויפשטיין איז פאַר אים קיין נייעס נישט געווען. די אַלטע זיינע פלעגט ווי אַלע מאָלדאַוואַנישע פויערטעס אויפשטיין כאור, אויס־מעלקן די בהמות, אָנהאָדעווען די עופות, אַריינגעמען פּאַפּשויע־שטעקנס, מאַכן פייער און צושטעלן אַן אָקרעפּ פאַר דער פרימאָרגן מאַמעליגע. אַ סך מאָל פלעגט ער די אַלטע זיינע, באַגינען שוין טרעפן מיטן שפינדל אַרבעטן ביים שיין פונעם פריפּעטשיק.

דער אַלטער האָט דורכן „קופּטיאָר" געכאַפּט אַ קוק אין דרויסן און זעענדיק אַז עס איז נאָך טונקל האָט ער זיך אַ קראַץ געטון אין קאָפּ, פאַרצויגן דעם פּעלץ איבער זיך און זיך צוריק אַוועקגעלייגט וואָרטשנ־דיק אין זיך אַריין:

— צו פרי איז זי היינט אויפגעשטאַנען דאָס ווייב, עס לאָזט זי נישט שלאָפן די אַלטע.

שלאָפן האָט שוין דער פויער איצט נישט געקענט, איז ער געלעגן און געטראַכט זיינע טראַכטעניש פון אַן אַלטן מאָלדאַוואַן. דורכן געדאַנק ציִען זכרונות פון יאָרן צוריק; אָט איז ער קיריקע קאַראוש נאָך אַ יונגער

פויער און זי, די אַלטע אַ יונגע, און אַ פאַרשווין איז דאָס דיר געווען איינע אין דאָרף. און אַ מין טאַנצן האָט זי עס געטאַנצט — אַ יונג ערשט געבוירן שעפעלע, נאָרוואָס פון דער „סטינע" אַראָפּ. און אַזוי ווי ער טראַכט אַזוי דער אַלטער קיריקע וועגן זיין אייגענער יוגנט, גיט מיט אַמאָל אַ קום אַרויף אויפן געדאַנק וואַסיליקע און ער דערמאָנט זיך, אַז דאָס זונדל זיינס דאַרף שוין דעם פרימאָרגן אַוועקגיין אויף מיליטער־דינסט און דורכן געדאַנק פליִען אַלץ עפּעס אַזעלכע משונהדיקע פּרטים, אָט דערזעט ער וואַסיליקען אַלס קליין שגצל. ווען איז דאָס דען געווען — דאַכט זיך נעכטן ערשט. און אָט ווי די יאָרן פליִען דיר עס. נאָרוואָס איז דאָס אומגעלאָפן איבערן דאָרף אין די הוילע גאַטקעלעך די לייוונטענע, און דאָ אַ סאָלדאַט שוין. יאָ, עס איז ביים אַלטן קיריקען קיין שום ספק נישט געווען אַז די יאָרן לויפן, און אָט, אָט און מען וועט אַ רוף טון...

דאָ, ביי דעם דאָזיקן שטעל איז דער אַלטער קיריקע שטיין געבליבן; זיך פאַרטשעפּעט, נישט ווייטער צו גיין. אָט גייט ער שוין, הייסט עס, אַוועק דער אויסוווּרף אין די סאָלדאַטן און זען זיך מיט אים וועט ער נישט, ווער זשע ווייסט וואָס מיט אים, מיטן אַלטן קיריקע, קען פאַר דער צייט פאַסירן? מען דאַרף זיך נישט נאַריש מאַכן. שוין נישט דאָס וואָס אַמאָל. און דאָ קומט אויפן געדאַנק דאָס וואָס די אַלטע זיינע האָט אים ערשט נעכטן געזאָגט ווען זיי האָבן זיך צערעדט וועגן וואַסיליקען און נישט נאָר געזאָגט האָט זי, נאָר האָט זיך צעוויינט און געטענהט — וואָס וואָלט ער געוואָלט אַז אפשר זאָל וואַסיליקע איבערלאָזן דאָס ווייב? און אַז אַ מענטש איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש און אַז ער זאָל זיך דערמאָנען אין יענע יאָרן ווען ער אַליין איז געווען יונג און וואָס מיינט ער אַז מען וועט לאָזן דעם קינדס „גאָספּאָדעריע" גיין צו גרונט?

ער האָט מיט אַמאָל פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם פעלץ און זיך צוגע-הערט. אין שטוב און אויפן הויף האָט מען נישט געהערט דעם מינדסטן שאָרך. מען האָט אויך נישט געהערט דאָס קנאַקן פון די פאַפּשויע שטע־קעלעך אויפן פריפּעטשיק; די אַלטע איז משמעות נישט געווען אין דער היים. דאָ האָט זיך דער אַלטער געגעבן רעכענונג אַז מסתמא איז זי אַוועק צום זון. דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים ווי אָפּגעבריט. ער האָט זיך מיט אַמאָל גענומען איבערלייגן צי וואָלט ער נישט געדאַרפט נאָכלאָזן

פון זיין עקשנות און אויך צוגיין זיך געזעגענען מיט וואַסיליקען. אין האַרץ ביי אים האָט געטליעט דער פאַרדרוס וואָס דער מיזיניק זייגער האָט אים אָנגעטון אַזאַ בושה. דער שטאָליק פון די קאַראושעס האָט נישט אָפּגעלאָזט. פון דער צווייטער זייט אָבער האָט ער אין דעם זונס האַנדלונג דערזען דעם אומצעבערעכבאַרן שטאָלץ פון זיין משפּחה.

און דער אַלטער קיריקע נעמט זיך פלוצלינג קלאָר מאַכן צי איז דאָס עקשנות זיינס בנוגע זיין מיזיניק טאַקע אַ שנאה. אַ מין חשבון הנפש מאַכט ער זיך דער אַלטער מאָלדאַוואַן, ליגנדיק שוין אַן אָפּגעדעקטער אויפן אויוון. און ער דערזעט מיט אַמאָל אַז דאָס איז ביי אים קיינמאָל נישט געווען קיין שנאה נאָר אַן עקשנות אַזאַ און אַז ער האָט וואַסיליקען אפשר ליב געהאַט מער פון אַלע זיינע קינדער; און וואָס איז דאָ געווען צו רעדן; אַ געראָטענער איז ער דאָך טאַקע מיט אַן אמת. ער האָט מיט אים נישט גערעדט די לעצטע צייט, נישט געגאַנגען צו אים אין שטוב אַריין. שטענדיק אָבער ווען ער פלעגט אים דערזען פון ווייטנס, פלעגט ער בלייבן שטיין און נאָכקוקן. נאָכקוקן ביז יענער פלעגט פאַרשווינדן. דער אַלטער דערמאָנט זיך איצט אין דעם און ער טראַכט:

— אַ האַרטער יונג, שטאָלץ, ביי זיך, די זריעה פון די קאַראושעס...

פון דעם דאָזיקן טראַכטן ווערט ביים אַלטן קיריקע קלאָר אַז דאָס גאַנצע עקשנות זיינס ביז איצט איז געווען נישט מער ווי אַ נאַרישקייט, אַ גרויסע נאַרישקייט. און ער דערמאָנט זיך אַז די דאָזיקע אָט עקשנות וואָס האָט אים אָפּגעהאַלטן פון צו גיין צו זיין זון אין שטוב אַריין, האָט אים אָבער נישט אָפּגעהאַלטן פון צו באַטראַכטן זיין זונס באַלעבאַטיש־קייט פון דערווייטנס. ער איז ביים זון אין הויז קיינמאָל נישט געווען, אָבער ער האָט דאָס נייע הויז, וואָס יענער האָט זיך אויפגעבויט, שטענ־דיק באַטראַכט ווען ער פלעגט פאַרבייפאָרן אין שטאָט אַריין. דאָס הויז איז געשטאַנען ביים סאַמע וועג, באַרג אַרויף. פלעגט ער פאַרבייפאָרן דער אַלטער קיריקע, לאָזן די פערד גיין לאַנגזאַם, און באַטראַכטן דאָס הויז, און אויפן געדאַנק פלעגט אים דאַן קומען, אַז דער יונגער דור האָט שוין מער שכל ווי צו געניסן פונעם לעבן... די שטוב איז געווען אַ גרויסע, מיט אַ געצאַצקעטן גאַניק און אַ דאַך האָט זי געהאַט פון שינדלען אָפּ־געקלאַפּט גלייך ווי אַ ווירע, און געשטאַנען איז זי מיטן פראָנט צו דער

זון און פענצטער האָט זי געהאַט פון פאַרנט גאַנצע פיר פון אַ מין גרויס, שוין באַלד אַזוי גרויס ווי די פון דער שקאַלע, און אַרומגעטינקעוועט זע־נען זיי דיר געווען די פענצטער מיט ליכטיק בלאָען און אַ פלויט אַרום און אַרום אַ געמויערטן, מיט אַ רויט געפּאַרבטן טויער אין סאַמע מיטן. דער אַלטער פלעגט אַזוי אַ צייט נאָכקוקן און טראַכטן פלעגט ער בשעת־מעשה אַז דאָס זונדל זיינס וואַקסט אַ גאָספּאַדאַר. ער פלעגט פילן עפּעס אַ מין אינערלעכע פרייד, ווייל ער האָט אין דעם דערזען דאָס עקשנות פון די קאַראושעס.

בליץ שנעל זענען די דאָזיקע אַלע געדעכענישן דורכגעפלויגן דעם אַלטן מאַלדאַוואַן דורכן געדאַנק און האָבן ווי דורך אַ צויבער צעלאָזט דאָס אייז פון זיין עקשנות לגבי זיין איינגעשפּאַרטן זונדל. עפּעס ווי אַ אומ־געזעענע קראַפט האָט אים אַראָפּגעשלעפּט פונעם אייוון און אים אונ־טערגעזאָגט אַז ער זאָל זיך צואיילן צו גיין געזעגענען זיך מיט וואַסילי־קען, ווייל עס קען נאָך ווערן צו שפּעט. ער האָט שוין איצט אויף זיכער געוווּסט, אַז די אַלטע זיינע איז דאָרט, ביים זון און וואָס איז דאָ געווען צו רעדן — זי איז ביי אים אין די אויגן אויסגעוואַקסן גרעסער, ער איז אין דער מינוט שטאָלץ געווען מיט איר. דער אַלטער קיריקע קאַראוש האָט אין זיך אַנטדעקט דאָס געפיל וואָס האָט זיך געפונען אין אים אָן זיין וויסן כמעט — דאָס געפיל פון ליבע. ער האָט זיך אין דער מינוט ווי פאַרשעמט פאַר זיך אַליין פאַר זיין נאַרישער עקשנות ביז איצט.

**
*

דער שליטן וואָס איז געשטאַנען פאַר וואַסיליקעס שטוב און געוואַרט אויף אים, איז געווען אָנגעזעצט פול מיט רעקרוטן וואָס האָבן געטומלט. אַלע זענען זיי געווען שכור. עס איז קענטיק געווען אַז זיי האָבן די נאַכט פאַרן אָפּגיין צום מיליטער־דינסט אָפּגעהוליעט. איינער פון זיי וואָס האָט קוים געפּלאָנטערט מיט דער צונג האָט טרויעריק פאַרצויגן אַ בעסאַראַ־בער רעקרוטן־ליד:

— און דו מיין ווייבעלע
דו וועסט מיט אַ צווייטן דאָ פאַרבלייבן...

דאָס צוקומען פונעם אַלטן קאַראַוש איז פאַר אַלעמען געווען אַ גרויסע איבעררעאַשונג. דער עולם פויערים און פויערטעס, וואָס זענען דאָ געשטאַנען אויף צו באַגלייטן זייערע נאָענטע, האָבן זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט, אייניקע האָבן אַראָפּגענומען די קוטשמעס. דער אַלטער קיריקע איז אין דאָרף געווען פאַררעכנט פאַר אַ גאָספּאָדאַר און מען האָט אים אויך געהאַלטן פאַר אַ קלוגן מאַן. דאָס גאַנצע דאָרף האָט געוווסט וועגן דעם רוגז וואָס עס איז אין דער משפּחה אַנגעגאַנגען איבערן שידוך מיט איליאַנען. דאָס פּלוצלינגדיקע דערשיינען איז פאַר אַלעמען דעריבער געווען אַ גרויסע איבעררעאַשונג. וואַסיליקע וואָס האָט זיך מסעסק געווען מיט זיין קופערט האָט לכתחילה נישט באַמערקט דעם פאָטער, אָבער דאָס ספּאַנטאַנע שטילשווייגעניש, וואָס איז צווישן עולם אַנטשטאַנען, איז אים געוואָרן אויפפאַלנד, ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזעענדיק דעם פאָטער, האָט ער אַראָפּגענומען די קוטשמע און מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ שטיין געבליבן אַן אומבאַוועגלעכער, ער האָט גאָרנישט געקענט אויסרעדן, אַזוי איבעררעאַשט איז ער געוואָרן. ער האָט דעם אַלטן געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין און שטיל אַרויסגעמורמלט:

— טאַטע.

דער אַלטער קיריקע האָט דעם פאַרזאַמלטן עולם אָפּגעגעבן דעם ברייטן „גוט מאָרגן". עס איז אויף זיין פּנים געלעגן אויסגעגאָסן די סטאָישע רואיקייט פון אַ באַישובטן מאָלדאַוואַן. ער האָט נישט געפונען פאַר נויטיק עמיצן צו זאָגן טרייסט־ווערטער, פאַר אים איז די גאַנצע צערעמאָניע פון אָפּפאָרן דינגען געווען אַ געוויינלעכע זאַך. ער איז צוגעגאַנגען צום זון, אַרומגענומען אים און אים אַ קוש געטון אין שטערן. דערנאָך האָט ער אַוועקגעלייגט די האַנט זיינע אויפן זונס אַקסל. אַריינגעקוקט אים אין די אויגן און רואיק געזאָגט:

— פאַר געזונטערהייט; טראַכט נישט איבער, מיר וועלן דיין פּרויַ דאָ אַרויסהעלפן — זי איז נישט אַליין!...

ער האָט מיט אַ באַזונדערער ליבשאַפט צוגעשפּיליעט דעם זונס פּעלצל און אים בשעת־מעשה אויסגעפרעגט אייניקע פּרטים אין שייכות דער באַלעבאַטישקייט; וואַסיליקע האָט אים גערן געענטפערט. ער האָט אין דער מינוט דערפילט אַז דאָס איז האָט געבראָכן ביי זיין אַלטן שטאָלצן

פּאָטער. די אַלטע איז געשטאַנען ביי דער זייט און געוויינט. איליאַנאַ איז פון דער גאַנצער פּאַסירונג געווען צעטומלט און נישט געוווסט וואָס מיט איר טוט זיך.

דער אַלטער קיריקע האָט זיך געזעגנט מיט אַלע רעקרוטן און ווען דער שליטן האָט גערירט אונטער זייער געשריי, איז זיך דער עולם צעגאַנגען אונטערן איינדרוק סיי פונעם געזעגענען זיך מיט די רעקרוטן און סיי פון דער געשעעניש וואָס דער אַלטער קאַראַוש האָט נאָכגעלאָזט מיט זיין עקשנות און זיך איבערגעבעטן. פאַרן דאָרף איז דאָס געווען גאָר אַ וויכטיקע פּאַסירונג. קיינער האָט נישט געגלויבט אַז עס זאָל אַזוי גיך פּאָרקומען. מען האָט אין דאָרף געקענט דעם אַלטן קיריקע. מען פלעגט אים הינטער׳ן אַפילו אָנרופן מיטן צונאָמען „פודול״ צוליב זיין שטאָלץ.

דער עולם איז זיך צעגאַנגען און דער אַלטער איז שטיין געבליבן מיט זיין ווייב און דער שנור פאַרן הויז. קיינער האָט נישט געוווסט פון וואָס אָנצוהייבן דאָס געשפּרעך. דער אַלטער האָט איבערגעריסן דאָס שטילשווייגעניש, ווענדנדיק זיך צו דער אַלטער:

— אין דער היים, איז קיין פייער נישטאָ. וווהין ווערט מען זיך איצט שלעפּן אַהיים? קומט אַריין וועלן מיר דאָ איבערבייסן.

אַ פריידיקע שיין האָט זיך באַוויזן ביי דער אַלטער מאַריצע אויפן פּנים. זיי האָבן אַלע דריי געכאַפּט אַ לעצטן קוק אויפן שליטן וואָס האָט פון דערווייטנס לאַנגזאַם געצויגן באַרג אַרויף. ווען זיי זענען אַריין אין שטוב האָט די אַלטע נישט געלאָזט דער שנור גאָרנישט טון; זי האָט אונטערגעלייגט אַ הויפן פּאַפּשויע שטעקנס אויפן פייער און צוגעשטעלט אַן אָקרעפּ פאַר אַ מאַמעליגע...

אין דער פֿרעמד

ווען דאָס אַלטע פּאָרפּאָלק, יאָסקע און זיין פֿרוי, זאָלן עמיצן געוועזן דערציילן, אַז דאָס זעען זיי בוענאָס־אײַרעס ווידעראַמאָל נאָך גאַנצע פֿינף און דרייסיק יאָר, זינט יענעם טאָג, ווען זיי האָבן זי צום ערשטן מאָל געזען, ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין אַרגענטינע מיט נאָך יידישע אימיגראַנטן, וואָלט מען זיי זיכער נישט געגלויבט. סטייטש, פֿינף און דרייסיק יאָר זיך געפֿינען אין אַרגענטינע און פֿאַר דער גאַנצער צייט נישט זען בוענאָס־אײַרעס; איז וווּשע זענען זיי עס געווען די גאַנצע צייט? שיקט זיך, אַז פֿאַר גאַנצע פֿינף און דרייסיק יאָר האָט מען זיך פֿונעם פּלאַץ נישט גערירט? עפּעס גאָרנישט מעגלעך אַזעלכעס צו גלויבן.

עס איז פֿונדעסטוועגן געווען אמת. זינט יענעם ווייטן פֿרימאָרגן, ווען זיי זענען צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע יידישע פֿאַמיליעס אָפּגעפֿאָרן קיין מאָזעסוויל, וועלכע האָט נאָך דערווייל געהאַט נאָר דעם נאָמען און זייער ווייניק הייזער — זינט יענעם פֿרימאָרגן האָבן זיי זיך וועגן בוענאָס אײַרעס זיך אָנגעהערט אַ סך שיינע און מיאוסע זאַכן, אָבער געזען האָבן זיי זי נישט.

ווער האָט זיך דען געקאָנט פֿאַרגינען אַפֿילו צו טראַכטן דערפֿון; שוין הפּנים נישט געוועזן קיין בילכערע זאכן צו פֿאַרזאָרגן, ווי נאָר פֿאָרן זען בוענאָס אײַרעס. מען וואָלט, דאַכט זיך, גאַנצע ביכער געקאָנט אָנשרייבן פֿון די איבערלעבענישן, וואָס מען האָט פֿאַר דער גאַנצער צייט דורכגעמאַכט אין דער קאָלאָניע.

און איצט, אַז מען איז ווידער געקומען קיין בוענאָס אײַרעס, פֿינף און דרייסיק יאָר נאָך יענעם ווייטן פֿרימאָרגן, דאַרף זיך מאַכן, אַז דאָס

אַלטע פּאַרפּאַלק זאָל זיך אומדרייען אויפן טומלדיקן גרויסן וואָקזאַל עפּעס אַזוי פאַרלאָרן און צעשראָקן, ווי אַ פּאָר אַלטע גרינע זקנים, וואָס זענען נאָר־וואָס אַראָפּגעפּאַלן פון יענער זייט ים, פון איראָפּע, הייסט עס, און נישט וויסן ווו אַ פוס צו שטעלן.

דער אַלטער יאָסקע האָט זיך פּשוט אויפגעגעסן אַ לעבעדיקער. קאַ־ראַמבאַ! ער, יאָסקע פּישביין, וועלכער אַקערט שוין גאַנצע פינף און דרייסיק יאָר מיט דער נאָז די אַרגענטינער ערד, ער זאָל זיך דאָ אַרומ־דרייען מיט זיין אַלטער, ווי אַ גרינער שלים־מזל און נישט וויסן ווו אַ טריט צו טאָן. עפּעס שעמט ער זיך פאַר דער אַלטיטשקער, פאַר זיינער; און דאָ איז ער מיט דער שפּאַנישער שפּראַך אויך נישט שוה בשוה. וואָס־זשע, אין מאָזעסוויל האָט מען זיך שטאַרק געניטיקט אין שפּאַניש? מען האָט זיך גאַנץ גוט געקאָנט באַגיין אָן איר און זיך אויסלעבן אין מאַמע־לשון. אין שיל, אָדער אַפילו אין גאַס, איז דאָך אָפּגערעדט; ווער האָט עס דאַרטן אָן עסק מיט שפּאַניש, אַז אפילו אין פעלד און ביים טרייבן „אַנימאַלעס“ איז מען זיך אויך גאַנץ גוט באַגאַנגען אָן דעם. און אַט קומט דיר אונטער אַ מאָמענט, ווען דער אַלטער יאָסקע דערזעט מיט־אַמאָל, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות אין חשבון: אָפּלעבן 35 יאָר אין אַר־גענטינע און נישט קאָנען אַ וואָרט שפּאַניש, איז געווען אַ פאַלשער חשבון...

מען האָט זיך פונדעסטוועגן אָן עצה געגעבן, און דאָ האָט דווקא די אַלטיטשקע ריווע אַרויסגעוויזן, וואָס זי קען; נישט אומזיסט האָט זי דאָרטן, אין קאַמפּ, געוווינט אין שכנות מיט אָן איטאַליענערן, פון וועלכער זי האָט פאַר דער צייט געכאַפּט אַ סך ווערטער... און וויפיל איז דען פון איטאַליעניש ביז שפּאַניש? כמעט קיין שום חילוק נישט... כמעט דאָס זעלבע וואָס יידיש מיט דייטשיש.

האָט טאַקע די אַלטע ריווע געוויזן דעם מאַן אירן, אַז וואָס שייך פרעמדע שפּראַכן, האָט זי מער פון אים אויפגעטאָן אין אַרגענטינע. אַז פּאַרפּאַלן ווערן קאָן זי שוין דווקא נישט אַפילו אין אַזאַ כרך, ווי בוענאָס איירעס; מען דאַרף נאָר האָבן אַ מויל צום רעדן, ווערט מען אין ערגעץ נישט פּאַרפּאַלן.

און דער ענין איז דאָך געווען אַזאַ פּשוטער: מען האָט עמעצן געדאַרפט אַ פרעג טאָן. האָט זי טאַקע געגעבן אַ שטעל אָפּ דעם ערשטן און בעסטן, וואָס איז אונטערגעקומען און אים אין אַ זייער הכנעהדיקן טאָן געגעבן צו פאַרשטיין אין וואָס פאַר אַ שווערער לאַגע זיי געפינען זיך.

דער מענטש, וועלכער איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי איינער פון יענע, וואָס טראָגן פּעקלעך אויפן וואָקזאַל, האָט באַלד צעקייט אין וואָס עס גייט: עס האָט זיך, הייסט עס, דאָ פּשוט געהאַנדלט וועגן אַ טעות: זיי האָבן די קינדער זייערע, דאָ אין בוענאָס־איירעס, אַרויסגעשיקט אַ טעלעגראַמע, אַז זיי קומען אָן די און די שעה און יענע האָבן עס שלעכט פאַרשטאַנען. דאָס איבעריקע איז נישט אַזוי וויכטיק. די טראַגעדיע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די קינדער זענען על פּי טעות נישט געקומען אָפּוואַרטן דאָס אַלטע פּאָרפאָלק, וועלכס זיי האָבן צו זיך אַרויסגערופן צו גאַסט אויף אַ פּאָר חדשים; אַ דאָזע פרייד, וועלכע איז צוליב אַ ניש־טיקן טעות פאַרשטערט געוואָרן. אַדרבא! דאָס אַלטע פּאָרפאָלק וואָלט, דאַכט זיך, אַרויפגעלייגט אויף איין וואָגשאָל אַלע פינף און דרייסיק יאָר בידע־וואַניע קעגן דעם דאָזיקן אַנגסטלעכן מאָמענט פון פאַרלוירנקייט אויף דער עלטער און זיי זענען זיכער, אַז דאָס וואָלט איבערגעוויגן...

עס איז פונדעסטוועגן נישט געווען אַזוי שרעקלעך. דער מאַן האָט דורכגעלייענט דעם אַדרעס, וואָס די אַלטע ריווע האָט געהאַט אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, וועלכס זי האָט די גאַנצע צייט פון דער רייזע געהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ, האָט אַ טראַכט געטון און זיך אָנגערופן צום פּאָרפאָלק:

— קומט מיט מיר!

דער אַלטער יאָסקע האָט אַ קוק געטון אויף דער אַלטער מיט אַ פּאָר אויגן, וועלכע האָבן דערציילט פון אומצוטרוי און טיפער שרעק.

— ווער ווייסט וואָס פאַר אַ פויגל דאָס איז? — האָט ער זיך באַלד געענומען טיילן דעם איינדרוק מיט דער אַלטער.

און די אַלטע ריווע האָט אים, וואָס אַן אמת, נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן... ווער ווייסט צו וועמען זיי זענען עס דאָ אַריינגעפאַלן... מען שפּילט זיך עפּעס מיט די גרויסשטאָטישע. אָך, וויפל שרעקלעכע גע־שיכטעס מען האָט זיך שוין אָנגעהערט וועגן די דאָזיקע לייט. אוודאי

האָט דאָס אויסזען פון דעם דאָזיקן פאַרשוין געשטימט מיט דעם, וואָס מען דערציילט זיך אָן וועגן די גרויסשטאָטישע שווינדלער; עפּעס שווייגט ער דיר אַזוי געהיימנישפול, און אויב רעדן, רעדט ער אונטער דער נאָז, גלייך עס וואָלט אים עפּעס געקאָסט אַרויסצורעדן אַ קלאָר וואָרט. ווער ווייסט טאקע צו וועמען זיי זענען דאָ אַריינגעפאַלן; הלוואי וואָלט זי שוין בעסער געווען געשוויגן איידער אים אָפּשטעלן דעם דאָזיקן גנב, אויב טאַקע נישט אַ רוצח...

אָבער עס איז שוין קיין אַנדערער אויסוועג נישט געווען. זיי זענען אים נאָכגעגאַנגען, ווען ער האָט אַ כאַפּ געטון זייערע רענצלעך, אָנגעלאָדן אויך זיך וויפל באַגאַזש זיי האָבן נאָר געהאט, און גענומען שפּאַנען ווי אַ וויכער צווישן דער מענגע מענטשן, וועלכע האָבן זיך געשטופּט אויפן ברייטן וועג פונעם גרויסן וואָקזאַל.

עס איז נישט שייך צו זאָגן מיט וואָס פאַראַ הערצער דאָס אַלטע פּאָרפאָלק איז אים נאָכגעגאַנגען. דאָס איז שוין געווען איינמאָל אַ נאָכגיין; אַזוי גייען נאָך מענטשן, וועלכע ווייסן, אַז מען פירט זיי צו דער תליה. דער אַלטער יאָסקע האָט בשעת מעשה אפילו אַ טראַכט געטון נישט צו לאָזן זיך באַראַבעווען. אָ, אָ — ער וואָלט זיך נאָך גאַנץ גוט געקאָנט פאַרמעסטן מיט דעם דאָזיקן גויעץ, וועלכער טאסקעט דאָרט זייער ביסל אָרעמקייט, אָן דעם אַז עמיצער זאָל דאָס ביי אים האָבן געבעטן... ער האָט שוין שענערע פון אים דערציילט די מעשה... אָבער מיט די דאָזיקע לייט אָנצוהייבן; רוחות זאָלן מיט זיי האַנדלען... ווער ווייסט וויפל עס שטייען דאָ גרייט און וואַרטן נאָר, אַז מען זאָל זיך זאַטשעפּען מיט איי־נעם פון זייעריקע.

יאָ, זיינע 35 יאָר בידעוואַניע דאָ אין אַרגענטינע, וואָלט דיר דער אַלטער יאָסקע געווען אַוועקגעגעבן פאַר די פינף מינוט, וואָס עס האָט געדויערט דאָס שלעפּן זיך נאָך דעם דאָזיקן מאַן, וואָס האָט זיי געפירט. אַלדאָס בייז, וואָס עס קאָן אַ מענטשן קומען אויפן געדאַנק, איז דעם אַלטן איינגעפאַלן.

ענדלעך האָט מען זיך דערשלעפּט. דער מענטש, אַ פאַרשוויצטער פון טראָגן זייער גאַנצן באגאזש, שטעלט זיך אָפּ ביים אַרויסגאַנג פונעם וואָק־זאַל. קעגנאיבער, אויף דער פלאַסע, און ווו נאָר מען וואַרפט דאָס אויג,

זידט עס פשוט פון מענטשן, פערד, אויטאָס און טראַמווייען. אַלץ לויפט, האַוועט און האָט קיין צייט נישט. קעגנאיבער אויף דער פּלאַסע, צע־קלינגט זיך פּלוצים אַ זייגער פון אַ טורעם אַראָפּ מיט אַזעלכע טרויעריק־מעלאַנכאָלישע טענער, ווי אַמאָל דער וואַנט־זייגער דאָרטן, אין דער אַל־טער היים... עס פאַרשטייט זיך, אַז דער קלינגט שטאַרקער, מעכטיקער, אָבער טרויעריק און גולם־אַרטיק פּונקט ווי יענער, וואָס איז אַמאָל גע־האָנגען איבער דער קאָמאָדע אין דעם הויז פונעם שטעטל אין כערסאָנער גובערניע...

פונדערווייטנס דערזעט די אַלטע ריווע דעם ים און די שיפן, און זי טיילט זיך מיט איר מאַן מיט דעם איינדרוק, וואָס דאָס מאכט אויף איר. די בילדער פון צוריק מיט פינף און דרייסיק יאָר, ווערן עפּעס אַזוי פריש אין זכרון. דאָס איז דאָך דער זעלביקער ים, דורך וועלכן מען איז דאַן אָנגעקומען. עס דערמאָנט זיך איר אַפילו דערביי אין דער אַלטער היים, אין יענער ווייטער אַלטער היים, וועלכע האָט שוין, דאַכט זיך, פאַר זיי קיין שום ווערט נישט, ווייל זיי האָבן שוין לאַנג פאַרברענט די בריקן מיט איר. פונדעסטוועגן וואָלט די אַלטע ריווע אַזוי אָפּגעשטאַנען אַן אייביקייט און וואָלט געקוקט אויפן ים, אויף די שיפן און האָריזאָנט, וואָס לאָזט זיך דאָרט פונדערווייטנס אַראָפּ ביז צום וואַסער און זעט אויס, ווי אַ בלוילעכער פאָרהאַנג, הינטער וועלכן עס געפינט זיך דער ווייטער אַמאָל, וועלכער איז איצט אויפגעשטאַנען אַזוי פריש פאַר אירע אויגן...

דאָס דאָזיקע אויסגעטרוימטע גליק געדויערט אָבער נישט קיין סך. אפשר האָט דאָס געדויערט אַ מינוט און אפשר צוויי; דער פרעמדער מאַן לאָזט זיך נישט פאַרוויגן אין קיין חלומות. מיט אַ ווונק רופט ער צו אַ דראָזשקע, וועלכע שטייט קעגנאיבער ביי דער פּלאַסע. סיי דער אָנטריי־בער אויף דער קעלניע, וועלכער טראָגט אַ האַרטן קראַגן און אַ קיילעכדיק קאַפּעליושל, און סיי דאָס מאָגערע פערדל, דערציילן וועגן אַ קנאַפּן וואָכל־טאָג אין דער היים. צווישן דעם געקלאַנג און געקלימפּער, וועלכע זענען פאַרן אַלטן פּאָרפאָלק פרעמד און אָפּשטויסנדיק, זעען די דראָזשקע, דאָס מאָגערע פערדל און דער אַלטפרענקישער אָנטרייבער אויס היימישלעך און נאָענט; עס דערמאָנט כמעט אָן דעם בעל־עגלה פונעם אַלטן, היימישן שטעטל.

דאָס צורופן דווקא אַ דראָזשקע און נישט איינעם פון די אויטאָמאָבילן, באַרו?קט אַביסל דאָס פּאָרפּאָלק און זיי קריכן גערן אַרויף. דער מענטש רעדט עפּעס צום בעל־עגלה און יענער שאָקלט אויף אַלץ צו מיטן קאָפּ, ווי ׳איינער רעדט, אַז ער ווייסט אַלץ און איז אויף אַלץ מסכים.

און ווער וואָלט זיך עס געווען געגלויבט, אַז דאָס וואָס עס האָט דער־נאָך פּאַסירט קאָן פּאַסירן; דער אַלטער יאָסקע און די אַלטע ריווע האָבן זיך אויף דעם אוודאי נישט געריכט: איידער די דראָזשקע רירט פון פּלאַץ נעמט דער אַלטער יאָסקע אַרויס אַ פּאָזיטל פון אַ פּעזע און וויל יענעם באַלוינען פאַר זיין טרחה. סוף־כל־סוף האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז זיין פּרנסה, ווייל ביי דער טיר האָט מען שוין געזען אַ סך אַזעלכע באַנומערטע מענטשן, וועלכע האָבן געשלעפּט עטלעכע רענצלעך אויף זיך. אָבער דער מענטש צעשמייכלט זיך מיטן פולן פּנים און וויל נישט נע־מען קיין געלט. ער האָט עס, הייסט עס, געטון אַזוי, לשם מצוה; ער וויל נישט נעמען דאָס פּאָזיטל, נאָר ער שטרעקט אויס זיין פאַרהאַרטעוועטע האַנט, דאָס ערשטע דעם אַלטן יאָסקען און דערנאָך דער אַלטער, און געזעגנט זיך מיט זיי, גלייך ער וואָלט געווען זייער אַלטער גוטער פריינט. ווו האָט מען נאָך אַזוינס געזען? ער געזעגנט זיך און צום בעל־עגלה ווענדט ער זיך און זאָגט אים למען השם נאָכאַמאָל אָן דעם אַדרעס, אַז יענער זאָל חלילה קיין טעות נישט האָבן.

אויף אַזוי פיל מענטשלעכער גוטסקייט, האָט זיך דאָס אַלטע פּאָרפּאָלק נישט געריכט; איין מאָל אין הונדערט יאָר טרעפט זיך אַזאַ זאַך...

דערנאָך, ווען די דראָזשקע האָט זיך געמיטלעך געטראָגן איבער אַ גלאַט־אַספּאַלטירטער גאַס, ווו דער קליפּ־קלאַפּ פון די פערדישע פּאָד־קאָוועס האָט אָפּגעהילכט ווי אויף האַרטער גומי, האָט דאָס אַלטע פּאָר־פּאָלק זיך איבערגעקוקט און נישט געפונען קיין ווערטער אויף אויסצו־דריקן זייער שטוינונג. אַלץ אַרום זיי: די ווילד־פרעמדע גאַס, די ריזיקע מויערן, וועלכע האָבן זיך מיט זייערע שפּיצן געצויגן אין הימל אַריין; די אומבאַקאַנטע מענטשן, וועלכע האָבן אייליק געהאָוועט און געשמייעט אַרום די געשעפטן און איבער די גאַסן — דאָס אַלץ האָט זיי מער נישט געשראָקן; אַלץ האָט זיי אויסגעוויזן איצט נאָענט, גוט און היימיש...

**
*

דאָס באַגעגעניש צווישן דעם אַלטן פּאַרפּאַלק און דער טאָכטער איז געווען זייער רירנד. דאָס ערשטע האָבן זיי מיט אַלע פּיטשעווקעס איבערדערציילט זייער איבערלעבעניש און נישט געפונען קיין ווערטער אויף אויסצולויבן דעם טרעגערס מענטשלעכקייט און גוטסקייט. ווו האָט מען נאָך אַזוינס געזען? — האָט געטענהט די אַלטע.

די אַלטע ריווע האָט אַלץ אויסדערציילט אין איין אָטעם און זיך נישט געקאָנט איינהאלטן; זי האָט זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד, וואָס האָט נאָך עטלעכע טעג אָפּגעריסנקייט צוריק דערזען די מאַמע. די טאָכטער אירע, אַ יונג, ברייט־צעוואקסן ווייבל, מיט קינסטלעך אָנגעקרייזלטע האָר און מיט אייביקער רויטער פאַרב אויף די נישט גאָר תּנעוודיקע ליפּן, האָט געשפּילט די ראָלע פון דער באַשיצערן און געפּרווט איינעמען די מוטער מיט אַלערליי טרייסט־ווערטער.

— נו, שוין געפּטרט. מילא, עס מאַכט זיך אַמאָל אַ טעות. וואָס האָבן מיר געקאָנט וויסן, אַז אין דער טעלעגראַמע האָט איר געשריבן אויף ביין אַזייגער און אָנגעקומען זענט איר גאָר זייגער אַכט. מיר זענען דאָך אין דעם גאָרנישט שולדיק.

דער אַלטער יאָסקע דאַקעגן האָט נישט געוויינט. וואָס איז דאָ פאַראַן צו וויינען. אַ ייִדענע ווייסט נישט פון קיין חכמות. זיך צעוויינט... סיי ווי קיינער וואָלט זיי נישט געווען דערהרגעט. אומעטום זענען דאָ מענטשן און צווישן מענטשן ווערט מען נישט פאַרפאַלן. ער האָט שוין גאָר געהאַט פאַרגעסן, אַז צוריק מיט אַ האַלבער שעה איז ער גרייט געווען אָפּצוגעבן זיינע 35 יאָר בידעוואַניע פאַר דעם עגמת־נפש, וואָס ער מיט דער אַלטער האָבן איבערגעלעבט.

— אָבער אַ סוף, אַן עק זאָל עס נעמען — האָט ער זיך געבעטן ביי דער אַלטער, וועלכע האָט, ווער ווייסט צוליב וואָס פאַראַ סיבות, נישט אויפגעהערט צו יאָמערן — שוין, אַ שלעכטער חלום געווען, מילא, אַבי מיר האָבן זיך דערשלאָגן...

און דערנאָך איז שוין אַלץ אַוועק ווי געוויינלעך. גרעסערע טראַ־געדיעס ווערן אָפּגעווישט און פאַרבלאָסט מיטן גאַנג פון דער צייט און

אויך פֿון דער איבערלעבעניש, וואָס דאָס אַלטע פֿאַרפֿאָלק האָט דורכגע־מאַכט אויפֿן וואָקזאַל, איז אין עטלעכע שעה אַרום ווייניק־וואָס פֿאַר־בליבן. וואָס זיי האָבן בשום אופֿן נישט געקאָנט פֿאַרגעסן — איז דאָס גע־שטאַלט פֿון יענעם פֿרעמדן מאַן, וואָס האָט זיי אַזוי טריי געדינט אין דער נויט. די האַנדלונג פֿון דעם דאָזיקן באַשיידענעם וואָקזאַל־טרעגער האָט אויף זיי געמאַכט אַזאַ טיפֿן איינדרוק, אַז עס האָט זיך ביי זיי ממש געביטן די מיינונג בנוגע דער שטאָט. פֿון לכתחילה זענען זיי, ווי אַלע פּראָווינצער, געקומען און מיטגעבראַכט מיט זיך יענעם אומצוטרוי, וואָס יעדער פֿויער פֿילט צום שטאָט־מענטשן. דער צופֿאַל האָט אַפֿילו געוואָלט, אַז ביים אַראָפּשטעלן אַ פֿוס פֿון דער באַן, זאָל דאָס דאָזיקע געפֿיל פֿון אומצוטרוי אויך דערוועקט ווערן אויך בנוגע די אייגענע קינדער, וועלכע זענען צוליב אַ טעות זיי נישט געקומען אָפּוואַרטן; די שרעק האָט גרויסע אויגן און זיי זענען אין יענעם מאָמענט גרייט געווען אונטערצושרייבן דעם פּסק־דין פֿון זייער לאַנגיאָריקן חשד וועגן דער גרויסער שטאָט, ווען נישט די האַנדלונג פֿון יענעם וואָקזאַל־טרעגער, וועלכער האָט מיט איין קלייניקייט אַלץ געענדערט. דער אַלטער יאָסקע און די אַלטע ריווע זענען נישט מיד געוואָרן עס איבערצודערציילן מיט אַלע פּיטשעווקעס, ווי גלייך עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ לעבנסוויכטיקער געשעעניש.

— אָט דאָס זענען זיי; דאָס זענען די „חסידי אומות העולם" — האָט זיך דער אַלטער דערמאָנט אין אַ מדרש — הלוואַי וואָלטן אַ סך פֿון אונ־דזעריקע, פֿון די יידן, געווען אַזוי... דאָס זענען די חסידי אומות העולם, וואָס האַלטן אויף די גאולה — האָט דער אַלטער קאָלאָניסט אָנגעהויבן צו פֿילאָזאָפֿירן.

דער איידעם, אַ באַנק־אָנגעשטעלטער, פֿון די אויפֿגעקלערטע, וועל־כער האָט בשעת מעשה געהאַלטן אין לייענען אַ טאָג־צייטונג, האָט איבער־געריסן אין מיטן לייענען און געוואָרפֿן אַ קוק אויפֿן שווער. ער האָט אַ טראַכט געטון, ווי ער וואָלט זיך איבערגעלייגט, צי עס לוינט זיך אים און זיך דאָך אָנגערופֿן:

— די שטאָטישע זענען פֿונדעסטוועגן נישט אַזוי שרעקלעך, ווי איר האָט זיך אויסגעמאָלט.

ער האָט ווידער גענומען לייענען, ווידער אָפּגעריסן זיך און צו־געגעבן:

— פונדעסטוועגן איז די זאַך נישט אַזוי גלאַט, ווי איר מיינט. עס זענען דאָ שלעכטע און עס זענען דאָ גוטע, סיי דאָ און סיי דאָרט.

מיטן „סיי דאָ און סיי דאָרט" האָט ער געמיינט די שטאָט און דאָס דאָרף. דאָס זענען געווען אָפּקלאַנגען פון וויכוחים, וואָס ער האָט מיט זיין שווער געפירט נאָך אין יענע צייטן, ווען ער איז געווען אַ לערער אין דער קאָלאָניע. קיין שלום האָט צווישן אים און דעם אַלטן יאָסקען קיינמאָל נישט געהערשט. אָבער צו וואָס זיך דערמאָנען אין יענע צייטן; דעמאָלט איז ער געווען אַפּהענגיק פונעם שווער, האָט זיך מיט אים נישט געוואָלט איינרייסן. און איצט, איצט איז ווידער די אייגענע געשיכטע. דער שווער איז איצט ביי אים אין שטוב, אַ גאַסט, וואָס איז דאָ פאַראַן צו רעדן. ער וועט זיך נישט גיין שפּאַרן... אָבער די זאַך איז דאָך פאָרט אַזוי פּשוט: עס זענען דאָ שלעכטע און גוטע, סיי דאָ און סיי דאָרט.

דער אַלטער יאָסקע האָט זיך פונדעסטוועגן נישט געלאָזט איבער־שפּאַרן, ווען עס איז געקומען צו רייד וועגן אַזעלכע זאַכן. ביי אים, ווי ביי די מערסטע פּויערים, איז די איינבילדונג וועגן דער פּויערישער אַב־סאָלוטער גערעכטיקייט און גוטסקייט, אַ פולשטענדיקע. גאָרנישט אָפּ־צודינגען; אים וועט מען נישט דערציילן קיין מעשיות; ער קען דאָס דאָרף; ער קען דעם פּויער און ווייסט, אַז אַלץ וואָס דאָרט איז גוט... אַמאָל האָט ער אפילו געגלויבט, אַז אין שטאָט איז אַלץ שלעכט, אָבער פון דעם איז ער איצט גרייט עפּעס אַראָפּצולאָזן... סוף־כל־סוף, אָט ווינען דאָך זיינע קינדער אויך אין שטאָט און אַזאַ מזל זאָל ער שוין האָבן ווי גוט זיי האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט. דאָרטן אין קאָלאָניע, וואָלטן זיי עס מסתמא נישט געהאַט. אָבער וואָס איז דאָס חריפות וואָס אין דאָרף איז שלעכט? וואָס פאַרא וווּנדער, אַז אויפן דאָרף האָבן זיך אַלע אַרויפגעוואָרפן. מען וויל רק נעמען, און געבן — אָ, געבן דעם דאָרף וויל מען גאָרנישט, און אויב מען גיט יאָ, איז אויפן שפּיץ מעסער...

אַזוי האָט ער געטראַכט, דער אַלטער יאָסקע, אָבער געזאָגט האָט ער גאָרנישט. עס פּאַסט נישט. מען איז דאָך אַ גאַסט. טאָקע אייגענע קינ־

דער, אָבער איצט פילט ער זיך עפּעס ווי אין דער פרעמד, ביי יענעם. איבערפרעגן איז נישטאָ וואָס. יעדנפאַלס נישט קיין סך; וואָס איז דאָ פאַראַן לאַנג צו ברייען אָדער פרעגן, וואָס זשע, ער זעט דען נישט: דער איידעם איז אַן אָנגעשטעלטער אין אַ באַנק, אַ קאָנטאַדאָר אָדער אַ סוב־כערענטע, ווי ער אַליין רופט זיך. קיין גרויסע געשעפטן פירט ער נישט און ער האָט נישט וואָס צו דערציילן. קומט דער טאָג באַקומט ער זיין געהאַלט און מען לעבט, דאַנקען גאָט, גאַנץ שיין.

עס איז גאָרנישט אַזוי שלעכט — טראַכט ער דער אַלטער יאָסקע אין זיך אַריין און זוכט אויסצומיידן איבעריקע וויכוחים מיטן איידעם. אַמאָל האָט ער אים טאַקע באַטראַכט אַלס אַ שטיקל מלמד און איז געווען אומצופרידן, ווען ער האָט זיך פאַרליבט אין זיין טאָכטער. אָבער איצט — מען זעט דאָך, אַז דער מענטש טויג זיך אויס...

די אַלטע ריווע, זי איז גאָר אויפן זיבעטן הימל, און זי קאָן זיך גאָר־נישט אָפּלויבן פון דער פראַכט, וואָס זי האָט געטראָפן ביי דער טאָכטער. זי קוועלט ממש אָן פון יעדעס פּיצעלע. די טאָכטער ווייסט נישט וואָס צו טון מיט דער מאַמען; מיטן אַלטן דאַקעגן פילט זי זיך אַביסל פרעמדלעך. דער אַלטער יאָסקע פירט זיך קעגן איר אויף, ווי אין די אַמאָליקע צייטן: אַ טאַטע, ווייסט ער, איז אַ טאַטע און קינדער דאַרפן האָבן דרך־ארץ. די טאָכטער גיט אים חלילה נישט צו פילן קיין פּחיתת הכבוד, אָבער דאָך פילט זיך צווישן זיי אַ באַשטימטע מחיצה. זי צו אים — מיט יראת הכבוד, דורכגעמישט מיט אַ גאַנץ נישקשהדיקער דאָזע שטאָטישן סנאָביזם; און ער — ער ווייסט וואָס אַזוינס עס איז אַ טאַטע און טראָגט אין זיך די דאָזיקע איבערצייגונג מיט גרויס ווירדע.

מיט דער אַלטער ריווען אָבער, איז עפּעס אַנדערש: זי טראַכט נישט און זי פילט זיך גוט. שוין דעם ערשטן טאָג פון איר אָנקומען האָט איר די טאָכטער אויסדערציילט אַלע סודות, וועלכע נאָר פרויען קאָנען זיך פאַרטרויען. דאָס האָט שוין געשאַפן פאַר איר די געהעריקע אַטמאָספערע פון אינטימער וואַרעמקייט און זי פילט זיך גוט. די אַלטע ריווע האָט נחת פון אירע קינדער אין שטאָט. אויף אַזוי פיל האָט זי זיך נישט גע־דיכט; דאַנקען גאָט.

**
*

פאַרן אַלטן יאָסקען ציִען זיך די טעג דאָ אין שטאָט עפּעס אַזוי האַמעטנע און ענלעכע איינס אויפן צווייטן, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. אַוודאי וועט מען פון אים לאַכן, אָבער ער קען אייך שווערן ביי וואָס הייליק אים איז, אַז אין קאַמפּ איז אים אַ סך פריילעכער. וואָס האָבן זיי דאָ דערזען, וואָס זיי טענהן רק, אַז אין שטאָט איז פריילעכער, ווי אין קאַמפּ. ער ווייסט נישט אין וואָס די דאָזיקע פריילעכקייט באַשטייט, אַז בסך־הכל חזרט זיך אַלץ איבער אַלע טאָג, ווי די ווייזערס אויף אַ ציפערבלאַט. ער כאַפּט זיך אויף כאור, ווייל אַזוי איז ער געוווינט געוואָרן אין קאַמפּ. ער וואָלט שוין אַראָפּגעקראָכן פונעם געלעגער, און דאָ דערמאָנט ער זיך, אַז עס איז נישטאָ צוליב וואָס. וואָס וועט ער דאָ טון אַזוי פרי? ער וועט אפשר גיין אָנהאָדעווען די עופות אָדער די בהמות? צי וועט ער דען קאָנען מאַכן זיין געוויינלעכן פרימאָרגן־שפּאַציר איבער דער טשאַקרע און זיך צוהערן צום שאָרך פון דער געראָטעוועטער אלפאלפע, וועלכע גרייט זיך, אַ באַשפּריצטע מיטן מאָרגן־טוי, אויפצונעמען די זון? ער וועט דען קאָנען זען די „אַנימאַלעס“, ווי זיי קייען אויפן ניכטערנעם מאָגן די זיסע פאַשע און הייבן אָן מרוקען, ווען זיי דערזען דעם באַלעבאָס דורכגיין?

ער ווייסט, דער אַלטער יאָסקע, אַז דאָס אַלץ וואַרט נישט אויף אים. ליגט ער אויף דער קאַנאַפּע, וואָס די טאָכטער האָט אים אָפּגעגעבן פאַר אַ געלעגער, מיט וואַכע, אויסגעשלאָפענע אויגן און הערט זיך צו צום גערויש, וואָס דערטראָגט זיך פון דער גאַס. דער דאָזיקער גערויש דערמאָנט אים אין אַ ווידערקול פון אַ דונער, וועלכעס דערטראָגט זיך פונדערווייטנס אין אַ פאַרנעם זומער־טאָג, ערב דעם אויסברוך פון אַ טאָרמענטע. אָט הערט ער ווי עס איז דורכגעפלויגן אַן אָמניבוס, האָט אַ זשומע געטון מיט זיין אויסלאָדונגס־רער, פון זיין שווערן קערפּער האָבן אַזש אַ ציטער געטון די שויבן פונעם פענצטער און באַלד איז געוואָרן שטיל אויף אַ מאָמענט, אָבער טאקע נאָר אויף אַ מאָמענט, ווייל באַלד קומט אונטער אַ צווייטער אויטאָ און חזרט איבער דאָס זעלביקע. אַמערסטן פיינלעך פאַר זיין דאָרפישן געהער, איז דאָס קריצן פון די טראַמווייען, וועלכע גייען אַלע מאָל פאַרביי און עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן

אויסגעריסן גאַנצע שטיקער פון דער גאַס, אַזוי ריטשען זיי. היימישער אַביסל קלינגט אים דאָס קלאַפּן פון די פערדישע קאָפּיטעס און דאָס טומל־דיקע וואַלגערן זיך פון די באַשינעטע רעדער אויפן ברוק, כאָטש דאָס קלינגט אָפּ, גלייך עס וואָלט געקומען פון אונטער דער ערד ערגעץ.

דער אַלטער יאָסקע וואָלט גערן אויפגעשטאַנען, אָבער קעגן זיין אייגענעם ווילן בלייבט ער ליגן אויף דער קאַנאַפּע און הערט זיך צו ווי ביסלעכווייז דערוואַכט די שטאָט און הייבט אָן אַרויסצוגעבן אירע טאָג־טעגלעכע לעבנס־קלאַנגען; אָט הערט ער, ווי אַ מענטש האָט פּונקט ביים פענצטער פון זיין צימער זיך צעשריגן אויפן קול. ער ווייסט שוין וואָס ער מיינט מיט זיינע געשרייען: דאָס רופט ער אויס עפּעס אַ געבעקס, וואָס מען האָט איבער נאַכט צוגעגרייט ערגעץ אין אַ בעקעריי. דער מענטש האָט אָפּגעשריגן און איז אַוועק און אָט הערט ער שוין זיין קול פונדער־ווייטנס אַביסל שוואַכער און אָט קלינגט עס שוין אָפּ אַזוי שוואַך, אַז מען הערט עס שוין קוים; און אַזוי ציט זיך דאָס ווייטער: עס צעשרייט זיך אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ פערטער און צענטער. יעדער איינער שרייט אויס זיין סחורה אויף זיין אייגן קול, לויט זיין אייגענעם שטייגער און נוסח.

דאָס איז די שטאָט, טראַכט דער אַלטער. אויף אַ שרייענדיקן אופן זוכט זיך יעדער איינער דאָ זיין פּרנסה; איינער מאָנט די חיונה זינגענדיק, אַ צווייטער — מיט געבעט, עפּעס ווי ער וואָלט געבעטן רחמים ביי עמיצן; איינער מעלדעט זיין אַרטיקל דורך אַ מין מאָדנע טרובן, אַ צווייטער רופט די קונים אויספּייפנדיק אַזאַ טרויעריקן ניגון אויף אַ פייפל.

ווי אַנדערש עס איז דאָ, טראַכט דער אַלטער יאָסקע. אומעטום זוכן מענטשן פּרנסה, חיונה, אָבער נישט אומעטום זוכן זיי עס אַלצאיינס. פּאַר די פּאָר וואָכן, וואָס ער געפינט זיך אין שטאָט, איז ער געקומען צו דער מסקנא, אַז די שטאָטישע לעקן אויך נישט קיין האָניק. דאָרטן, אין קאַמפּ, האָט ער געמיינט, אַז דאָס שטאָטישע לעבן איז אַ סך לייכטער ווי עס זעט אין דער אמתן אויס. איבערהויפּט האָט ער דעם איינדרוק, אַז דאָ אין שטאָט פילט מען נישט קיין שום טעם אין לעבן; יעדנפאַלס פּאַסירט דאָס מיט אים אַליין אַזוי... און וואָס איז דאָס טאַקע פאַר אַ לעבן, ווו אַלץ איז אויסגערעכנט אויף דער מינוט און אויפן גראַם. עפּעס זעט דאָס אַלץ אויס ביי אים אין די אויגן אַזוי קרענקלעך, אַזוי נישט געזונט. פע!

אין אומרויקע צייטן

אַזוי ליגט ער אָפּ אַריבער אַ שעה צייט אויפן געלעגער, ביז עס ווערט אים נמאס צו טראַכטן און ער שטייט אויף. ער טרעפט דאַן די אַלטע ריווע אויך אַ וואַכע. הפנים אַז איר לאָזט עס אויך נישט שלאָפן; זיי זעצן זיך ביידע טרינקען אַ מאַטע. די אַלטע האָט זיך פאַר דער צייט אויסגעלערנט אָנצינדן דעם גאַז. קיין „בראַסעראָ" איז דאָ ביי דער טאָכטער נישטאָ, ווי ביי זיי דאָרטן אין קאַמפּ... אָבער צו וואָס זאָל זי לייקענען — דער גאַז איז פונקט אַזוי גוט און אפשר נאָך בעסער, ווי דער „בראַסעראָ". די אַלטע איז שוין אויך געווירע געוואָרן, אַז דער גאַז קאָסט געלט, מאַכט זי עס שפּאָרעוודיק, זי זידט אויף דעם טשייניק און פאַרדרייט דאָס פייער, כאָטש די טאָכטער האָט איר עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז זי זאָל נישט זשאַלעווען.

זיצט דאָס אַלטע פּאָרפאָלק, טרינקט אַ מאַטע און מען רעדט נישט צווישן זיך. וואָס זאָלן זיי רעדן. נישטאָ וואָס צו זאָגן; די ערשטע התפּעלות פאַר די חריפותן פון דעם שטאָט-לעבן איז שוין אַריבער און איצט איז שוין נישטאָ מער וואָס צו באַוווּנדערן. יעדנפאַלס פילט דער אַלטער יאָסקע, אַז ווי עפּעס אַ פרעמדקייט איז פאַר די פּאָר וואָכן אויסגעוואַקסן צווישן אים און דער אַלטער. זי פילט זיך עפּעס היימלעכער פון אים דאָ, האָט זיך ווי צוגעקלעפּט צו דער טאָכטער און די אייניקלעך און פילט זיך ווי אין דער אייגענער היים. און צו וועמען זאָל ער זיך דאָ צוקלעפּן, צום אײדעם אפשר? יענער איז נישט דער מענטש, מיט וועלכן מען זאָל זיך פילן היימיש; אַ ווילער יונגערמאַן, אַ טרייער מאַן און פאָטער, אָבער קיין וואַרעמקייט פילט דער אַלטער נישט אין זיין אָנוועזנהייט; די קינדער, די אייניקלעך זיינע, זענען זייער ווילע קינדער, אָבער קיין וואָרט יידיש קאָנען זיי נישט אויסרעדן. און וואָס האָט ער איבערהויפּט מיט זיי צו רעדן, וואָס וועט ער זיי זאָגן און וואָס וועלן זיי אים זאָגן? איין מאָל האָט ער מיטן עלצטן אייניקל פאַרפירט אַ שמועס און אים גענומען דערציילן פונעם קאַמפּ. פון לכתחילה האָט זיך דאָס יינגל צוגעהערט כלומרשט מיט קאָפּ, אָבער באַלד איז אים נמאס געוואָרן און ער האָט אים איבערגעלאָזט אינמיטן דערינען.

— איך ווייס דאָס אַלץ פון די ביכלעך, זיידע — האָט ער זיך אויסגעדרייט מיט אַ תירוץ.

דער אַלטער דערמאָנט זיך, אַז ער איז דאַן געבליבן זיצן עפּעס אַזוי ווי באַליידיקט. ער האָט אין דער תשובה פֿונעם יִנגל געהערט דעם ענטפֿער פֿון אַלע שטאָטישע; אַלץ ווייסן זיי דאָ בלויז פֿון די ביכלעך און אויב נישט פֿון די ביכלעך איז פֿון די בלעטער. עס מאַכט אויף אים אַ מאָדנעם איינדרוק דאָס דאָזיקע גלויבן זייערס, ווייל ער האָט זיך שוין לאַנג איבערצייגט, אַז נישט אַלץ וואָס די בלעטער שרייבן איז אמת, אַז אַלץ איז צוגעפּוצט. אַ סימן האָט ער, אַז דאָס וואָס זיי דערציילן אַמאָל פֿונעם קאַמף, שטימט עפּעס נישט מיט דער ווירקלעכקייט. ביי זיי קומט עס עפּעס אַרויס אַזוי גלאַנציק, גאָרגישט אַזוי ווי עס זעט אויס אין דער ווירקלעכקייט. אַלץ וואָס זיי דערציילן וועגן קאַמף קלינגט עפּעס פֿאַר אים אַזוי מאָדנע פֿרעמד. עס איז נישט דאָס וואָס ער קאָן אַזוי גוט ווי זיינע צען פֿינגער.

און נישט נאָר דאָס אַלץ זעט אים אויס פֿרעמד און אומהיימלעך. ער דרייט זיך אום ווי אויף אַ פֿרעמדער חתונה. עס איז אים פֿרעמד די שטוב, דאָס פּירעכץ, דער גאַנצער אַרום און אַרום און ער זיצט דאָ אין שטאָט ווי אויף שפּילקעס. ער קאָן זיך קיין אָרט נישט געפֿינען.

אויסצודערציילן זיך איז נישטאָ פֿאַר וועמען. אויסער מיט דער אַל־טער האָט ער נישט מיט וועמען צו רעדן און ער גיסט פֿאַר איר אויס זיין ביטער האַרץ. די אַלטע איז אין פֿיל זאַכן מיט אים מסכּים, אָבער זי פֿאַרשטייט נישט וואָס איז עפּעס מיט אים אַזוי דער מער. זי פֿילט זיך אויך פֿרעמד, אָבער עס איז נישט אַזוי געפֿערלעך. אַפֿילו מיטן איידעם פֿילט זי זיך גאַנץ היימיש, מיט דער טאָכטער און מיט די אייניקלעך איז דאָך אָפּגערעדט: דאָס לעבן און די נשמה. זי האָט זיך נישט אויף וואָס צו באַקלאָגן. דאַנקען גאָט!

זי הערט אויס דעם אַלטנס תרעומות, שאָקלט צו מיטן קאָפּ, גלייך ווי זי וואָלט אויף אַלץ מסכּים געווען, אָבער באַלד געפֿינט זי אויס אַ זכות אויף דער שטאָט.

— וויסעך דאָרטן וואָס דו האָסט זיך אָנגעטשעפּעט... דאָ איז אויך אַ וועלט... דאָ לעבן אויך מענטשן... דיר ווייזט זיך אויס, אַז נאָר דאָרטן איז אַ וועלט... וועמען זעסטו דאָרטן גאַנצע טעג — די „אַנימאַלעס״ אויפֿן קאַמפּ... וויסעך וואָס דו האָסט זיך דאָרט איינגערעדט.

— אַ וועלט? — ענטפערט דער אַלטער יאָסקע מיט אַ פּראַגע — אַן עולם התוהו איז דאָס, אויף מיין וואָרט אַז אַן עולם התוהו — שווערט ער זיך אויפן אָרט.

— פונדעסטוועגן זאָל איך האָבן אַזאַ מזל, גאָטעניו, ווי זיי לעבן זיך דאָ — ענטפערט אָפּ די אַלטע ריווע. — וואָס וואָלט געוואָרן פון די קינדער דאָרט אין קאַמפּ... זע נאָר ווי שיין און ריין זיי זענען דאָ אַלע אויס... האָסט שוין אָפּנים פאַרגעסן ווי פאַרשוואַרצט מען ווערט אין קאַמפּ — פאַרענ־דיקט די אַלטע מיט אַ טיפן זיפץ.

— ט׳האָסטו דיר אַ משל — אָפּאָנירט דער אַלטער יאָסקע — דאָרט ווערט מען פאַרשוואַרצט, נאָר דאָ הייסט עס, לעקט מען האָניק. וואָס זאָגסטו נישט אויף איר שכל? אַזאַ מזל אויף מיינע שונאים וואָס פאַראַ לעבן מען פירט דאָ! דאָרט האָרעוועט מען טאַקע, אָבער מען לעבט כאָטש רויִק. מען פילט אַ טעם אין לעבן; דאָ לעבט מען דאָך ווי אויפן עולם התוהו, אויף אַן אייביקן יאַריד — בנאמנות...

דער אַלטער היצט זיך, באַמיט זיך צו באַגרינדן זיינע ווערטער מיט ביישפּילן און דערנאָך גיט ער צו מיט אַ ביסל אַ ציטערדיקער שטימע:

— נו יאָ, זיי לעבן זיך שיין און לייטיש. אָבער דאָס איז דען געווען אונדזער שטרעבונג. אויף דעם זענען מיר געקומען קיין אַרגענטינע און אָפּגעהאָרעוועט אַ האַלב לעבן... האָסט שוין הפּנים פאַרגעסן, ווי אַזוי מיר האָבן מיט דרייסיק יאָר צוריק געזען דאָס לעבן... נישט צו דעם, אַז די קינדער זאָלן זיך צעפאָרן אין שטאָט אַריין האָבן מיר געשטרעבט, נישט צו דעם, ריווע.

די אַלטע ריווע הערט אויס זיינע ווערטער און האָט נישט וואָס צו ענטפערן. וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו רעדן. צי איז ער דען נישט גע־רעכט; צי לעבט מען דען דאָ נישט ווי אויף אַ יאַריד? אַוודאי לעבט מען ווי אויף אַ יאַריד; פון דער האַנט אין מויל אַריין; כאַפּ־לאַפּ און אויף דער מינוט, אויפן גראַם, ווי דער אַלטער האָט זיך טרעפלעך אויסגעדריקט. זי קאָן אָבער בשום אופן נישט פאַרשטיין וואָס אים קוועטשט עס אַזוי... בעסער וואָלט ער שוין געשוויגן און נישט גערעדט, ווייל דאָס רעדן זיינס נעמט ביי איר צו דאָס ביסעלע נחת, וואָס זי האָט פון די קינדער. איי

מען פילט זיך נישט גוט, מען פילט זיך פרעמד, איז מילא, וואָס זאָל מען טון. מען געוווינט זיך צו צו אַלעמען. אויסער דעם — מען ווערט דאָ נישט בלייבן אייביק.

**
*

דעם ערגסטן איינדרוק מאַכט אויף דעם אַלטן יאָסקען די גאַס. ווען ער וואָלט געקאָנט אויספירן, וואָלט ער פון שטוב נישט אַרויס. אָבער אַ מענטש קאָן דאָך נישט אָפּזיצן גאַנצענע טעג אין שטוב. מען קאָן דאָך משוגע ווערן.

כאַפּט ער זיך אַרויס צו דער פאָדערשטער טיר פון דעפּאַרטאַמענט־הויז, וועלכע גייט צו דער גאַס אַרויס און קוקט, באַטראַכט. דאָס געלויף און דאָס האַוועניש אויף דער גאַס איז אויסערגעוויינלעך. די אויטאָמאָבילן פליִען ווי שדים. די מענטשן איילן זיך כסדר, גלייך מען וואָלט זיי נאָכ־געלאָפן. היינט דער גאסן־מסחר: איינער גייט פאַרביי מיט צוויי קוישלעך פיש, וועלכע הענגען אַראָפּ פון אַ קאַראָמוסלע און גיט זיך עפּעס אַזוי מאָדנע אַ צעשריי דעם אַלטן יאָסקען אין פּנים אַריין. פון לכתחילה דער־שרעקט זיך דער אַלטער און דערנאָך גיט ער אַ שפּיי אויס און צעלאַכט זיך אין זיך אַריין. „אַזאַ בייז ווונדער" — טראַכט ער זיך — און קוקט נאָך דעם מאַן מיט די קוישן, וועלכער שרייט שוין ערגעץ פונדערווייטנס מיט דעם זעלביקן משונהדיקן קול און מיט אַ שפּראַך, וואָס קיין בן־אדם קאָן דאַכט זיך נישט פאַרשטיין.

אין אַלגעמיין קאָן ער נישט פאַרליידן די דאָזיקע גאַסן־שרייערס. ביי זיין בעסטן ווילן קאָן ער נישט פאַרשטיין וואָס זיי ווילן. עפּעס צעקריפּלען זיי אַזוי דאָס קול און די שפּראַך, אַז ווען ער וואָלט נישט געזען, וואָס זיי האָבן דאָרט צו פאַרקויפן, וואָלט ער איבערהויפּט נישט געוווּסט וואָס זיי ווילן פון אים...

איינמאָל, ווען ער איז געשטאַנען ביי דער טיר און האָט ווי תמיד זיך צוגעקוקט צום בייז ווונדער פון דער גאַס, האָט מיט אים פּאַסירט אַ זאַך, וואָס האָט אויף אים געמאַכט אַ זייער טרויעריקן איינדרוק. דאָס איז געווען נאָכמיטיק. ער איז געשטאַנען פאַרטראַכט, ווען מיטאַמאָל וואַקסט פאַר אים אויס אַ פאַרשוין מיט אַ פּעקל שניט־סחורה און נעמט שיטן מיט

אַ שפּראַך ווי מיט אַרבעס פון אַ צעריסענעם זאַק אַרויס. אַ שפּראַך, וועל־כע איז אַ געמיש פון ייִדיש, שפּאַניש, ענגליש, פּויליש, רוסיש, אוקריי־ניש, אָבער צונויפגעשטיקעוועט איז זי פון אַלע זידל־ווערטער און ניבול־פּה וואָס אַלע שפּראַכן צוזאַמענגענומען פאַרמאָגן. ער שיט אויס זיין גאַנצן מיאוסן ווערטער־באַגאַזש אין איין אָטעם און צום סוף לייגט ער פאָר דעם אַלטן יאַסקען צו קויפן אַ רעשטל שניט־סחורה אויף אַ „טראַכע" בחצי־חנם, באשר ער איז אַן ענגלישער מאַטראָס פון אַ שיף, וועלכע שטייט פאַראַנקערט אין פּאָרט און אַז ביליקער ווי ביי אים וועט ער אין ערגעץ נישט קריגן; עס דאַרף אינגאַנצן קאָסטן 75 פּעזעס. וועגן דער ענגלי־שער עכטקייט פון דער סחורה קאָן ער זיך אונטערשרייבן.

אַזוי גיט ער זיך אַ שיט אַרויס אַ שפּראַך און פאַריכט זיך בעת מעשה דאָס מאַטראָסן־היטל וואָס ער טראָגט. און ווען דער אַלטער יאַסקע שטייט אַ שטילשווייגנדיקער און ענטפערט אים קיין וואָרט נישט, נעמט ער ווידעראמאָל שיטן מיט נבול־פּה און מיט זידלערייען אויפן חשבון פונעם אַלטן, וועלכער האַלט זיך איין מיט אַלע כוחות נישט אויסצופּאַטשן אים. ענדלעך, ווען ער זעט, אַז דער פאַרשוין וויל פון אים נישט אָפּ־טרעטן, מאַכט דער אַלטער אַ שטייפע מינע און גיט אים אַ זאָג אין אַ באַפעלערישן טאָן:

— יונגערמאַן, זוכט אייך, זייט מוחל, בעסערע קונים פון מיר!

דער „ענגלענדער" ווערט רויט ווי אַ בוריק. מען זעט, אַז דעם אַלטנס עצה האָט אים אָפּגעגאָסן ווי מיט אַ קאַלט שעפל וואַסער. ער בלייבט שטיין און ווייסט נישט וואָס צו טון. אַוועקגיין אָן אַ זייט געזונט קאָן ער אויך נישט, רופט ער זיך אָן:

— אַזוי גאָר; איר זענט אַ ייִד. איך וואָלט עס קיינמאָל אין לעבן נישט געוועזן געזאָגט. איר זעט גאָרנישט אויס ווי קיין ייִד; איך וואָלט גע־ווען געשווירן, אַז איר זענט אַ „לאָקש", פון די וואָס מען באַגעגנט אויף די טשאַקרעס אין קאַמפּ. זייט מיר מוחל... איך האָב נישט געוווסט. ווען איך זאָל געווען וויסן!

ערשט איצט איז דער אַלטער געוואָרן אויסער זיך און גענומען מוסרן דעם יונגמאַן. דאָס פאַרביטערטע געמיט זיינס האָט דאָ געפּלאַצט,

ווי אַן איבערגעלאָדענער קעסל. אַלץ וואָס אים האָט זיך אין משך פון דער צייט אָנגעזאַמלט אויף דער נשמה, האָט ער אויסגעלאָזט צום יונגנמאַן.

— פע, שעמען מעגט איר זיך אין אייערע אויגן. קיין שענערע שפּראַך האָט איר שוין גאָרנישט געפונען צום האַנדלען?... ווו האָט איר זיך דער־צויגן? עס איז אַ חרפּה און בושה אַזוינס צו טון. צי שוין־זשע גלויבט איר, אַז מיט קיין אַנדערע, שענערע מיטלען קאָן מען קיין מסחר נישט פירן? פע, עס איז אַ פינצטערע בושה!

דער יונגערמאַן איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און ווי אַ זינדיקער זיך געלאָזט שמייסן פונעם אַלטן מוסר. ער האָט אים נישט גע־האָט וואָס צו ענטפערן. ענדלעך האָט ער זיך אויסגעדרייט מיט עפּעס אַ פוילן תירוץ און איז אַוועק מיט גיכע שריט. דער אַלטער יאָסקע האָט אים פונדערווייטנס געזען איבערחזרן דאָס זעלבע ביי אַ צווייטער טיר. ווידער דאָס זעלבע פּיינלעכע בילד. ער האָט זיך צוגעקוקט מיט אַ באַדויערן און געטראַכט האָט ער, אַז עס איז שוין בעסער געווען זיך אָפּצופּלאָגן פינף און דרייסיק יאָר אויפן קאַמף, אויסגעריסן צו ווערן און נישט זען ס׳רוב מאָל קיין לעבעדיקן מענטשן פאַר די אויגן, איידער איבערצולעבן איין מאָל אין לעבן אַזאַ שענדלעכע זאַך ווי די, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געזען.

אַ לאַנגע צייט נאָך דער באַגעגעניש האָט דער אַלטער נישט געקאָנט קומען צון זיך. אין אָוונט האָט ער עס דערציילט דעם איידעם בעת מען האָט געטרונקען אַ מאַטע. דער האָט עס אויסגעהערט מיט אַ שמייכל און זיך אָנגערופן:

— איר דאַרפט זיך נישט אַזוי נעמען שטאַרק צום האַרצן, שווער־לעבן. דער דאָזיקער פּאַרשוין, וועלכן איר באַדויערט אַזוי שטאַרק, לעבט זיך בעסער פון אייך און פון מיר. און וואָס שייך דער שענדלעכקייט פון זיין פּראָפעסיע, מעגט איר זיכער זיין, אַז דער דאָזיקער מנובל, שפּילט די גרענדע ערגעץ אין אַ וויכטיקער יידישער אינסטיטוציע און איך בין אַפילו זיכער, אַז ער איז אַ מיטגליד פון אַ פּאַרטיי, וועלכע רעדט וועגן פאַרשענערן און פּראָדוקטיוויזירן דאָס יידישע לעבן...

מיט די דאָזיקע עטלעכע ווערטער האָט דער איידעם געפּרוווט מיל־דערן דעם אַלטנס טיפן איינדרוק, אָבער דער לעצטער האָט זיך נישט

געלאָזט. ער האָט אַ לעצטן צי געטון פון דער מאַטע, וואָס די טאָכטער האָט אים דערלאַנגט, און זיך אָנגערופן ווי מיט געבעט:

— האַלטסטו עס, אַז דאָס איז גוט?

— גוט, שלעכט, אָבער אַזוי איז דאָס, שווער־לעבן — האָט יענער סקעפּטיש אָפּגעענטפערט — יעדנפאַלס נעמט איר די זאַך צו ערנסט...

— נישט איך נעם עס ערנסט, נאָר עס איז בפירוש אַן ערנסטער ענין... אַלץ וואָס איך האָב ווען עס איז געטון אין משך פון מיין לעבן, האָב איך גענומען ערנסט. ווען נישט וואָלט איך נישט געווען אָפּגעבי־דעוועט גאַנצע פינף און דרייסיק יאָר און פאַרשוואַרצט געוואָרן אויפן קאַמף. איך האָב דאָס געטון, ווייל דאָס האַנדלען־וואַנדלען פון אַמאָל איז מיר געקראָכן צוריק. און נישט נאָר איך, אַ סך אַזעלכע ווי איך האָבן זיך אָפּגעטרייסלט. מיינסט הפּנים, אַז איך האָב צוריק מיט 35 יאָר נישט געקאָנט ווייטער האַנדלען דאָרט אין רוסלאַנד, אין כערסאָנער גובערניע. פונדעסטוועגן האָט מען אַלץ איבערגעלאָזט און מען איז געפאָרן זוכן עפּעס שענערס פונעם קליטל... עפּעס ערלעכערס. איך וועל זיך איצט נישט אַריינלאָזן אין קיין וויכוחים צי מען האָט אַלץ דערגרייכט; אביסל האָט מען דערגרייכט און אביסל נישט... אָבער אָט דאָס־אָ, דער דאָזיקער שטייגער פון האַנדלען, איז דאָך אַן אומגליק. עס וועט דאָך פאַרפּלייצן דאָס ביסעלע שיינס, וואָס מיר האָבן יאָ דערגרייכט... שיינעם נחת קומט אויס צו זען אויף דער עלטער — האָט דער אַלטער יאָסקע פאַרענדיקט זיין מאָנאָלאָג מיט אַ זיפץ.

— אָבער מען דאַרף דאָס אויך — האָט דער איידעם געפּרווט פאַר־ענטפערן — אָן דעם האַנדל וואָלט זיך דאָס יידישע לעבן נישט געווען אַנטוויקלט אַזוי ברייט. מיט דער קאָלאָניזאַציע אַליין, וואָלט דאָס היגע יידישע לעבן געווען אַ נישטיקס, אַ קליינס. מען וואָלט עס קוים אָנגעזען. מען וואָלט עס גאָרנישט אָנגעזען, פּונקט ווי מען זעט נישט אָן דאָס שווייצאַרישע אָדער פּוילישע לעבן פון די קאָלאָניסטן פון די באַטרעפנדיע באַציאָנאַליטעטן. דער יידישער האַנדל, די יידישע אינדוסטריעס און די פרייע פּראָפעסיעס, האָבן דעם יידישן לעבן געגעבן מער אָנזען, עס גע־מאַכט באַדייטנדער און מיט פאַרנעם.

— וואָס מיינסטו עס מיט די „פרייע פּראָפעסיעס" — האָט דער אַלטער נישט פאַרשטאַנען דעם אײדעמס געלערנטע שפּראַך.

— איך מיין דאָ די ייִדישע דאָקטוירים, די אַדוואָקאַטן, אינזשעניערן און גלאַט געלערנטע לייט, וואָס מיר פאַרמאָגן דאָ — האָט דער אײדעם צוגעגעבן מיט אַן אינערלעכן שטאָלץ.

— אויב אַזוי, לעבסטו ערשט אין אַ טעות — ענטפערט דער אַלטער — די דאָזיקע פרייע פּראָפעסיעס, ווי דו רופסט זיי אָן, זענען דאָך דער אמתער אומגליק, בפרט פאַר דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע. זיי האָבן דאָך אַ סך קאָלאָניסטן פּשוט געלייגט אויפן פּייער. איך ווייס פון אַזעלכע, וואָס האָבן דאָס לעצטע העמד פאַרזעצט און געשיקט די קינדער זייערע לערנען אויף דאָקטוירים און אַפּטייקערס און איצט זיצן די דאָזיקע דאָקטוירים אין קליינע שטעטלעך און פאַרדינען וואַסער אויף קאַשע. זייערע פאַרדינסטן קלעקן זיי אַפילו נישט אויף צו קויפן די פאַסטע אויף אָפּצופוצן דאָס מעשענע שילדל ביי דער טיר... אמת טאַקע — זיי פאָרן אין שיינע אויטאָמאָבילן און באַווייזן זיך שיין און פיין, אָבער דאָס אַלץ אויפן חשבון פון די טאַטעס, וועלכע אַקערן מיט דער נאָז די ערד אויף אויסצוהאַלטן די זין, די דאָקטוירים...

— דערמיט זענט איר אפשר נאָר טיילוויז גערעכט — באַשטייט דער אײדעם — אָבער אָן דעם האַנדל און די פרייע פּראָפעסיעס, וואָלט דאָס ייִדישע לעבן פאַרט געבליבן פאַרגליווערט אין די די דלד-אמות פון דער קאָלאָניע; וואָס פאַראַ זין וואָלט דאָס געהאַט? דורכן מסחר האָבן מיר געשאַפן בענק, קאָאָפּעראַטיוועס... די פרייע פּראָפעסיעס האָבן דעם ייִדישן לעבן דאָ צוגעגעבן גלאַנץ, פאַרנעם, אַנזען; מען רעכנט זיך דערמיט.

— און אַ סך קאָפּדרייעניש — האָט דער אַלטער יאָסקע אונטערגעכאַפּט דעם אײדעמס לעצטע ווערטער — וואָס צו איז איבעריק. דער דאָזיקער האַנדל דיינער מיט די פרייע פּראָפעסיעס, פאַרפלייצן לאַנגזאַם די ייִדישע קאָלאָניזאַציע. דער יונגער דור צעפאָרט זיך. קיין ערד גיט מען אים נישט און ער אַנטלויפט אין שטאָט אַריין און כאַפּט זיך צום האַנדל... צי האָט זיך געלוינט אָפּצוגעבן אַזוי פיל מי... און מיט וויפל ליבע און טרייהייט מען האָט די דאָזיקע מי אַריינגעלייגט, געמיינט צום גוטן, און אָט וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזט דערפון! אַלץ אַרויסגעוואָרפן...

אין אומרויקע צייטן

מער האָט דער אַלטער יאָסקע מיטן איידעם נישט גערעדט דערפון. וואָס איז דען דאָ געווען צו רעדן. די זעלבע רייד, וואָס ער האָט שוין אַזוי פיל מאָל גערעדט מיט אים נאָך דאָרט, אין קאמפּ. סיי ווי — קיין איבעריקע ליבע צום פעלד האָט דער איידעם קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן. זיך אומגעדרייט אין דער קאָלאָניע, ווי אויף אַ פרעמדער חתונה. ער האָט צו אים, חלילה, גאָרנישט. סוף־כל־סוף, וואָס ער זאָל נישט טון — דאָס ווייב מיט די קינדער איז ער מפרנס בכבוד, אָבער איינשטימיק איז ער מיט אים קיינמאָל נישט געווען. זיי האָבן אַ פאַרשידענעם קוק אויף זאַכן. ער האָט צו אים גאָרנישט, אָבער זאָל ער אים נישט קומען דערציילן, אַז דער דאָזיקער האַנדל, אַזוי ווי ער האָט אים היינט געזען ביי דער טיר, פאַרשאַפט עמעצן כבוד. אַזאַ מזל אויף אַלע יידישע שונאים, ווי שיין דאָס איז. און נאָך אויף אַזאַ מיאוסן אופן, מיט אַזעלכע דיבורים, מיט אַזאַ נבול פּה. פּע, אויפן אַלטן יאָסקען מאַכט עס אַן עקלהאַפטן איינדרוק.

**
*

פרעמד איז דעם אַלטן יאָסקען אַלץ דאָ אין שטאָט. אָט זענען שוין אַריבער זעקס וואָכן, אַז ער זיצט מיט דער אַלטער ביי דער טאָכטער, איינגיכן וועט ער שוין מסתמא אַהיימפאָרן, כאָטש מען וויל זיי נישט אָפּלאָזן. אָבער צוגעוווינט צו דעם שטאָטישן לעבן האָט ער זיך נישט. אדרבא, ער זיצט אויף אַלעם גרייטן, אָבער קאָן זיך פאָרט קיין אָרט נישט געפינען. אַפילו די צייטונגען, די יידישע צייטונגען, וואָס קומען אָן צום איידעם, און וועלכע מען קויפט ספּעציעל פאַרן אַלטן יאָסקען, אויך זיי נעמען אים נישט, פּונקט ווי ס'נעמט אים נישט דאָס פרישע ברויט, וואָס מען ברענגט דאָ אַלע טאָג אין שטוב אַריין. דאָרט אין קאמפּ לייענט ער די זעלבע צייטונגען מיט אַן אַנדער כוונה און פילט אַפילו אַן אַנדער טעם אין זיי, און דאָ — ער ווייסט נישט פאַרוואָס — דאָ איז אים אַלץ צוגעגעסן, נמאס. דאָס ערגסטע איז אים מיט דעם וואַסער. ער קאָן דאָס וואַסער אין מויל אַריין נישט נעמען. ער פילט נישט אין דעם קיין טעם. די ערשטע טעג האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער טרינקט ריצנאייל, גאָט זאָל אים נישט שטראָפן פאַר די רייד, אָבער מען קאָן דאָך דאָס וואַסער צום מויל נישט נעמען...

מיטן וואַסער איז פֿאָרגעקומען אַ זייער טשיקאַווע געשיכטע: דעם ערשטן טאָג נאָך, ווען זיי זענען אָנגעקומען, האָט אים די טאָכטער באַלד מכבד געווען מיט אַ מאַטע. אויפֿן אויסזען איז די מאַטע אַזוי שיין: אַ מאַטע מיט גרינלעכער שוים. דער אַלטער גיט דעם ערשטן צי און פֿאַר־קרימט זיך. די טאָכטער האָט עס באַמערקט און געמיינט, אַז זי האָט צופֿיל צוקער אַריינגעשיט; זי ווייסט, אַז דער טאַטע האָט ליב אַ „ביטערע״. אָבער דער אַלטער האָט זי באַלד אַרויסגעפֿירט פֿונעם טעות:

— וואָסי דאָס פֿאַר אַ „זשערבע״? — האָט ער געפֿרעגט. עס איז די מאַטע צום מויל נישט צו נעמען. איי, איי, טאָכטער מיינע, האָסט שוין פֿאַרגעסן ווי צו מאַכן אַ מאַטע; פֿלעגסט אַמאָל מאַכן אַזאַ טייערע מאַטע...

די טאָכטער איז פֿונעם פֿאָטערס באַמערקונג רויט געוואָרן, אויף אַזעלכעס האָט זי זיך נישט געריכט; דאַכט זיך, אַז זי האָט געטון דאָס בעסטע. און די זשערבע — פֿון דער בעסטער וואָס איז דאָ; צי שוין זשע קאָן זי מער קיין מאַטע נישט מאַכן?

דער אַלטער איז דאַן באַלד געפֿאַלן אויף אַן עצה. ער האָט זיך גע־ווענדט צו דער אַלטער: אַנו, ריווע־לעבן, באַווייז נאָר דער טאָכטער דיי־נער וואָס דו קענסט. טו אַ מאַך אַ מאַטע; נישקשה, מיר אַלטע לייט זע־נען נאָך אויך נישט צום אַרויסוואַרפֿן — האָט ער זיך געווענדט צו דער טאָכטער — אָט וועסטו באַלד זען ווי מען מאַכט אַ מאַטע..

אָבער אַ נעכטיקער טאָג. די אַלטע ריווע האָט אַריינגעלייגט איר גאַנצע קענטעניש און קיין גוטע מאַטע איז אַלץ נישט אַרויסגעקומען. דאָס וואַסער איז שולדיק געווען. עס איז נישט דאָס וואַסער, וואָס מען פּאַמפּעט אַן מיט דער פּאַמפּע אין קאַמפּ. און אַזוי אַ טרינקט ער שוין גאַנצע זעקס וואָכן מאַטע, וואָס האָט אַ טעם ווי אַ מאכל אָן זאַלץ און בענקט נאָך אַ היימישער, קאַמפּישער מאַטע...

אַזוי מאַכט אויף אים די שטאָט נישט קיין איבעריקן איינדרוק. פֿון וואָס איז דען דאָ פֿאַראַן איבערראַשט צו ווערן? פֿון די הויכע מויערן? מען פֿאַרשטייט פֿאַרוואָס מען בויט דאָ אַזעלכע הויכע הייזער. אַז פּלאַץ איז דאָ מיט גאָלד גלייך. אַ שפּאַן — אַ רענדל... וואָס־זשע דען זאָל מען טון — בויט מען אויף אַרויף. די אויטאָס ווידער, וועלכע יאָגן ווי די שדים איבער די גאַסן און דער טומל? פֿון דעם איז אויך נישטאָ וואָס נתפּעל

צו ווערן. וואָס עס געפעלט אים יאָ, איז די באַן וואָס גייט אונטער דער ערד. דאָס איז שוין גראַדע יאָ אַן אויפטו, אָבער מער פון אַלץ געפעלן אים די טרעפּ, וואָס גייען אַליין. ער וואָלט אפילו אַ בעלן געווען צו דער־גיין דעם שכל דערפון. יעדנפאַלס געפעלט עס אים און ווען עס קומט אים אויס צו זען עס, קאָן ער זיך דערפון נישט אָפּחידושן; די טאָכטער האָט עס באַמערקט און זי געפינט שטענדיק אַן אויסרייד צו פאָרן מיטן „סוב־טעראַנעאַ", ווען זיי דאַרפן ערגעץ צופאָרן.

נאָך אַ זאַך, וואָס מאַכט אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק איז דער רעדעוודיקער קינאָ. עס איז דער טאָכטער אָנגעקומען שווער אים איבער־צוצייגן, אַז קיינער רעדט דאָ נישט אונטער, נאָר אַז דאָס רעדן טאַקע די זעלבע מענטשן, וואָס מען זעט דאָ אומשוועבן ווי די שאָטנס. עס האָט זיך אים רק אויסגעוויזן, אַז עמעצער רעדט אַרויס פון ערגעץ אַ באַ־העלטעניש...

אָבער וואָס קומט דערפון אַרויס. דאָס זענען שיינע זאַכן, קיינער לייקנט נישט. אָבער צוגעווינען זיך צום שטאָטישן לעבן וואָלט ער זיך קיינמאָל נישט געקאָנט. יעדנפאַלס וואָלט אים קיינער נישט געקאָנט אי־בערצייגן, אַז מענטשן לעבן דאָ גליקלעכער ווי אין קאַמפּ. נו, אָט איז ער שוין געפאָרן מיט דער אונטערערד־באַן; שוין געזען און געהערט ווי מענטשן רעדן פון דעם לייוונט אַראָפּ; וואָס־זשע קומט דערפון אַרויס? אים באַפרידיקט עס נישט. ער וועט נישט פאַרבייטן פאַר דעם אַלעמען קיין איין פרימאָרגן פון דאָרט, פונעם קאַמפּ.

***

און אָט אַזוי ציִען זיך שווער און האַמעטנע די טעג פאַרן אַלטן יאָס־קען דאָ אין שטאָט. ווי אַ געפאַנגענער פויגל אין אַ שטייג לעבט דער אַלטער ייִדישער קאָלאָניסט איבער דאָס געפיל פון בענקעניש פונדאָסניי. אין משך פון פינף און דרייסיק יאָר האָט ער דאָס דאָזיקע געפיל נישט געהאַט און איצט — ווי מאָדנע דאָס זעט אים אויס — אויף די עלטערע יאָרן קומט אים אויס איבערצולעבן דאָס דאָזיקע יוגנטלעכע געפיל. ער בענקט, דער אַלטער יאָסקע, און ערגעץ אין דער טיפעניש פון זיין נשמה פילט ער אַ באַהאַלטענע פרייד, ווייל ער ווייסט, אַז נישט שטענדיק וועט ער פאַרבלייבן דאָ אין דער פרעמד; אַז ער איז דאָ בלויז אַ גאַסט אויף אַ ווייל.

אַ גרינע

אויפֿן ווייטן האָריזאָנט, ווו דער הימל מיטן וואַסער זענען איינס, האָט זיך באַוויזן אַ רויכל. פֿון צענדליקער מיילער האָט זיך ווי אונטער אַ באַפֿעל אַרויסגעריסן אַן אויסרוף:

— דאָס איז זי; דאָס איז די שיף!

אַרויסגעזאָגט געוואָרן איז די דאָזיקע פֿראַזע אין פֿאַרשידענע שפּראַכן פֿון די צענדליקער מענטשן וואָס האָבן אומגעדולדיק אויסגעקוקט אויפֿן אַריינקום פֿון דער שיף. יעדן פֿון זיי האָט זי עפּעס געדאַרפֿט ברענגען פֿון יענער זייט ים. ווער עס האָט געוואַרט אָפּצונעמען אַ גרוס און ווער — צו באַגעגענען אַ היימיש פּנים פֿון דער אַלטער היים. אָבער אַלע, אַלע אָפּוואַרטנדיקע זענען אין דעם מאָמענט געווען באַהערשט, ווער מער און ווער ווייניקער, פֿון דעם דערהויבענעם געפֿיל וואָס גרענעצט זיך מיט האָ־פֿענונג, וועלכעס באַפֿליגלט דאָס געמיט אין מינוטן פֿון דערוואַרטונג.

דערווייל איז פֿונעם רויכל געוואָרן אַ — רויך, אַ שוואַרצער רויך וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון אַ שוואַרצן פֿלעק וואָס איז אויסגעוואַקסן ווי פֿון דעם וואַסער אַרויס, אַ פּינטל וואָס איז פֿון מינוט צו מינוט געוואָרן גרעסער ביז עס האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער מאַסע וואָס האָט זיך לאַנגזאַם און זיכער גערוקט וואָס אַמאָל נענטער צו די מענטשן וואָס האָבן געוואַרט ביים פּאָרט, און ביי וועלכע עס האָט פֿון מינוט צו מינוט געוואָקסן און געשטיגן דאָס אומגעדולד און די נייגעריקייט.

מאָטל איז געשטאַנען צווישן דער מענטשן־מענגע און אַ נערוועזער געצויגן דעם פּאַפּיראָס דורכן ביינערנעם ציגאַר־שפּיץ. דער געדאַנקען־גאַנג האָט ביי אים געיאָגט מאָדנע בליציק. די בילדער האָבן אויסגעמישטע

זיך געטראָגן דורכן מוח אין אַ משוגענעם גאַלאָפּ. ער האָט בשום אופֿן נישט געקענט באַהערשן די עמאָציע אין זיך און הגם אַרום אים האָט עס געברויזט מיט דער עמאָציע פֿון אַנדערע צענדליקער מענטשן וואָס האָבן פּונקט ווי ער געברענט פֿון אומגעדולד, האָט ער כּמעט ווי גאָרנישט באַמערקט. די געדאַנקען האָבן אים פֿאַרטראָגן אין זייער ווייטע געביטן. ער שטייט און קוקט ווי די שיף רוקט זיך צום ברעג און עס ווייזט זיך אים אויס אַז אָט קומט פֿון דאָרט אַראָפּ יענץ קליינע שול־מיידעלע וואָס ער האָט צוריק מיט אַ יאָר צוועלף איבערגעלאָזט; אָט קומט זי דיר אַראָפּ פּונקט ווי ער האָט זיך געלאָזט, מיט די צוויי בלאָנדע צעפּעלעך פֿאַרוואָרפֿן אויף אַרונטער אָדער גאָר ווי אַ געפֿלאָכטענער בייגל אַרומגעלייגט אַרום קינדערשן קעפּל. זי קומט אַראָפּ פֿון דער שיף מיט אירע ביכלעך, פּונקט ווי ער פֿלעגט זי זען אַמאָל גיין אין דער שטעטלשער תּרבות־שול אַריין, אַ שעמעוודיקע און פֿאַררויטלטע. זי קומט אַראָפּ פֿון דער שיף און ער, מאָטל, נעמט זי אָן ביים הענטל און פֿירט זי ווי מען פֿירט אַ קליין קינד צו זיך אַהיים.

אַזעלכע בילדער שטעלן זיך אים פֿאַר מאָטלען און דאָס אומגעדולד וואַקסט פֿון מינוט צו מינוט. אַ געפֿיל פֿון אומגעדולד און פֿון עפּעס וואָס האָט אין זיך די שפּראָצן פֿון חרטה; יאָ, מאָטלען ווייזט זיך אויס אַז ער האָט חרטה אויפֿן גאַנצן עסק.

זינט ער האָט פֿון דער היים באַקומען דעם בריוו מיטן בילד פֿון פֿייגען, האָט אים דאָס דאָזיקע געפֿיל גענומען מוטשען און פּייניקן: וואָס הייסט — פֿייגע זאָל זיין זיין כּלה, זיין ווייב, הייסט עס, הגם ער קען נישט אָפּלייקענען אַז פֿון לכתּחילה האָט אים דער גאַנצער ענין אויסגעזען גאַנץ נאַטירלעך; אפֿשר האָט אין דעם געהאַט אַ חלק דאָס בענקעניש וואָס ער האָט פֿאַר די צוועלף יאָר געטראָגן אין זיין בחורשן געמיט, אַ בענקעניש וואָס ער פֿלעגט דערשטיקן מיט דעם פּרויען־לייב וואָס ער האָט געקויפֿט פֿאַר אַ פּאָר פּעזעס און וועלכעס איז אים געווען אַזוי פֿרעמד און אָפּשטויסנד נאָכדעם וואָס ער פֿלעגט באַפֿרידיקן זיינע מאַנס־בילשע באַגערן; אפֿשר האָט די דאָזיקע בענקשאַפֿט נאָך אַ פֿרוי, נאָך אַן אייגענער, היימישער פֿרוי אַוועקגערוקט אָן אַ זייט דאָס געפֿיל פֿון בושה פֿאַר זיך אַליין, ווען ער פֿלעגט זיך דערמאָנען אַז דאָס ברענגט ער צו

זיך אַראָפּ פֿאַר זיין צוקונפֿטיקער פֿרוי פֿייגעלען, דאָס קליינע שול־מיידעלע מיט די געפֿלאָכטענע צעפּעלעך, אָט אַזוי ווי ער האָט זי געדענקט פֿון צוריק מיט יאָרן. אָבער דערנאָך פֿלעגט אים באַפֿאַלן עפּעס אַ מאָדנע אומרו. אין אַזעלכע מאָמענטן פֿלעגט ער זיך אויפֿעסן אַ לעבעדיקער, האָט זיך אַליין געטאַדלט פֿאַר זיין שוואַכקייט וואָס ער האָט זיך געלאָזט איבעררעדן פֿון זיינע עלטערן, וועלכע האָבן אין זייערע בריוו אויסגעלויבט פֿייגען אַלס שיינע, געוויקסיקע און קלוגע. איבערהויפּט האָט אים געלאָקט דער אויסדרוק פֿון זיין מאַמען אַז זי איז אַ „פֿאַרשוין פֿון אַ מענטשן“. ער געדענקט אַז דער דאָזיקער אויסדרוק איז פֿאַר זיין מוטער דאָס העכסטע אויף צו באַצייכענען אַ שיינעם מענטשן. יעדנפֿאַלס האָט דאָס לעצטע בילד עדות געזאָגט אַז פֿייגע איז שוין מער נישט דאָס אַמאָליקע קליינע מיידעלע מיט די געפֿלאָכטענע צעפּעלעך; אויפֿן בילד האָט זי באמת אויסגעזען ווי אַ „פֿאַרשוין פֿון אַ מענטשן“. די מוטער זיינע איז געווען גערעכט.

די דאָזיקע אַלע צווייפֿלען און חרטה־געפֿילן, וואָס האָבן אים די גאַנצע צייט אויפֿגעטרייסלט, האָבן זיך איצט, ביים אָפּוואַרטן די אויסגעטרוימטע כּלה, ווי צונויפֿגעקנוילט אין איין קנויל. אַלץ צוזאַמען — בענקעניש, חרטה, בושה, מורא און געוויסנסביסן האָבן פֿאַרפֿלייצט דאָס געפֿיל פֿון פֿרייד וואָס האָט פֿונדעסטוועגן געבראַוזט אין זיין אונטערבאַוווסטזיין.

דערווייל האָט זיך די שיף צוגערוקט צום ברעג און איז אויסגעוואַקסן ווי אַ ריזיקע שטאָלענע מויער פֿאַר די וואָס האָבן זי אָפּגעוואַרט אין פּאָרט. מאָטל, פּונקט ווי אַנדערע, האָט גענומען זוכן מיטן בליק צווישן די פּאַסאַזשירן וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט נייגעריקע ביים שיפֿס־פּאָרענטש און מיט אויסגעגלאָצטע אויגן באַטראַכט די ברוינע מאַטראָסן וואָס האָבן געהאַלטן וואַך אויפֿן ברעג און דאָס פּובליקום נישט צוגעלאָזט נענטער צו דער שיף. אויף דער שיף און אויפֿן ברעג האָבן די מאַטראָסן און ים־אַרבעטער געאַרבעט אויף אַלע כּלים וואָס גיכער צוצובינדן דעם אייזערנעם קאָלאָס, וואָס האָט זיך איצט מאַיעסטעטיש אויסגעצויגן לענגאויס דעם האַפֿן און געשפּיגן פֿון זיך מיט שטראָמען וואַסער וואָס זענען ראַשיק געפֿאַלן אין טייך אַריין. פֿון שיף אַראָפּ האָט זיך גע-

הערט דאָס וואַלגערן פון וואַלצן און דער גרילץ פון ציין־רעדער. שטאַ־לענע קאַנאַטן זענען אין איין הרף עין אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן צום ברעג און זייערע שלייפן זענען באַלד פאַרוואָרפן געוואָרן אויף די העלדזער פון די ריזיקע קרוקעס וואָס האָבן געדולדיקע אַרויסגעשטעקט פונעם בעטאָן־האַפן. אַ באַוועגונג פון שיף־בריקלעך און דאָס סקריפן פון שיף־טירן אויף אַרויסצולאָזן די פּאַסאַזשירן האָבן דערגענצט דאָס לאַנדונגס־בילד.

מאָטל האָט בשום אופן נישט געקענט דערקענען פייגען, כאָטש ער האַלט אין דער האַנט דאָס לעצטע בילד אירס, וואָס ער האָט באַקומען צו־געשיקט, און זוכט אַן אַנגעשטרענגטער צווישן דער פאַסאַזשירן־מאַסע וואָס האָט זיך געדרענגט צום שיפס־פאָרענטש און מיט באַנומענע קולות אויסגעשריגן די נעמען פון די וואָס האָבן זיך געפונען אויפן ברעג. ענד־לעך אָבער, האָט ער דערהערט פון שיף אַראָפּ אַ פרויען־שטימע וואָס האָט אויסגערופן זיין פאַמיליען־נאָמען. ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען אַ שלאַנקע פריילין מיט אַ בלאָנדן קאָפּ האָר, וועלכע האָט צו אים געפאָ־כעט מיטן טיכעלע מיט אַ שמייכעלע אויפן פנים.

מאָטל איז געבליבן אַ פאַרגאַפטער; ער וואָלט גאָר קיינמאָל אין לעבן נישט געווען געגלויבט אַז יענע בלאָנדע פריילין, אויסגעפּוצט אין אַ היי־טעלע לויט דער לעצטער מאָדע, זאָל עס זיין די קליינע פייגעלע, וועלכע ער האָט צוריק מיט 12 יאָר איבערגעלאָזט אין קליינעם שטעטל. ער האָט אַ מורמל געטון צו זיך אַליין: „זי איז דאָך טאַקע אַ פאַרשוין פון אַ מענטשן".

דערנאָך, ווען זי איז שוין געשטאַנען לעבן אים אויפן ברעג, האָט ער יאָ דערקענט יענע שטריכן פון דער קליינער פייגעלע, וואָס ער האָט צוריק מיט יאָרן איבערגעלאָזט אין דער היים. איבערהויפּט זענען די דאָזיקע שטריכן פאַרבליבן אין די בלויע אויגן וואָס האָבן איצט, פונקט ווי אַמאָל קינדוויז, געקוקט אויף אים מיט אַ מילדן שמייכעלע. אָבער פאַר אים איז איצט געשטאַנען אַ רייפע פרוי. מאָטל איז פאַרגאַפט געוואָרן ווען ער האָט אָנשטאָט אַ שעמעוודיקע גרינע מיידל דערזען פאַר זיך אַ דרייסטע פריילין, וואָס האָט מיט איר האַלטונג און שפּראַך דער־מאָנט אָן אַ דערוואַקסענעם מענטשן מיט לעבנס־דערפאַרונג. ער האָט געוווּסט אַז זי האָט דאָרטן געענדיקט די גימנאַזיע און זיך געגרייט אַרייַנ־

צוטרעטן אין אוניווערסיטעט — אָבער אַז זי זאָל זיין אַזאַ גערְאָטענע, האָט ער זיך נישט געריכט.

ווען זיי האָבן זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט אַלע פאָרמאַליטעטן אין צאָל־אַמט און זענען אַרויס אויף דער גאַס, האָט זיך מאָטל געווענדט צו דער כלה:

— אַ גרויסע שטאָט, בוענאָס־איירעס; עס וועט דיר זיין אַ ביסל פריקרע ביז דו וועסט זיך צוגעוווינען.

— נישט געפערלעך — האָט פייגע געענטפערט — אויב דו ווילסט קען איך דיר זאָגן ווו דו וווינסט — האָט זי וווילינגעריש צוגעגעבן און אירע אויגן האָבן אַ לייכט געטון.

מאָטל האָט אויף איר אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן.

— פון וואַנען ווייסטו? ביסט דאָך ערשט אַראָפּ פון שיף — האָט ער אַ פאַרחידושטער צוגעגעבן.

פייגע האָט פון איר האַנט־טייסטער אַרויסגענומען אַ מאַפּע פון דער שטאָט בוענאָס־איירעס, האָט אַ פיר געטון איבער איר מיטן פינגער, זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּונקט אָנגעצייכנט מיט רויטן און זיך אָנגערופן מיט אַ זיכערן טאָן פון אַ באַהאַוונטן מענטשן:

— דו וווינסט אין מערב־טייל פון דער שטאָט בוענאָס־איירעס; קוק: אָט איז די גאַס ווו דו וווינסט.

מאָטלען איז דער איינפאַל שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער האָט זיך דערפרייט דערמיט ווי מען פרייט זיך מיטן ערשטן חנדל פון אַ קליין קינד, און ער האָט זיך אָנגערופן אין אַ שפּאַסיקן טאָן:

— אפשר קענסטו מיר זאָגן וואָס פאַר אַ טראַמוויי אָדער אָמניבוס מען דאַרף נעמען; דאָס שטייט נישט אין דער מאַפּע?

פייגע האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ קלינגענדיק געלעכטער און איז רויט געוואָרן. זי האָט זיך אָנגערופן:

— אויף אַזוי פיל באַהאַוונט בין איך נאָך נישט.

מאָטל האָט צוגערופן אַ טאַקסי און אים אָנגעוויזן וווהין צו פאַר־פאָרן. ווען ער איז שוין געזעסן אין טאַקסי, אַ צוגעטוליעטער צו דער כלה, האָט ער זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און איר איינגערוימט אין אויער:

— מיט דער מאַפּע, מיין טייערע, ווערסטו אַ שטיקל צייט מוזן זיין אַ גרינע; דאָ אין אַמעריקע העלפט נישט קיין געלערנטקייט — דאָ דאַרף מען אָנהויבן פונעם אָנהויב; אָבער דו דאַרפסט זיך נישט שרעקן. איך האָף אַז דו וועסט זיך פילן גוט... פונקט ווי אין דער היים.

פייגע האָט אים גאָרנישט געענטפערט. זי האָט אים בלויז אַריינגעקוקט אין די אויגן און מיט אירע וואַרעמע בליקן אים צוגעזאָגט די געגאַרטע היימישקייט, נאָך וועלכער מאָטל האָט פאַר דער גאַנצער צייט געבענקט.

דאָס מעשענע שילדל

ווען דאָס עלעקטרישע גלעקל האָט זיך יענעם פרימאָרגן צעקלונגען ביי די אייזנבערגס אין הויז, איז דאַניאַ קלאַראַ געשטאַנען צוזאַמען מיט דער דינסט אין קיך און געשמייעט אַרום דעם גרויסאַרטיקן מיטיק וואָס זי האָט דעם טאָג צוגעגרייט.

ווי אַ זשומענדיקער מאָסקיטאָ, וואָס טשעפּעט זיך צו עמעצן צו און לאָזט אים נישט אָפּ, אַזוי האָט דאָס גלעקל נישט אויפגעהערט צו קלינגען; עפּעס ווי אַ דיבוק וואָלט אין דעם געווען אַריין. די סעניאָראַ אייזנבערג, אויסער זיך פאַר כעס, האָט זיך צעשריגן:

— ס׳טו געהערט אַזאַ חוצפּה! מסתמא שוין ווידעראַמאַל עפּעס אַ שלעפּער. עס איז פּשוט נישט אויסצוהאַלטן פון זיי, אַזוינע פּאַראַזיטן!

די דינסט, וואָס האָט געהאַט אַפאָר פאַרפאַפּטע הענט פון טייג, וואָס זי האָט געהאלטן אין קנעטן, האָט אויף דער באַלעבאָסטעס אויסברוך גאָר נישט געענטפערט. זי האָט שוין געוווּסט, וואָס זי דאַרף אין אַזוינע פאַלן טון — זי האָט די באַלעבאָסטע אירע גוט געקענט — האָט זי גענומען אַרומזוכן עפּעס אויף אַרויסצוטראָגן דעם „שלעפּער“ וואָס האָט זיך איר באַלעבאָסטע אויסגעדאַכט.

די סעניאָראַ האָט איר נישט געלאָזט איבעררייסן דאָס קנעטן.

— איך וועל אַליין אַרויסגיין — האָט זי מיט פאַרדרוס גענומען אָפּבינדן דאָס קיך־פאַרטוך — מיינע צרות וועל איך אויסלאָזן צו זייער קאָפּ און צו זייערע הענט און פיס — אַזוינע שלעפּערס, אַזוינע פּויליאַקעס!

דאָס גלעקל האָט נישט אויפגעהערט צו קלינגען און עס האָט פּשוט דעם מוח אויפגעהויבן.

די סעניאָראַ אײַזנבערג האָט זיך האַסטיק געלאָזט צו דער פּאָדער־טיר, מיט כּעס זי אַן עפן געטון און געוואָלט אויסלאָזן צו יענעם איר האַרץ, אָבער דאָס וואָס זי האָט דערזען האָט בײַ איר אָפּגענומען דאָס לשון און זי איז געבליבן שטײן מיט אַן אָפן מויל: בײַ דער טיר איז געשטאַנען אַ קלײנער יאָט אין אַ בלויען אַרבעטער־רעקל, מיט אַ פאַרשמירט פּנימל און אַ פּאָר גרויסע קינדערשע אויגן, וואָס האָבן דער סעניאָראַ אײַזנבערג געקוקט גלײַך אין די אויגן אַרײַן. אין אײן האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פּירעקיק מעשן שילדל, וואָס האָט געגלאַנצט קעגן דער פרימאָרגן־זון, און אין דער צווײטער האָט ער געהאַלטן אַ פּאַפּירן צעטעלע.

— דאָ וווינט דער דאָקטאָר אײַזנבערג? — האָט דאָס יִנגל נאַיִוו אַ פרעג געטון דער פרוי, וואָס האָט אָנשטאָט קוקן אויף אים נישט אַראָפּ־גענומען קײן אויג פון דעם שילדל.

זי האָט אים אויף דער מינוט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן; זאָל זי זאָגן, אַז דאָס וווינט דאָקטאָר אײַזנבערג, איז נאָך עפּעס צו פרי. פון דער צווײטער זײַט ווידער איז איר שטאַרק געפעלן געוואָרן די נאַיִווע פראַגע פונעם יאָט; זי האָט דערין געזען אַ גוטן צײכן: „פון דײַן מויל אין גאָטס אויערן" — האָט זי בשעת מעשה אַ טראַכט געטון און געזאָגט האָט זי:

— יאָ; דאָ וווינט דער דאָקטאָר אײַזנבערג.

— איך האָב אים אָפּגעבראַכט דאָס שילדל — האָט דאָס יִנגעלע איר דערלאַנגט די פאַקטורע צוזאַמען מיטן שילדל, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעקריצט מיט נײַיענקע בוכשטאַבן: „מעדיצינישע קאָנסולטאַריע פונעם דאָקטאָר מאָוריסיאָ אײַזנבערג. אויפנאַמס־שעהן פון 14 ביז 18 אַזײגער"...

דער סעניאָראַ אײַזנבערג איז אַ וואַרעמער שטראָם אַדורך דורכן גאַנצן קערפּער: איר מאירל אַ דאָקטאָר! ד"ר מאָוריסיאָ אײַזנבערג! ווער איז איצט גלײַך צו איר? זי האָט זיך עס כּמעט ווי נישט געגלויבט; יעדנפאַלס האָט זי איבערהויפּט נישט געוווּסט, אַז דער מאַן אירער האָט שוין געהאַט באַשטעלט דאָס שילדל נאָך אײדער „דאָס קינד" וועט אַרויס־באַקומען דעם „דיפּלאָם"; אײדער ער וועט אָפּגעבן דעם לעצטן עקזאַמען.

זי האָט דעם יאַט אויסגעצאָלט די פאַקטורע און אים געגעבן אַ גאַנצע פּעזע טרינק־געלט. דאָס ייִנגעלע האָט זיך נישט געגלויבט זיינע אויגן: נישט דאָס ערשטע מאָל, אַז ער טראָגט אָפּ שילדלעך — אָבער אַ פּעזע — ווער גיט עס אַ גאַנצע פּעזע? ער האָט זיך פון דאָרטן שנעל אָפּגעטראָגן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט מען זאָל זי ביי אים צוריק נישט אָפּנעמען.

דאָס שילדל האָט די סעניאָראַ אייזנבערג פאַמעלעכן אַוועקגעשטעלט אין אויפנאַם־צימער, אויף דער געבעטער קאַנאַפּע, מיט יענער פּאָרזיכ־טיקייט, מיט וועלכער מען גייט אַרום ביי טייערע קונסט־בילדער; ווען דאָס שילדל זאָל געווען זיין פון גלאָז האָט מען זיך נישט גענדאַרפט אַזוי היטן, ווי פרוי אייזנבערג האָט זיך דערמיט געהיט. זי האָט עס אָנגעקוקט פון דער נאָענט און איז דערנאָך אָפּגעגאַנגען אַביסל און עס באַטראַכט פונדערווייטנס. וואָס איז דאָ געווען צו רעדן: איר האַרץ איז ממש צעשמאָלצן געוואָרן פון נחת ווען זי האָט פון דער ווייטנס געלייענט דעם נאָמען פון איר בן יחיד: „דאָקטאָר מאַוריסיאָ אייזנבערג“.

ווען זי האָט שפּעטער געגרייט צום טיש און גענומען וואַרטן אויף איר מאַן מיטן זון, דעם „דאָקטאָר“, וועלכע האָבן גענדאַרפט קומען פונעם אוניווערסיטעט ווו איר זון האָט דעם טאָג געזאָלט אָפּגעבן זיין לעצטן עקזאַמען, האָט זי דאָס שילדל אַוועקגעשטעלט אויף דעם געגרייטן טיש; זי האָט עס אָנגעשפּאַרט אין דער פלאַש שאַמפּאַן, וואָס מען האָט צוגע־גרייט אויסצוטרינקען אין דער אינטימער פאַמיליען־געזעלשאַפט לכבוד דעם זונס גראַדוירן זיך אַלס דאָקטאָר מעדיצין. דער איינפאַל פון דעם מאַן צו באַשטעלן דאָס שילדל נאָך איידער ער האָט געוווּסט דעם רעזולטאַט פונעם לעצטן עקזאַמען, האָט זי פאַראינטריגירט.

זי האָט נישט געקאָנט איינשטיין אין דער קיך און איז אַלע מאָל אַריינגעלאָפן אין עס־סאַלאָן און געכאַפּט אַ קוק אויפן שילדל, וואָס איז, ווי אַ פרעמדער קעגנשטאַנד געשטאַנען צווישן לוקסוסיעזן טיש־געשיר. ווען אַ פרעמדער וואָלט דאָס געווען געזען אַזוי אומגעלומפּערט שטיין אויף דעם געגרייטן טיש, וואָלט עס אין בעסטן פאַל געווען אַרויסגערופן ביי אים אַ שמייכל, אויב ער וואָלט געוווּסט דעם צוזאַמענהאַנג פון דער גאַנצער געשיכטע; די סעניאָראַ אייזנבערג אָבער, וואָס איז אַלעמאָל פון קיך אַריינגעלאָפן האָט בשום אופן נישט געפילט דאָס קאָמישע דערפון,

נאָר האָט געפּילט עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכן שטאָלץ. איר זון אַ דאָק־טאָר; און זי דעם דאָקטאָרס מוטער!

אין דער פאַנטאַזיע פון דער סעניאָראַ אייזנבערג האָבן זיך שוין גע־נומען אויסמאָלן בילדער ווי זי זעט דעם זון אירן אין זיין דאָקטאָרסקן ווייסן מאַנטל, ווי ער נעמט אויף די פּאַציענטן. אויסער דעם, האָט זי זיך גענומען אויסמאָלן אַנדערע אויסערלעכע כיבודים און עפעקטן, וואָס האָבן צו טון מיט אַ דאָקטאָר־טיטל: קודם די ברייטע באַשרייבונגען אין די צייטונגען, אַז די ייִדישע „קאָלעקטיוווידאַד" איז באַרייכערט געוואָרן מיט נאָך איין פּראָפעסיאָנאַל, און אַז דער יונגער דאָקטאָר אייזנבערג האָט זיין שטודיום דורכגעמאכט מיט גאָלדענע קלאַסיפיקאַציעס און אַז זיינע פּראָ־פעסאָרן קענען זיך פון אים גאָרנישט אָפּלויבן. און דערנאָך, שפּעטער צו, וועלן זיך אַ שאָט טון דאַנק־בריוו צום יונגן דאָקטאָר אייזנבערג פאַר האָבן געראַטעוועט דאָס לעבן פון דעם און דעם. און ווו זענען עס עפּעס די באַ־גריסונגען פון אירע „רעלאַסיאָנעס"? און ווו זענען עס די רייכע און יחוס־דיקע שידוכים, וואָס מען וועט איר מאירלען אָנהויבן פּאָרצולייגן? אָ, דאָס דאָזיקע אומשולדיקע מעשענע שילדל, וואָס איז אַזוי אומגעלומפּערט גע־שטאַנען צווישן די טעלער און גאָפּל־לעפל אויפן געגרייטן טיש, האָבן פאַר דער סעניאָראַ אייזנבערג געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג.

***

דער סעניאָר אייזנבערג מיטן זון דעם „דאָקטאָר", האָבן דעם טאָג לאַנג געלאָזט וואַרטן אויף זיך. ערשט אַרום פיר אַזייגער נאָכמיטאָג זענען זיי פאַרפאָרן מיטן אויטאָ און צו דער איבערראַשונג פון דער סעניאָראַ אייזנבערג האָבן זיי נישט אַרויסגעוויזן צו זיין גאָר פריילעך. איבערהויפּט איז געווען דערשלאָגן דער מאַן אירער פונעם דורכפאַל פון זיין זונדל ביים לעצטן עקזאַמען. דער יונגער „דאָקטאָר" אַליין האָט נישט אויסגעזען צו זיין אַזוי דערשלאָגן, ווי זיין פאָטער. ער איז שוין איבערדיקנס געווינט געווען צו אַזוינע סורפּריזן, ווער נאָך ווי ער האָט געוווסט, אַז אויב ער האָט די פריערדיקע עקזאַמענס דורכגעמאכט, איז דאָס נישט געווען אַזוי צוליב זיין שטאַרקן ווילן אָדער פעיקייטן, ווי צוליב די טויזנטער, וואָס זיין רייכער פאָטער האָט זיך געלאָזט קאָסטן אויף די בעסטע לערערס,

וואָס האָבן אים אַרויסגעשלעפּט פון די שווערע מאַטעריעס, וואָס ער האָט אַליין נישט געקענט אָדער נישט געוואָלט אויסלערנען. אין דער היבזיכט אין דער יונגערמאַן געווען אויפריכטיק מיט זיך. ער האָט גוט געקענט זיינע עלטערן און ער האָט אויך געוווּסט ביז וואַנען ער וואָלט געווען געקענט דערגרייכן מיט זיינע אייגענע פעיִקייטן.

און צי וואָלט זיך דען זיין פּאָטער נישט געווען געלאָזט קאָסטן ווייסעך וויפל, בכדי אים דורכצושלעפּן אויך איצט ביים לעצטן עקזאַמען; ליידער אָבער האָט מען דאָ מיט קיין געלט גאָרנישט געקאָנט אויפטון. איצט האָט זיך דער סעניאָר אייזנבערג געמוזט פאַרלאָזן אויף זיין זונס פעיִקייטן און אויף דער השגחה — אַזוי האָט טאַקע סעניאָר אייזנבערג געטראַכט יענעם פרימאָרגן, ווען ער איז מיטן זונדל געפאָרן צום פאַקולטעט. ער האָט אפילו אין האַרצן אַ נדר געטון, אַז ווען דער אויבערשטער זאָל אים העלפן, אַז דאָס „קינד“ זאָל גליקלעך דורכמאַכן דעם לעצטן מאָמענט, וואָלט ער געגעבן גאַנצע 500 פעזעס אויף דער שיל.

פרוי אייזנבערג האָט שוין משמעות נישט געהאַט וואָס צו פרעגן ביי איר מאַן; וואָס איז דאָ געווען צו פרעגן? אַ מענטש וואָס ברענגט מיט זיך עפּעס אַ גוטע בשורה, קומט נישט אַזאַ דערשלאָגענער, ווי איר מאַן איז דאָס מאָל געקומען. דאָס זונדל האָט דעם קאָטש אַריינגעפירט אין גאַראַזש און דערנאָך אַריינגעקומען גלייך, ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען געשען. וואָס איז דאָרטן פאַר אַן אומגליק, האָט ער געטראַכט — וועט עס געדויערן נאָך אַ יאָר צי צוויי. צי האָט ער דען זיין קאַריערע געמאַכט, ווי עס איז דער פאַל מיט אַנדערע, ווייל ער האָט זיך געגוויטיקט אין אַ בעסערער פּאָזיציע? ניין; דער פּאָטער זיינער, וואָס האָט אַליין געלעבט ברייט פון רענט, האָט אים שוין געהאַט פאַרזאָרגט מיט אַ גוט לעבן אויף לאַנגע יאָרן. דאָס גאַנצע לערנען זיינס איז ביי אים אויסגעקומען ווי אַ מין קרבן, וואָס ער ברענגט פאַר זיינע רייכע עלטערן, וואָס האָבן געגאַרט צום מעשענעם שילדל אויף דער טיר פון זייער רייכער דירה.

צום טיש האָבן זיך אַלע געזעצט שטילשווייגנדיקע, גלייך עס וואָלט אין שטוב געלעגן אַ קראַנקער. פרוי אייזנבערג האָט נישט באַוויזן אַראָפּצונעמען דאָס שילדל און קיינער האָט זיך דערצו נישט געוואָלט צורירן, גלייך עס וואָלט געפּלאַצט, ווען מען רירט עס אָן. סעניאָר אייזנבערג וואָס

האָט דאָס שילדל באַשטעלט, האָט זיך געפילט ווי עפּעס שולדיק אין דעם, וואָס די גאַנצע געשיכטע האָט זיך אויסגעלאָזט אַזוי טראַגיקאָמיש. ער איז געזעסן און זיך געהיט נישט צו קוקן דערויף. די סעניאָראַ האָט אויך נישט געוואגט צו פאַרפירן קיין שמועס וועגן דעם, ווייל זי האָט געפילט, אַז זי וועט דערמיט אויפהייבן אַ שטורעם.

דער זון אָבער וואָס האָט זיך נישט געפילט אין דעם מאָמענט אַזוי טראַגיש־אַנטוישט ווי זיינע אומגעדולדיקע אויפגעקומענע עלטערן, האָט ספּאָנטאַן איבערגעריסן מיטן פיינלעכן שווייגן; ער האָט אַ נעם געטון דאָס שילדל און זיך אויפריכטיק און אָן שום חכמות געווענדט צום פאָטער:

— פּאַפּאַ; זיי נישט אַזוי באַזאָרגט, האָסט זיך טאַקע אַביסל צוגע־איילט מיטן באַשטעלן דאָס שילדל. אָבער עס מאַכט נישט. עס וועט צוניץ קומען. וועט מען עס צושלאָגן שפּעטער מיט אַ יאָר...

דער פאָטער האָט דעם זון גאָרנישט געענטפערט. ער האָט נאָר גע־וואָרפן אויף אים אַ שניידנדיקן בליק. נאָכדעם האָט ער אַ קוק געגעבן מיט אַ פרעגנדיקן בליק אויף זיין ווייב. אַרויסגענומען אַ גראָבן ציגאַר און אים פאַררויכערט. זיך אויפגעהויבן פונעם טיש און מיט האַסטיקע טריט זיך געלאָזט גיין צום שלאָפצימער, גלייך ער וואָלט פון עפּעס אַנטלאָפן.

אָסט־ייִדן

ווער ווייסט צי געטרוד וואָלט צוריק מיט עטלעכע יאָר געווען מסכּים געווען אויפֿן פֿאַרלאַנג פֿון אַן אָסט-ייִדן זיך אַוועקצושטעלן און אָפּזונגען אַ ייִדיש לידל, וואָס האָט לויט איר מיינונג אַ תּל געמאַכט פֿון דער דייטשער שפּראַך. איצט אָבער האָט זי עס גערן געטון. מען קען זאָגן, אַז מיט פֿאַרגעניגן. אַ פֿאַרוויטלטע פֿון אַן אומפֿאַרשטענדלעכער אינערלעכער בושה, האָט זי זיך אויפֿגעהויבן, האָט עטוואָס אַ פֿאַרלוירענע, געכאַפּט אַ קוק אויף די געסט און אָפּגעזונגען אַ ייִדיש לידל, וואָס האָט דערציילט פֿון מאַמעשע בענטשליכט, פֿון שבת קודש און פֿון נאָך זאַכן, וואָס וואָלטן אַרויסגערופֿן אַ וואָרעם געפֿיל אַפֿילו ביי יענע, וואָס זענען דערפֿון נישט קיין גרויסע חסידים, ווען זיי וואָלטן געזען מיט וואָס פֿאַראַ אינערלעכן פֿייער געטרוד זינגט עס.

פּאַסירט האָט עס אין דער געזעלשאַפֿט פֿון עטלעכע יונגע פֿרויען און מענער, וואָס טייל פֿון זיי האָבן נאָך אויף זיך געטראָגן דעם צייכן פֿון זייערע ייִדישע שטעטלעך אין פּוילן, ליטע און רומעניע; אַנדערע, הי־געבוירענע אין די ייִדישע קאָלאָניעס, האָבן גערן אַרויסגעוויזן זייער ייִדישן שטייגער און שפּראַך, כאָטש זיי האָבן, לויט זייער אויסזען, האַלטונג און שפּראַך, גאַנץ באַרעכטיקט געקענט אַרונטעררוקן זייער אינערלעכע ייִדישקייט הינטער אַן עכטער אַרגענטינישקייט און זיך באַווייזן פֿאַר דער וועלט דערמיט, ווי זי, געטרוד, האָט אַמאָל געטון מיט איר דייטשישקייט, מיט וועלכער זי האָט פֿאַרדעקט איר ייִדישן מהות.

געטרוד האָט די דאָזיקע געזעלשאַפֿט געקענט אַ קורצע צייט. זעקס וואָכן בסך־הכּל; אַזויפֿיל וויפֿל זי האָט זיך געפֿונען אין לאַנד. זי האָט

אָבער דערפילט צו די דאָזיקע מענטשן אַ מאָדנע נאָענטקייט, יענע נאָענטקייט, וועלכע מען דערפילט צו אַ לערער וואָס פירט מיט זיין לערע אַריין אין נייע וועלטן, באַרייכערט מיט נייע ידיעות און אַנטדעקט אַזעלכע זאַכן, וועגן וועלכע מען האָט פריִער קיין אַנונג נישט געהאַט. געטרוד האָט פון די דאָזיקע מענטשן, פאַר וועלכע זי האָט נאָר וואָס אָפּגעזוונגען דאָס יידישע לידל, בלי ספק זייער אַ סך געלערנט אין משך פון די זעקס וואָכן. קיינער פון זיי האָט איר אפילו קיין איין וואָרט נישט געזאָגט, אָבער אַ ביישפיל זענען זיי פאַר איר יאָ געווען.

זעקס וואָכן. וויפל האָט זי פאַר דער דאָזיקער קורצער צייט נישט איבערגעלעבט? באַקלאָגט האָט זי זיך פאַר קיינעם נישט, אַפילו נישט פאַר דער אייגענער שוועסטער, וואָס האָט זי אַהער אַראָפּגעבראַכט און געטון אַלץ וואָס זי האָט געקענט, אַז זי זאָל זיך פילן פונקט ווי „דאָרט אין בערלין". און וואָס האָט דען געקענט זיין בעסער ווי פאַרשאַפן איר אַ דייטש־יידישע געזעלשאַפט? אַזוי האָט געמיינט די שוועסטער און האָט זי אַריינגעפירט אין די היגע קרייזן פון די דייטשע יידן. כאַפּט מען זיך אויך דאָ אַריין אין אַ קאַפע־הויז צוזאַמען מיט די לאַנדסלייט, אַביסל אויסגע־גרינטע, וואָס האָבן שוין פאַרגעסן דעם קאָשמאַר פון די נאַצי־רדיפות, מען רויכערט, מען לייענט צוזאַמען דייטשע צייטונגען. מ׳פּלוידערט און מען בענקט צוזאַמען. יאָ, מען בענקט, ווי קאָמיש עס זאָל נישט קלינגען. דאָ איז גוט, אוודאי איז גוט, אָבער עס איז פאָרט נישט דאָס וואָס „דאָרטן". עפּעס פעלט... עס פעלט שוין אפילו דאָס פאַרבאָטענע פון „דאָרטן", וואָס האָט פאַר גערטרודן באַקומען נאָך מער רייץ.

דערנאָך האָט די שוועסטער זי אַריינגעפירט אין אַן אַנדער געזעל־שאַפט. אין דער געזעלשאַפט פון „אָסט"־יידן. זי האָט עס געטון מיט אַ ציטער אין האַרצן און מיט דער איבערטראַכטעניש, אַז איר שוועסטער וועט דערפון ליידן. זי האָט גערטרודן דערצו פאָרזיכטיק צוגעגרייט, גלייך זי וואָלט זי געפירט צו דער עקידה.

— מיר האָבן דאָ אַ באַקאַנטע פאַמיליע, זייער סימפּאַטישע מענטשן, אָסט־יידן, אָבער וועסט עס אויף זיי נישט דערקענען. אַ פּיאַנאָ אין שטוב. דאָס יינגעלע שפּילט פידל און דער עיקר איז וואָס כסדר איז דאָרט פריי־לעך. אויב דו ווילסט, גערטרוד, וועלן מיר צוגיין.

גערטרוד האָט דעם פֿאָרשלאָג אָנגענומען אָן חשק, אָבער זי האָט מסכּים געווען; זי וועט פּרוּוון. ווי דורך אַ פֿילם־טאַשמע געבן אַ צי דורך די 5 יאָר נאַציזם וואָס האָבן דאָס לעבן אירס געגעבן אַ קער איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ. זי איז דאַן געווען אין בעסטן עלטער. 21 יאָר. און אַריינגע־וואַקסן איז זי געווען אין יענעם באָדן ווי אַ יונג קרעפּטיק דעמבל, וואָס האָט זיך נישט אַזוי לייכט אונטערגעגעבן דעם שטורעם וואָס האָט עס געגנומען רייסן מיט די וואָרצלען פֿונעם באָדן אַרויס. גערטרוד האָט גע־האַט אַ סך שאַנסן נישט באַלעסטיקט צו ווערן אין די סאַמע אַרישסטע פֿאַרוויילונגס־פּלעצער פֿון דער דייטשער הויפּטשטאָט. אַליין אַ בלאָנדע מיט אַלע שטריכן פֿון אַן „עכטער אַריערן", האָט זי די ערשטע יאָרן פֿון דער נאַציסטישער הערשאַפֿט אַפֿילו קיין אַכט נישט געלייגט אויף די פֿאַרלוימדונגען וואָס האָבן זיך אין דייטשלאַנד געגנומען שיטן אויף ייִדן, די קאַריקאַטורן וואָס זי האָט אויף יעדער שריט און טריט באַגעגנט, האָבן ביי איר אַרויסגערופֿן עקל. עס פֿאַרשטייט זיך, ווי האָט דען אַנדערש געקענט זיין? מערקווירדיק אָבער אַז דער דאָזיקער עקל איז געווען דורכ־געמישט מיט אַ טיפֿער פֿאַראַכטונג לגבי די אָסט־ייִדן. פֿאַר גערטרודן איז קיין שום ספק נישט געווען אַז די דאָזיקע קאַריקאַטורן און זלזולים זענען אויפֿן חשבון פֿון די אָסט־ייִדן. זי האָט עס אַפֿילו אין אַ געוויסער מאָס באַרעכטיקט. זיך אַליין האָט גערטרוד קיינמאָל נישט געזען אין די עקלהאַפֿטע בילדער, מיט וועלכע די נאַציס האָבן פֿאַרמיסטיקט דאָס דייט־שע צייטונגס־וועזן. זי, גערטרוד, די בלאָנדע מיט די הימל־בלויע אויגן, מיטן עכטן דייטשן גרעטכען־געזיכט וואָס איז באַדעקט מיט אַ פֿיינעם מאָך ווי אַ גאָלדיקער זייד; זי, וואָס רויכערט דעם ציגאַרעט ווי אַן עכטע בער־לינער אַריסטאָקראַטקע און טרייסלט אָפּ דאָס אַש אינעם אַש־בעכער מיט יענעם איידעלן מאַניר ווי עס טוען די נאָבל־לייט; זי וואָס שפּילט פּיאַנאָ און זינגט מיט איר פֿיינער סאָפּראַן־שטימע דייטשע לידער און דעקלאַ־מירט געטען און שילערן — זי האָט נישט געקענט זיין דער אָביעקט פֿאַר די דאָזיקע עקלהאַפֿטע קאַריקאַטורן. דאָס האָט מען געמיינט די אָסט־ייִדן, די דאָזיקע אומדערצויגענע ברואים, וואָס האָבן פֿאַרגרעבט דעם אַמביענט מיט זייערע שלעכטע מאַנירן, מיט זייער שלעכטן דייטש, אָדער גאָר מיט זייער ייִדיש. זי האָט אין האַרצן אַפֿילו טיילווייז נאָכגעגעבן די נאַציס —

יאָ, ווי פּיינלעך דאָס זאָל איצט פֿאַר איר נישט זיין, מוז זי זיך אין דעם דערמאָנען ווען זי זיצט אין דער געזעלשאַפֿט פֿון די זעלבע אָסט־ייִדן דאָ אין אַרגענטינע.

די שוועסטער האָט עס געוווּסט און איז דעריבער געווען פּאָרזיכטיק מיט פֿאַרלייגן איר די געזעלשאַפֿט פֿון אָסט־ייִדן. איר פֿאָרזיכטיקייט איז געווען אומזיסט: גערטרוד האָט זיך גאַנץ שנעל איינגעלעבט אין דער געזעלשאַפֿט פֿון די אָסט־ייִדן; אויב עס איז געווען עפּעס, וואָס האָט זי געהאַלטן דערווייטערט פֿון די דאָזיקע מענטשן, איז דאָס געפֿיל פֿון שול־דיקייט לגבי זיי. צוואָס לייקענען. די לעצטע צייט ווען זי האָט זיך איבער־צייגט אַז די נאַציס מיינען אויך זי, די בלאָנדע, אויסערלעך עכט דייטשע גערטרוד, האָט זי שוין דאָרט אין דייטשלאַנד דערפֿילט אַ וואַרעמקייט צו די אָסט־ייִדן. די שוועסטער האָט עס נישט געקענט וויסן, ווייל זי האָט נישט געקענט דאָס נאַציסטישע דייטשלאַנד. גערטרוד האָט מיט זיך אין האַרצן מיטגעבראַכט אַ ברענענדיקן האַס צו יענע וואָס האָבן חרוב גע־מאַכט איר אינערלעכע וועלט. זי האָט זיך געגוויטיקט אין עמעצן וואָס זאָל איר העלפֿן אויפֿבויען אַן אַנדערע, אַן אייגענע וועלט. נישט איר אייגענע שוועסטער, נישט אירע לאַנדסלייט האָבן איר אין דעם געקענט העלפֿן; זיי אַליין האָבן זיך געקלאַמערט אין עפּעס אַזוינס וואָס האָט שוין פֿאַר איר קיין שום ווערט נישט געהאַט.

ווען די שוועסטער האָט זי צום ערשטן מאָל אַריינגעפֿירט אין דער געזעלשאַפֿט פֿון די „אָסט־יודן", האָט זי פֿון לכתחילה נישט דערקענט אין זיי דעם טיפּ וועלכן זי האָט געקענט דאָרטן, אין בערלין. דאָ האָט זי זיי דערזען אַלס אַ טייל פֿון אַ לעבן וואָס איז פֿאַר איר געווען ניי, וואָס האָט איר אויסגעזען עקזאָטיש. זי האָט כמעט נישט געזען קיין אונ־טערשיד צווישן זיי און דעם אַלגעמיינעם אַרום. מיט דער צייט אָבער האָט זי אין זיי דערקענט די זעלבע עקשנות וואָס דאָרט אין דייטשלאַנד צו האַלטן זיך ביי זייער אייגענעם שטייגער, די זעלבע אָסט־ייִדן פֿון בערלין, וואָס פֿירן אויך דאָ זייער אייגענעם לעבנס־שטייגער. אָבער איין אונטער־שיד האָט זי יאָ באַמערקט: זי האָט זיך באַלד אַרומגעזען אַז דאָ ווילן די אָסט־ייִדן בשום אופֿן נישט שטיין נידעריקער מיט קיין איין שטאַפּל פֿון איר און פֿון קיין אַנדערע. זי האָט בפּירוש באַמערקט אַז דאָס וואָס זי

רויכערט נאָך אַלץ עלעגאַנט ציגאַרעטן, שפּילט פּיאַנאָ און לייענט צייטונגען אין די קאַפע־הייזער מיט אירע לאַנדסלייט, הייבן מיט גאַרנישט איר חשיבות ביי זיי אין די אויגן; פּונקט פאַרקערט. יעדעס מאָל ווען זי ווייזט אַרויס אַ סימן פון פּשטות, אַ שטריך וואָס איז פאַר זיי אַזוי כאַראַקטעריסטיש, נעמען זיי עס אויף מיט אָפענער סימפּאַטיע. איבערהויפּט קוועלן זיי אַן ווען זי זינגט פאַר זיי אַפּ אַ יידיש לידל מיט אַ חנוודיקן דייטשמערישן אַקצענט. עס נעמט גאָר קיין סוף נישט צו דער פאַטשעריי. זיי פרייען זיך דערמיט, ווי די קינדער מיט אַ טשיקאַווע שפּילצייג. די איינציקע מעלה אירע וואָס מאַכט אויף זיי אַזאַ געוואַלדיקן איינדרוק. און וואָס מ׳שטיינס געזאָגט טוט זי דען וואָס עס מאַכט אויף זיי אַזאַ שטאַרקן איינדרוק? זי זינגט אַ יידיש לידל פון די וואָס זי האָט זיך פאַר דער לעצטער צייט אויסגעלערנט. זי האָט זיך גאָר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט אַז דאָס דאָזיקע לידל זאָל ווערן דער שליסל וואָס זאָל איר עפענען אַ וועג צו די דאָזיקע מענטשן. און די דאָזיקע מענטשן זענען באמת אַזעלכע וואָס רעגן די פאַנטאַזיע פון גערטרודן. אפשר איז דאָס געווען דערפאַר וואָס זי האָט אין זיי דערזען דעם וועג צו דער נייער וועלט וואָס זי האָט געזוכט?

צוריק מיט יאָרן ווען מען וואָלט עס איר געווען געזאָגט, וואָלט זי זיכער געווען אויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער און וואָלט יענעם געהאַלטן פאַר משוגע; איצט אָבער לאַכט זי נישט פון די יידישע לידלעך. מיט אַ מין יראת הכבוד שטעלט זי זיך אויף ווי צו אַ פייערלעכע עבודה און זינגט די יידישע לידלעך מיט אַ טויטער ערנסטקייט. זי באַמערקט אַפילו נישט ווי די אָסט־יידן, וואָס הערן זי אויס מיט איבערגעטריבענער אויפמערקזאַמקייט און פאַטשן בראַוואָ, ווי זיי שמייכלען אין זיך אַריין פון איר תמימות מיט אַזאַ מינע וואָס קען הייסן: „...זייער אַ שיין לידל, אָבער מיר האָבן עס שוין ערגעץ געהערט צוריק מיט אַ יאָר פערציק".

יאָ, פאַר זיי, פאַר די אָסט־יידן, זענען דאָס אַלטע לידער, אָבער פאַר גערטרודן, פאַר דער יידישער טאָכטער פון דייטשלאַנד, וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן פון איר פאָטערלאַנד, זענען זיי ניי און פריש. לכתחילה פלעגט זי זיך שעמען; איצט אָבער לאָזט זי זיך קיין סך נישט בעטן. זי שטעלט זיך אויף און מיט איר לירישער סאָפּראַן־שטימע פאַרציט זי:

פֿאַליק לערנער

אויפֿן פּריפּעטשאָק ברענט אַ פֿייערל
און אין שטוב איז הייס...

זי זינגט נישט נאָר מיט אַ געשולטער שטימע, גערטרוד, נאָר אויך מיט האַרץ, מיט נשמה. ווען זי ענדיקט, הערן זיך וואַרעמע אַפּלאַוזן. פֿאַר די וואָס הערן זי איז דער גאַנצער ענין אַ טשיקאַווער, אַן עקזאָטישער: אַ „דייטשקע״ זינגט ייִדישע לידלעך! פֿאַר גערטרודן איז דאָס זייער אַן ערנסטער ענין. ווען זי נעמט זינגען די ייִדישע לידער, ווייזט זיך איר אויס אַז זי האָט זיך אַליין געפֿונען. זי ווייסט אַז מען האָט זי פֿון ערגעץ פֿאַרטריבן, זוכט זי אַ נייעם אָנהאַלט, אַ שוץ פֿאַר איר צעטרייסלטן געמיט.

און ווער האָט עס אַמאָל געקענט גלויבן אַז דווקא אָט די אָסט־ייִדן וועלן ווערן דער אָנהאַלט פֿון אַ דייטש־ייִדישער טאָכטער? גערטרוד האָט עס אויך נישט געגלויבט. איצט אָבער גלויבט זי עס און מיט עלעגאַנטע רעוועראַנסן באַדאַנקט זי זיי פֿאַר זייערע אַפּלאַוזן.

דער בלומען־קראַנץ

אויף צומאָרגנס נאָך דעם וואָס ער האָט דאָס קינד געבראַכט צו קבורה, איז לאָרענסאָ געקומען צו דער אַרבעט. אַריינגעקומען איז ער אין טאַזשער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, גלייך ער וואָלט געוועזן באַגאַנגען עפּעס אַ פאַרברעכן און ער שעמט זיך צו קוקן יענעם אין די אויגן אַריין. דאָס פּנים האָט ביי אים אויסגעזען ווי נאָך אַ קראַנקייט, אַרום די אויגן צוויי בלוי־שוואַרצלעכע רינגען. דער גאַנצער גוף זיינער, שטענדיק אַ שלאַנקער און יוגנטלעכער, איז עפּעס ווי קלענער געוואָרן און געגאַנגען איז ער איינגעבויגן, ווי אַ זקן.

די אַרבעטער וואָס האָבן געהאַלטן אין איבערטון זיך צו דער אַרבעט און דערביי, ווי זייער שטייגער איז געווען, געפירט אַ טומלדיקן שמועס וועגן ספּאָרט, זענען מיט לאָרענסאָס אַריינקומען עפּעס ווי אונטער אַ סיגנאַל איינגעשטילט געוואָרן. זיין טרויעריקער אויסזען האָט אויף אַלעמען אָנגעווייעט אַ פּלוצימדיקן אומעט. עמעצער האָט זיך שטיל אָנגערופן:

— זעט נאָר, עס איז דאָך אים נישט צו דערקענען. ער זעט דאָך אויס ווי אַ זקן.

— דער טויט קוקט פון אים אַראָפּ — האָט זיך אָנגערופן לויס סע־מינאַרא — וועלכער האָט זיך בשעת מעשה אַראָפּגעשלעפּט די הויזן און געבליבן שטיין אין די הוילע תחתונים.

לאָרענסאָ האָט זיך צוגעשלייכט צו זיין שאַפּקעלע און אַ פאַרטראַכטער אין זיך, מיט אַן אויטאָמאַטישער באַוועגונג גענומען אויפשליסן דאָס שלעסל. מיט דער זעלבער מעכאַנישער באַוועגונג האָט ער אויפגעעפנט די טירלעך און אַפילו דער שאַרפער זויערלעכער ריח, וואָס האָט פון

דאָרט אַ שלאָג געטון, האָט אים נישט געקענט אַריינפירן צוריק אין דער טאָג־טעגלעכער שטימונג, וואָס איז אים געווען אייגן שוין אַזוי פיל יאָרן. ער האָט זיך איבערגעטון.

צו דער אַרבעט האָט ער זיך אויך געשטעלט, ווי גלייך ער וואָלט געווען געקומען פון אַן אַנדער וועלט. זיין אַרבעט־באַנק און דאָס געצייג, וואָס ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצונעמען פון דעם קעסטל, האָבן אים אויס־געזען עפּעס אַזוי פרעמד. געטון האָט ער דאָס אַלץ על פּי געוווינהייט און געדאַכט האָט זיך אים, אַז דאָס אַלץ וואָס ער טוט האָט קיין שום זין נישט. אין דער אָנזיכט פונעם טויט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין זיין היים, איז לאָרענסאָ געוואָרן פאַרטראַכטער און אומעטיקער ווי ער איז אַלע מאָל געווען.

און ווען ער איז דערנאָך שוין געשטאַנען און געפּיילט אַ טייל פון אַ מאָטאָר, האָבן אים ערשט גענומען דערקוטשען די געדאַנקען וועגן זיין לאַגע: הייסט עס, אַז אַרום־און־אַרום בין איך נישט אימשטאַנד געווען צו ראַטעווען דאָס קינד. איך, לאָרענסאָ, מיט דעם דאָזיקן „גאָלדענעם פאַך" אין די הענט.

און ווען עמעצער וואָלט אין דעם מאָמענט געווען צוגעקומען און אים געפרעגט פון וואָס דאָס קינד איז געשטאָרבן, וואָלט לאָרענסאָ אָן קווענקלעניש געווען געענטפערט:

— איבער דער מענטשלעכער טיפּשות און שלעכטקייט.

אַזוי וואָלט לאָרענסאָ געענטפערט און וואָלט בשום אופן נישט געפילט, אַז ער האָט באַליידיקט עמעצנס ערע. ער האָט איצט נישט געצווייפלט אַז אַזוי איז דאָס, און פאַרוואָס זאָל ער זיך קווענקלען אַרויסצוזאָגן דאָס, וואָס ער טראַכט. פאַר די עטלעכע חדשים וואָס דאָס קינד איז קראַנק געווען, האָט ער זייער אַ סך געלערנט. די דאָזיקע פאַמיליען־דראַמע זייַנע, האָט אים געגעבן די געלעגנהייט ארונטערצוקוקן הינטער דעם פאָרהאַנג פון דער אַזוי גערופענער מענטשלעכער באַרמהאַרציקייט און — ווי — וויפל איבלען ער האָט דאָרט געזען, וויפל נישט אויפריכטיקייט. אפילו צווישן זיינע אייגענע אַרבעטס־חברים האָט ער עס געזען. יאָ, עס טוט ווי אַזוי צו טראַכטן. אָבער פונעם אמת קען מען דאָך נישט אַוועקגיין.

מיטיקצייט, ווען לויס סעמינאַראַ האָט לאָרענסאָן געפּרוווט אויפ־

מונטערן מיט אַ באַנאַלן שפּאַס, האָט ער אים דערויף גאָרנישט געענטפערט און ווען יענער איז צו אים צוגעשטאַנען, האָט ער אים אָפּגעשיקט צו אַלדי־רוחות. געפּרוווט האָט עס סעמינאַרא טון אויף זיין שטענדיק חוצפּהדיקן אופן, אָבער ער האָט ווייזט אויס נישט אָנגעטראָפן דאָס פּלאַץ. לאָרענסאָ האָט אים צוגעוואָרפן אַ האַסטיקן ענטפער און ער איז אַוועק פון דעם אָרט, ווו אַלע זענען געזעסן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ליידיקן נאַפּט־פּעסל און אַ פּאַרטראַכטער גענומען שאַרן מיטן רעכטן פוס דעם שטויב. עמעצער פון די אַרבעטער האָט קורץ באַמערקט:

— זיי נישט קיין שוטה סעמינאַרא. זעסט דען נישט, אַז דיינע שטותרייען קריכן אים איצט נישט אין קאָפּ אַריין.

לאָרענסאָ האָט פון דער זייט דערהערט די באַמערקונג. האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטון אויפן געזעמל אַרבעטער גלייך ער וואָלט זיי צום ערשטן מאָל דערזען. עס איז קענטיק געווען, אַז אים ווילט זיך בעסער שווייגן. ער האָט אָבער נישט אויסגעהאַלטן און מיט געצוימטער ביטערניש צוגעוואָרפן:

— דאָס איז נישט קיין שטותרייען, חבר, דאָס איז חוצפּה, אומדערהערטע חוצפּה.

— וואָס האָב איך דיר דען אַזוינס געזאָגט? — האָט סעמינאַראַ זיך געפּרוווט פאַרענטפערן.

— וואָס דו האָסט מיר נישט געזאָגט, האָסטו געמעגט פאַרשטיין, אַז דיינע חכמות זענען איצט נישט אָמפּלאַץ און עס איז גלייכער דו זאָלסט שווייגן — האָט אים לאָרענסאָ אָפּגעענטפערט קורץ און שאַרף, נישט קוקנדיק אין זיין זייט אַריין.

— קיינער איז דאָך נישט שולדיק אין דיין אומגליק, האָט דער האָפּערדיקער סעמינאַרא זיך געעקשנט. פּונקט פאַרקערט, דו קענסט נישט זאָגן אַז די יאַטן האָבן דיך נישט אַרויסגעוויזן קיין מיטגעפיל.

לאָרענסא האָט אים אויף דער מינוט נישט געענטפערט, כאָטש די לעצטע ווערטער סעמינאַראס האָבן אים געטראָפן ווי מיט אַ קויל. ווען וואָס פאַראַ מיטגעפיל האָט ער עס דאָרט געדעדט דער חוצפּניק? ער האָט מסתמא געמיינט דעם בלומען־קראַנץ וואָס די חברים האָבן אים צוגעשיקט אין דעם טאָג פון דעם קינדס לוויה. נו, יאָ. אויף דער הייסער מינוט

ווען ער האָט באַקומען דעם בלומען־קראַנץ, איז לארענסאן נישט געלינגען איינזינען צו טראַכטן וועגן דעם דאָזיקן אויסטערלישן מיטגעפיל פון זיינע חברים. דער זשעסט האָט ביי אים אַפילו געהאַט אַרויסגערופן אויף דער מינוט אַ געוויסע סענטימענטאַלקייט און געשאַפן דעם איינדרוק אַז ער איז דאָך נישט אַזוי איינזאַם אין זיין אומגליק. דערנאָך, ווען דער ערשטער איינדרוק איז אַריבער האָט דער דאָזיקער זשעסט פון דעקאָראַטיווער פריינטשאַפט — ווי ער האָט עס ביי זיך באַצייכנט — אַרויסגערופן ביי אים אַ געוויסן ביטול. עס האָט אים דערמאָנט אין דער פילאַנטראָפּיע פון די זעלבסטצופרידענע דאַמען וואָס טוען צדקה בכדי צו פאַרענטפערן זייער געוויסן, וואָס פלאָגט זיי פאַר דעם רייכן לעבן וואָס זיי פירן.

פאַר די עטלעכע מאָנאַטן וואָס דאָס קינד האָט געקרענקט, האָבן וועגן דעם אַלע אין טאַזשער געוווּסט. האָבן דען נישט אַלע געזען אַז ער פאַרלירט גאַנצע טעג אויף אַרומצושלעפן זיך איבער די שטאָטישע שפּיטעלער מיט דעם קראַנקן קינד? קיינעם אָבער איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו פרעגן לארענסאן וועגן דעם געזונט־צושטאַנד פונעם קינד און ווי אַזוי ער קומט דורך אויף צו קורירן עס. דער זעלבער לואיס סעמינאַראַ האָט נישט איינמאָל אַפילו געפּרוּווט אַ שפּאַס טון אויפן חשבון פון די „חתונה געהאַטע" וואָס האָבן זיך „צוגעאיילט". געמיינט האָט ער טאַקע צו טרעפן לארענסאן, וועלכער האָט שטענדיק געהאַט צו טון מיטן קינד.

האָט לאָרענסאָ דען אַמאָל פּרעטענדירט אַז עמיצער זאָל טראָגן דעם עול פון זיינע פאַמיליען־זאָרג? ניין, ער האָט וועגן דעם קיינמאָל אַפילו נישט געטראַכט, אָבער עס פלעגט פאַרדריסן ווען ער האָט באַמערקט מיט וואָס פאַראַ לייכטזין די חברים באַציִען זיך צו די אינטימע געפילן פון זייערן אַ חבר. עס האָט אים געאַרט פאַרוואָס זיי מעסטן יענעמס פאַמיליען־אומגליק מיט דער זעלבער מאָס וואָס זיי ווענדן אָן צו זייערע באַנאַלע שמועסן וועגן פוטבאָל אָדער פערד־געיעג, נישט געבנדיק צומאָל אַ טראַכט אַז מיט יעדן איינציקן קען פּאַסירן דער זעלבער אומגליק.

דערנאָך, ווען ער האָט שוין מיט דעם קינד נישט געהאַט וואָס צו טון; נאָך דעם וואָס ער האָט זיך אין משך פון חדשים אָפּגעמוטשעט, אַרומשלעפנדיק זיך איבער פאַרשידענע שטאָט־שפּיטעלער, ווו די דאָק־

טוירים פלעגן עס באַטראַכטן פון יוצא וועגן און פאַרשרייבן אַ ביליקן רעצעפּט, וועלכן ער האָט נאָך לאַנגע וואַרטענישן אַרויסבאַקומען אין דער שפּיטאָל־אַפּטייק — דערנאָך זענען אים די אַלע זאַכן מער נישט אָנגעגאַנגען. ער פלעגט קומען צו דער אַרבעט און אַפילו נישט אָנטיילנעמען אין די געשפּרעכן פון זײַנע אַרבעטס־חברים, וועלכע האָבן אים איבעריקנס קיינמאָל נישט געלאָקט. צו וועמען האָט ער דען געקענט האָבן טענות און וואָס האָט ער דען פון זיי געקענט פאָדערן? סוף כל סוף זענען זיי דאָך פּונקט אַזוי באַגרענעצט אין זייערע מעגלעכקייטן ווי ער.

יאָ, מען קען נישט זאָגן אַז לאָרענסאָ זאָל ווען עס איז האָבן אַפילו אַ טראַכט געטון אַז זײַנע חברים זאָלן אינזינען האָבן זײַנע פאַמיליען־זאָרג. אָבער מאָדנע: ווען ער האָט באַקומען דעם בלומען־קראַנץ, מיט וועלכן זיי האָבן אָן שום ספק געוואָלט אויסדריקן זייער מיטגעפיל צו זיין אומגליק, האָט עס אויף אים געהאַט פּונקט אַ פאַרקערטע ווירקונג. ער, וועלכער האָט זיי גוט געקענט פון דער נאָענט, האָט זיך צוגעהערט צו זייערע טאָג־טעגלעכע געשפּרעכן — האָט אין דעם דאָזיקן זשעסט נישט דערפילט קיין איבערצייגנדיקע באַציִונג. עפּעס אַ צודרינגלעכער געדאַנק האָט אים ביִזוויליק אונטערגעזאָגט, אַז דאָס איז נאָך איינער פון לוִיס סעמינאַראָס שפּאַסן, כאָטש ער האָט גוט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז קעגן יעטוועדער לאָגיק.

לאָרענסאָ האָט פון דעם דאָזיקן עפּיזאָד נישט געדענקט צו ציִען קיין שלוסן פאַר זײַנע ווייטערדיקע באַציִונגען מיט די חברים, אָבער ווען סעמינאַראָ האָט אים אַזוי האָפערדיק און באַרימעריש דערמאָנט וועגן דעם דאָזיקן „מיטגעפיל“, איז אים ווידער געקומען אויפן געדאַנק וואָס ער האָט דאַן געטראַכט און ער האָט זיך אָנגערופן:

— יאָ, איך בין זייער גערירט פון דעם דאָזיקן מיטגעפיל; אָבער איך ווינטש קיינעם נישט צו זיין אין דער לאַגע פון באַקומען אַזעלכע מיטגעפיל־סורפּריזן פון זײַנע חברים.

— וואָס מיינסטו מיטן וואָרט „סורפּריז“? — האָט עמיצער פון די אַרבעטער אַ פרעג געטון מיט אויגנשיינלעכער נײַגעריקייט.

— איך מיין עס קעגן דעם וואָס פון דער העלער הויט האָבן די חברים זיך אַ שפּיל געטון אין איבערגעטריבענער סאָלידאַרישקייט —

האָט לאָרענסאָ אָפּגעענטפערט מיט אַ טראַגישער אויפריכטיקייט, וואָס האָט בשום אופן נישט געפּאַסט פאַר אים, אַלס נוגע בדבר.

ער האָט באַלד דערפילט אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס פון אומ־באַשיידנקייט און ווי עמיצן אויף צו להכעיס צוגעגעבן:

— יאָ, איבערגעטריבענע סאָלידאַרישקייט. אין משך פון דער גאַנצער צייט האָט מיך קיינער אַפילו פון יוצא וועגן נישט געפרעגט וועגן דעם קינד און וועגן דעם ווי אַזוי איך קום דורך. געווען „וויכטיקערע״ זאַכן וועגן וואָס צו רעדן. איך האָב נישט צו קיינעם קיין טענות און זאָג נישט אַז מען האָט מיר געקענט העלפן, דאָרט ווי עס איז אוממעגלעך געווען עפּעס צו טון. אָבער אויב מען האָט נישט געפונען אין משך פון דער גאַנצער צייט קיין וואָרט פאַר מיר, איז פאַרוואָס נישט שווייגן ביזן סוף? פאַרוואָס זיך באַנוצן מיט נאַרישקייטן וואָס פּאַסן זיך נישט? — האָט לאָרענסאָ, אַ טרויעריקער, ווי געבעטן זיך ביי עמיצן.

אַלע אַרבעטער פון דעם קרייז האָבן פאַרשעמטע זיך איבערגעקוקט און קיינער האָט זיך מיט קיין וואָרט נישט אָנגערופן. אַלע האָבן געפילט אַז דאָס גלייכסטע איצט איז — שווייגן, שווייגן.

אַ דײַטש

אין אַ פֿרימאָרגן האָט ער זיך געיאַוועט אין טאַזשער אַרײַן און שפּעטער מיט אַ פּאָר שעה האָט ער שוין געוואָלט, אַז מען זאָל אים אָפּגעבן כּבֿוד.

— איך האָב געדינט אין דער פּרײַסישער אַרמיי און האָב 13 יאָר אָפּגעאַרבעט אין די קײַזערלעכע וואָפֿן־פֿאַבריקן — האָט ער זיך צוגע־אײַלט יעדן צו דערציילן.

פֿאַרוואָס ער האָט זיך צוגעאײַלט מיטן דערציילן אַלעמען וועגן זײַן אַמאָליקער גדולה — דאָס האָט קיינער נישט געקאָנט פֿאַרשטיין. אפֿשר האָט עס געשטאַמט פֿון דעם, וואָס אַלע פֿון זײַן מין האָבן ליב צו געבן אָנצוהערן וועגן זייערע סאָלדאַטסקע דערפֿאָלגן. עס איז אָבער גע־ווען אַ צווייטע השערה, און אַרויסגעזאָגט האָט זי נישט קיין אַנדערער ווי דער „פֿוקס“ פֿונעם טאַזשער: בעניטאָ סאַנטשעז.

— וואָס פֿאַרשטייט איר נישט — האָט סאַנטשעז בעתן נאָכמיטיק־אָפּרו אַרײַנגעטענהט אין זײַנע חבֿרים — ער וויל פֿאַרכאַפּן די נעץ פֿאַר די פֿיש, ווײַל עס דערוואַרט אים די קאַריערע פֿון אַ פּעאָן.

— אָבער ער איז דאָך געקומען מיט אַ רעקאָמענדאַציע פֿונעם קאָנ־סול — האָט עמיצער פֿון די אַרבעטער געפּרוּווט אָפּאָנירן.

— דאָס מאַכט נישט אויס — האָט סאַנטשעז געענטפֿערט און בעת מעשׂה געצייכנט מיטן פֿינגער אינעם זאַמד פֿונעם ברעג — צו עפּעס אַנדערש טויג ער נישט. הלוואַי גיט מען אים מיר אַלס געהילף, וועט ער בײַ מיר לעבן אין כּבֿוד...

זיין פאַרגעפיל האָט געהאַט אַ גרונט: אויפן צווייטן טאָג האָט סאַנ־טשעז באַקומען דאָס „ווורשטל" — אַ צונאָמען מיט וועלכן ער איז דעם ערשטן טאָג שוין געקרוינט געוואָרן — אַלס געהילף.

איידער וואָס ווען, האָט דאָס „ווורשטל" סאַנטשעזן באַלד דערציילט וועגן זיין רומפולער פאַרגאַנגענהייט. מיט אַ פאַרגליווערטן בליק און מיט אַ לייכטער איראָניע ביי די מויל-ווינקלען, האָט אים סאַנטשעז אויסגע־הערט כלומרשט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט, און אים דער־נאָך בנעימותדיק אַ פרעג געטון:

— און וואָס רעכנט איר איצט צו טון?

— כ'ווייס; איך רעכן צו פאָרן קיין פאַראַגווײַ. מען זאָגט, אַז דאָרט נייטיקט מען זיך אין גוטע וואָפן-ספּעציאַליסטן.

— דערווייל וועט איר זיין אַזוי גוט און אָפּקראַצן דעם זשאַווער פון דער דאָזיקער אייזן-בלעך — האָט אים סאַנטשעז אַ זאָג געטון מיט דער זעלבער רויִקייט וואָס פריִער...

דער דייטש האָט דערשפּירט דעם שטאָך וואָס דער כיטרער ענטרע־ריאַנער האָט אים דאָ געגעבן; זיין האַלדז און נאַקן, אַ געקנייטשטער ווי די כאַליעווע פון אַ פויערישן שטיוול, איז אים פאַרלאָפן געוואָרן מיט בלוט פאַר רציחה; אין זיינע גרין-בלוילעכע, מיט פלייש אַרומגעוואָק־סענע אייגעלעך האָט זיך באַוויזן דאָס אורוועלדישע טעוטאָנישע נקמה־פייערל. ער האָט עפּעס געוואָלט ענטפערן אויפן אָרט, אָבער ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט סאַנטשעזעס פלעגמאַטישן בליק, אין וועלכן עס איז געליגן אַזויפיל מינדערשעצונג און קאַלטבלוטיקייט, האָט ער פאַרביסן די ליפּן און אָפּגעשוויגן. מען האָט גאָרנישט געקענט מאַכן; ער האָט מעכאַניש גענומען אָפּקראַצן דעם זשאַווער פון דער אייזן־בלעך — אַן עקלהאַפטע אַרבעט, וועלכע שלאָגט צו דער גאַל יעדן פּעאָן, בפרט נאָך אַזאַ „מיוחס".

נאָך דער ערשטער מפּלה איז געקומען די צווייטע: דאָס איז געווען דאַן, ווען סאַנטשעז איז געשטאַנען און מיט קרייד געצייכנט אַן אייזן-בלעך פאַר אַ שיף. דער דייטש — זיין געהילף — לעבן אים. מיט־אַמאָל רופט זיך דער לעצטער אָן:

— איר צייכנט נישט גוט, מען דאַרף אַנדערש.

אַן אַנדערער וואָלט זיך אפשר געווען אויפגערעגט און דעם געהילף אָפּגעזידלט. סאַנטשעז אָבער האָט נישט אַזוי געטון. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעקוקט דעם יעקע, וועלכער האָט אויף אים אויסגעשטעלט אַ פּאָר וואַסערדיקע מאַפּסעוואַטע אויגן. דערנאָך האָט ער אים מיט זיין געוויינלעכער פלעגמאַטישקייט דערלאַנגט דאָס שטיקל קרייד און בנעימותדיק געזאָגט:

— איר קענט בעסער? — נאַט, צייכנט איר!

דאָס „וורשטל" האָט זיך פאַרלאָרן און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. סאַנטשעז האָט מיט דער זעלבער רויִקייט און ערנסטקייט וואָס פריִער זיך גענומען ווייטער צייכנען.

סאַנטשעז האָט גוט געקענט דעם דאָזיקן טיפּ, כאָטש ער האָט אים דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן געזען. צי איז דאָס דען נישט געווען אַ טרייע קאָפּיע פון די זעלבע דייטשן, וועלכע ער האָט אַזוי גוט געקענט פון זיין געבורטס־פּראָווינץ ענטרע ריאָס? סאַנטשעז האָט נישט געפילט קיין שנאה צו זיי; פונקט פאַרקערט — ער האָט זיי געקענט אַלס זייער אַרבעטסזאַמע און פּינקטלעכע מענטשן; ער האָט געוווּסט, אַז זיי זענען גוטע פּויערים און בעל־מלאכות. אָבער עפּעס האָבן זיי אין זיך געהאַט אַזעלכעס, וואָס האָט זיי געמאַכט אָפּשטויסנדיק אין זיינע אויגן. ער האָט פיינט געהאַט אין זיי די דאָזיקע שטייפקייט זייערע און דאָס גדלנות; יאָ, סאַנטשעז האָט בפירוש געזען, אַז זיי זענען גדלנים און אַז זיי האָבן עס ביי יעדער געלעגנהייט אַרויסגעוויזן לגבי אַלעמען. זיי האָבן זיך געהאַלטן אַלס די אויבערשטע פונעם שטייסל און כסדר באַטראַכט די געבירטיקע פון זיין פּראָווינץ ווי נידעריקע ברואים. ווי אַן עכטער קריאָל, מיט דער נאַטירלעכער פשטות זיינער, האָט בעניטאָ סאַנטשעז פיינט געהאַט אין די דאָזיקע בלאָנדע אויסלענדער זייער גדלנות; ער פלעגט זיי אויסמיידן ווי ווייט ער האָט געקענט.

און אָט שטייען זיי פאַר אים די דאָזיקע גדלנים, אין דער געשטאַלט פון זיין נייעם געהילף — אַ מאָדנע צופאַל. דאָס וואָס ער האָט שוין כמעט געהאַט פאַרגעסן איז אים צוריק געקומען פאַר די אויגן.

אָבער דאָס וואָס האָט ווייטער פּאַסירט — אויף דעם האָט זיך סאַנטשעז נישט געריכט. דאָס „וורשטל" האָט גענומען אַרויסלייגן פאַר די

אַרבעטער עפּעס אַזעלכע ווערטער, וואָס זענען אַפילו פאַר אים געווען אומפאַרשטענדלעך: עפּעס רעדט ער וועגן די ייִדן, „וואָס האָבן פאַרכאַפּט די גאַנצע וועלט“ און אַז אויך אַרגענטינע „האַלטן זיי ביי זיך אין דער פויסט“. ער דערציילט, דער דאָזיקער דייטש, עפּעס אַזעלכע מאָדנע זאַכן, וועלכע זענען פאַר די אַרבעטער פונעם טאַזשער פרעמד און אומפאַרשטענדלעך און ער חזרט זיי איבער מיט אַ פאַרביסענער צודרינגלעכקייט טאָג-טעגלעך אין די געשפּרעכן מיט יעדן איינעם, צי מען רעדט יאָ צי מען רעדט נישט וועגן דעם.

סאַנטשעז הערט זיך אויפמערקזאַם צו און דער גאַנצער ענין קלינגט עפּעס אַזוי מאָדנע און דאָך אַזוי היימיש: ווידעראַמאָל דערזעט ער פאַר זיך אַ קאַפּיע פון די „בלאָנדע אויסלענדער“ פון זיין געבורט-פּראָווינץ. ער הערט זיך צו צו דעם דייטשס ווערטער וועלכע קלינגען ווי די רייד פון אַן אויטאָמאַט, וועלכן עמיצער האָט אָנגעדרייט. מיט זיין געוויינלעך סאַרקאַסטיש שמייכעלע ביי די מויל-ווינקלען הערט ער אויס; אָפּאָנירט נישט. ער וואַרט אויף אַ מאָמענט ווען זיי ענטפּער וועט טרעפן אין ציל אַריין; סאַנטשעז האָט פיינט אויסצושיסן זיין פולווער אומזיסט. יענער מאָמענט איז ענדלעך געקומען.

אין אַ נאָכמיטיק, ווען די אַרבעטער זענען געזעסן אויסגעזעצט אין אַ קרייז און געמיטלעך געשמועסט, פאַלט דער יעקע מיטאַמאָל אַריין מיט זיין טאָג-טעגלעכער נודיעכץ. מען רעדט וועגן דער ירידה אויף תבואה-פּרייזן, ווען דער דייטש רופט זיך פּלוצים אָן:

— ווער מיינט איר איז אין דעם שולדיק? די ייִדן! אַלע גרויסע תבואה-קאָנצערנען אין אַרגענטינע זענען ייִדישע; זיי באַרויבן דעם אַרגענטינער פּויער; זיי דיקטירן די פּרייזן אויף תבואה פּונקט ווי זיי האַלטן די גאַנצע וועלט אין זייער פויסט.

סאַנטשעז הערט אויס יענעמס טענות און רופט זיך אָן אַזוי, כלאחר יד, אין דער וועלט אַריין:

— און די ייִדישע פּויערים אין אַרגענטינע, זיי באַקומען פון די זעלבע תבואה-קאָנצערנען העכערע פּרייזן פאַר זייער תבואה?

— דאָ אין אַרגענטינע איז נישטאָ קיין איין ייִדישער פּויער — באַקט דער יעקע אָפּ אַ ליגן אויפן אָרט.

— ווער האָט עס אײַך געזאָגט? — ווענדעט זיך בעניטאָ סאַנטשעז דירעקט צו זיין געהילף מיט אַ פראַגע.

— אַז איך זאָג, מסתמא ווייס איך — ענטפערט יענער מיט חוצפּה.

— איר זענט אַ ליגנער און אַ פּאַרלוימדער! — האָט זיך סאַנטשעז נישט ווי זיין שטייגער איז געווען, אַנגעצונדן — איך פּערזענלעך בין באַקאַנט מיט הונדערטער יידישע פּויערים, וועלכע אַרבעטן שווער און ביטער אויף די פעלדער פון אַרגענטינע, און בין אויך באַקאַנט פּערזענ־לעך מיט הונדערטער אַזעלכע טיפּשים ווי איר, וועלכע מיינען, אַז זיי זענען אויסדערוויילטע ווענזנס.

די אַרבעטער האָבן זיך איבערגעקוקט און נישט פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. דאָס וואָס דער דייטש האָט זיי דערציילט איז פאַר זיי געווען פרעמד, און דאָס וואָס סאַנטשעז האָט נאָר וואָס אַרויסגע־פּראַלט, אַ צעהיצטער און אויפגערעגטער, איז פאַר זיי אויך געווען אומבאַקאַנט. אָבער זיי האָבן אינסטינקטיוו גיכער געגלויבט סאַנטשעזן, וועלכן זיי האָבן שטענדיק געגלויבט.

דער דייטש איז געבליבן זיצן אַ פאַרשטומטער און מען האָט געפילט ווי דאָס בלוט זידט אין אים. סאַנטשעז האָט צוריק אַרויפגעצויגן זיין פלעגמאַטישע מינע, און ווי זיין שטייגער, גענומען צייכענען מיטן פינ־גער אין שטויב. די אַרבעטער האָבן איבערגעריסן זייער געשפּרעך און די אַטמאָספער, וועלכע איז פריִער געווען אַ געמיטלעכע און לייכטע, איז מיטאַמאָל געוואָרן שווער און האַמעטנע. דער פייף פון דער טאַזשער־סירענע האָט אַ סוף געמאַכט צו דעם.

אויפן צווייטן טאָג איז דער דייטש נישט געקומען מער צו דער אַרבעט.

נאָך דער פֿאַרפֿלייצונג

פֿיניע בוימוואָל איז געשטאַנען אויף דער טיר פֿון זײַן געשעפֿט און מיט אַ פּאָר שטאַרע אויגן אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס.

עס איז געווען אַ טאָג נאָך דער פֿאַרפֿלייצונג. דער ריִאַטשועלאָ האָט זיך שוין געהאַט צוריקגעצויגן אין זײַן געלעגער אַרײַן, און הגם אַן אויסגעוואָקסענער נאָך, האָט עס בשום אופֿן נישט געמאַכט דעם אײַנדרוק, אַז נעכטן ערשט זענען די וואַסערן זײַנע געווען אויסגעגאָסן איבער אָט דער גאַס, ווו מענטשן זענען אומגעשווומען מיט שיפֿלעך און די הײַזער און געשעפֿטן זענען ביז האַלב געשטאַנען אין וואַסער.

פֿיניע בוימוואָל האָט עס אָבער זייער גוט געדענקט און כאָטש דאָס נעכטיקע בילד איז געווען אַ סך מוראדיקער ווי דאָס וואָס ער האָט איצט געהאַט פֿאַר זײַנע אויגן, האָט אים דאָס לעצטע אויסגעזען אַ סך טראַגישער.

די גאַס, די הײַזער, די מענטשן און אַלץ, האָט איצט געמאַכט דעם אײַנדרוק פֿון אַ צעיאַטערטער וווּנד, פֿון וועלכער מען האָט אַראָפּגענומען דעם באַנדאַזש; די מענטשן, וועלכע האָבן געליטן פֿון דער פֿאַרפֿלייצונג, האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעניכטערט פֿון דער נעכטיקער שרעק און שטוינונג, און האָבן אַלע אַן אויסבאַם אויסגעזען ווי פֿאַרשעמטע און באַליידיקטע. עס האָט אויף פֿיניע בוימוואָל געמאַכט דעם אײַנדרוק אַז אַלע, סײַ די געליטענע און סײַ די וואָס זענען אַהערגעקומען אָנקוקן דאָס בייזוווּנדער, פֿרעגן זיך: ס'טייטש! אונדז זאָל אַזעלכעס האָבן פּאַסירט? מיר, וועלכע פֿילן זיך אַזוי זיכער און האָבן פֿאַר גאָרנישט קיין מורא; מיר וואָס האָבן אויסגעבויט אָט יענע ריזן בריק, אַ מײַסטער־ווערק פֿון

דער מאָדערנער טעכניק; מיר וואָס באַהערשן מיט אַ קוועטש אויף אַן עלעקטריש קנעפּל אַלץ; מיר וואָס זיצן ביי זיך אין שלאָפֿצימער און הערן דורך ראַדיאָ אַ רעדע פֿון מאָסקווע, טאָקיאָ, בערלין, לאָנדאָן און פּאַריז; מיר וואָס פֿליִען ווי די אָדלערס אין די הימלען און שווימען אונטערן וואַסער ווי דער מעכטיקסטער לויתן — מיר זאָלן זיך נישט קענען העלפֿן קעגן אָט דעם נישטיקן קאַנאַל, וועלכער מאַכט בסך־הכל דעם איינדרוק פֿון אַ ריזיקן רינשטאָק מיט זיינע שמוציקע און פֿאַר־פּעטסטע וואַסערן...!

אַזוי האָט זיך פּיניע בוימוואָלן אויסגעוויזן, אַז עס טראַכטן אַלע, אַלע, וועלכע שאַרן איצט פֿאַרשעמטע אַרויס דאָס וואַסער פֿון זייערע הייזער און געשעפֿטן און אַלע וועלכע באַטראַכטן מיט שטוינענד־צע־עפֿנטע אויגן דעם חורבן, וואָס דאָס וואַסער האָט דאָ אָנגעמאַכט. אָבער אין דער אמתן האָט נאָר ער אַליין געטראַכט דערפֿון. און וועגן וואָס דען עפּעס אַנדערש האָט מען איצט געקענט טראַכטן; אַלץ האָט דאָך אויסגעזען ווי אַ גרויסער, טראַגישער פֿראַגע־צייכן.

פּיניע בוימוואָל איז רויִנירט געוואָרן פֿון דער פֿאַרפֿלייצונג. זי האָט אין איין אויגנבליק אַ תל געמאַכט פֿון אַלע זיינע האָפֿענונגען וועגן אַ לעבן במנוחה. עס איז שוין נישט צום ערשטן מאָל, אַז ער זעט ווי בייזע כוחות מישן זיך אַריין און מאַכן אַ תל פֿון זיינע שטרעבונגען און פּלענער. עס האָט דען אַ שיעור אַלץ אויפּצומישן. עדי! געווען זענען האָפֿענונגען און דאָס לעבן, די מענטשן, די אומשטענדן און די ווירק־לעכקייט האָבן פֿון זיי אַ תל געמאַכט. שוין דער פֿאַקט אַליין, וואָס פּיניע בוימוואָל האָט דאָס דאָזיקע קליינע גאַלאַנטעריי-קלייטל אין דעם נידע־ריקן שטאָט־פֿערטל געדאַרפֿט רעכענען פֿאַר זיינער אַ דערגרייכונג, איז געווען גענוג טרויעריק. און איצט איז שוין פֿון דעם אויך געוואָרן אַ באַרג מיסט. עס איז גאָרנישט צו מאַכן: דאָס לעבן שטעקט אים כסדר אַרויס אַ צונג.

געווען זענען צייטן ווען פּיניע בוימוואָל האָט זיך מיטן גורל גע־שפּילט ווי אַ קינד מיט אַ פּילקע. ער האָט דעם גאַנצן ענין גורל, מזל, הצלחה איבערהויפּט נישט גענומען ערנסט; דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען ער האָט אין פּוילן אַמאָל געקרעכט צו ווערן אַן אַדוואָקאַט.

געווען איז ער דאַן יונג און די וועלט האָט זיך פאַר זיינע אויגן אויסגע־שפּרייט ווי אַ געגרייטער טיש מיט כל־טוב. מען דאַרף נאָר וויסן וואָס צו נעמען; און אַז ער האָט אויסגעקליבן דאָס בעסטע — אין דעם איז ביי אים נישט געווען קיין שום צווייפל. אָבער צי ער ווייסט יאָ אָדער נישט פאַראוואָס, קיין אַדוואָקאַט איז ער אין פוילן נישט געוואָרן. ער איז גאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָמיוואָיאַזשאָר פון אַ גרויס יידיש־דייטש וואַרן־הויז און אונטערגעשריבן האָט ער זיך דאַן נישט „פּיניע בוימוואָל״, ווי ער האָט פיגורירט אין זיין פוילישן פּאַס, נאָר „פּריץ באַומוואָל״. היינט זעט אים דער גאַנצער ענין אויס קאָמיש, אָבער אין דייטשלאַנד, אין דער וויימאַר־דייטשלאַנד, האָט די דאָזיקע קליינע ענדע־רונג געשפּילט אַ ראָלע.

***

פּיניע בוימוואָל האָט דורכגעמאַכט דאָ אין אַרגענטינע שווערע צייטן. אַהער איז ער מער נישט געקומען מיט קיין אילוזיעס. דאָס וואָס האָט אים פאַרטריבן פון דייטשלאַנד, האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אין דער צייט ווען מעכטיקע אָדלערס זענען אַראָפּגעפאַלן אונטערגע־שאָסענע, דאַרפן זיך די פּשוטע פייגל האַלטן וואָס נידעריקער און נישט שטרעבן אין די הימלען אַריין.

אַזוי האָט ער טאַקע געטון: ער האָט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז דאָ, אין אַרגענטינע, דאַרף מען צוערשט „טאָפּן אַ וואַנט״, ווי מען זאָגט אויפן היפּן פּליין־יידיש. און ווען פּיניע האָט אויפגעעפנט דאָס גאַלאַנ־טעריי־קלייטל אין דער אַרבעטער געגנט, האָט ער עס געהאַלטן פאַר אַ דערגרייכונג. עס איז, מאַלט אייך, „פּאַלג מיך אַ גאַנג״ פון שטרעבן צו זיין אַן אַדוואָקאַט ביז צו אַזאַ „דערגרייכונג״, אָבער — פאַרפאַלן. אַזוי איז דאָס.

און איצט זעט וואָס פון דעם איז געוואָרן: אַ באַרג צעווייקטע שמאַ־טעס און מיסט; און פון דעם דאָזיקן באַרג מיסט האָט ער גערעכנט צו לאָזן שטודירן זיינע קינדער. צו לעבן מיט לייטן גלייך. די האָפענונג צו שטייגן דורכן גרויסן לייטער איז צו נישט געוואָרן, האָט ער גערעכנט אַז מיט אַ קליין לייטערל, און דאָס דאָזיקע קליינע לייטערל ליגט איצט פאַר זיינע אויגן אַ צעשמעטערטס...

**
*

אויף דער גאַס איז פונדעסטוועגן געווען אַ געמיטלעכע שטימונג,
עפּעס פון יענער שטימונג וואָס מענטשן באַמיִען זיך צו שאַפן נאָך אַ
לוויה. מענטשן, גוט אָנגעטוענע, זאַטע און נייגעריקע נאָך שטאַרקע אי־
בערלעבענישן, האָבן ממש אינוואַדירט די גאַס, וועלכע איז איצט געווען
איין גרויסער מיסט־הויפן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדער שוי־
פענצטער פון די געשעפטן און געגאַפט אויף דעם וואָס דאָס וואַסער קען
אַלץ אָנמאַכן. לעבן דער טיר פון אַ קאָנפיטעריע זענען געשטאַנען עט־
לעכע זאָרגלאָזע יונגען און זיך פריילעך געמאַכט אויפן חשבון פון צו־
קערקעס, וועלכע האָבן אומגעשווומען אין די סלאָיעס, וואָס האָבן נאָך
אין זיך געהאַט די שיריים פון דער נעכטיקער פאַרפלייצונג. ביי די טירן
פון די געשעפטן און הייזער האָבן מענער, פרויען און קינדער אַרויס־
געשאַרט דאָס וואַסער מיט וואָס עס האָט זיך געמאַכט. קינדער מיט די
באָרוועסע פיס און פאַרקאַשערטע הייזלעך האָבן ווי די עופות זיך גע־
ראָיעט צווישן די צעווייקטע שאַכטלען און פאַפּירן און מיט גרויס שמחה
אַלעמאָל אויסגערופן דעם נאָמען פון אַ זאַך, וואָס זיי האָבן דאָרטן געפו־
נען. אַן איטאַליענער, מיט אַ פּיפּקע אין מויל, איז געשטאַנען און פילאָ־
זאָפיש באַטראַכט צעווייקטע פעקלעך מיט פאַפּיראָסן, וועלכע זענען געליגן
אין גאַנצע הויפנס פאַר אַ טאַבאַק־געשעפט. אַן אָרעמע פרוי מיט
צוויי האַלב־נאַקעטע קינדער האָבן פון צווישן דעם מיסט געצויגן שיך־
בענדלעך און זיך געפרייט מיט דער מציאה ווי מיט אַן אוצר, כאָטש
קיינער האָט פון זיי קיין שיך נישט געטראָגן.ביים ברעג פון ריִאַטשועלאָ
זענען מענטשן געשטאַנען און זיך צוגעקוקט ווי שיפער האָבן אויף די
שיפלעך אָנגעלאָדן די העלצער, וואָס דאָס וואַסער האָט מיט זיך מיט־
געשלעפּט. אויפן טייך זענען אומגעשווומען קעסטלעך, צעווייקטע קרענץ
באַנאַנעס, שאַכטלען און שטעקנס פון אַלטע בעזעמער. פון דער נאָענטער
לעדער־פאַבריק האָט זיך געטראָגן אַ געדיכטער געשטאַנק, וועלכער האָט
ביי אַלעמען פאַרשלאָגן דעם אָטעם.

**
*

פיניע בוימוואָל האָט זיך צו דעם דאָזיקן בילד צוגעקוקט אַן אַנ־
טוישטער און פול מיט רעזיגנאַציע. אַז מענטשן זענען שלעכט האָט ער

שוין פון לאַנג געוווסט, און זיינע איבערלעבענישן צווישן זיי האָבן אים געלערנט נישט צו דערוואַרטן מער קיין גוטס פון זיי. די ידיעות וועגן מענטשלעכער רשעות, וועלכע ער האָט אַלע טאָג געלייענט אין די צײַטונגען, האָבן אויף אים מער נישט געווירקט, ווייל ער האָט זיך אויף קיין בעסערן נישט געריכט. אָבער די נאַטור, די מאַמע־נאַטור — אויף אַזוי פיל רשעות פון איר זייט האָט ער זיך נישט געריכט; אַז דער טייך, דער דאָזיקער טייך, אַרום וועלכן מענטשן האָבן זיך באַזעצט, ווי די קליינע הינטעלעך אַרום די ברוסטן פון אַ צויג, אויף צו ציִען פון אים זייער פרנסה, זייער ברויט, אַז ער זאָל אויף אַזאַ פאַרעטערישן אופן באַפאַלן די וואָס האָבן אַזוי בלינד געגלויבט אין זיין מילדקייט, אין זיין שפע — דאָס האָט ער זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלן. ער קלינגט טאָקע מאָדנע, אָבער פיניע בוימוואָל האָט פון די מענטשן נישט דערוואַרט מער אַזוי פיל גוטסקייט און טרייהייט ווי פון דער נאַטור... דערפאַר זיין דערשלאָגנקייט, דערפאַר זיין אַנטוישונג.

— נאָ, טרינק אַ מאַטע — שלאָגט אים דאָס ווייב איבער די געדאַנקען — מיטן נעמען זיך צום האַרצן וועט מען גאָרנישט מאַכן; עס איז אַ גאָט־זאַך.

— אַ שלעכטע גאָט זאַך — גיט פיניע אַ ברום און ציט די זיסלעכביטערע פליסיקייט פונעם רערל.

— עס האָט דאָך נאָך מענטשן געטראָפן — פרוווט דאָס ווייב גרינגער מאַכן זיין געמיט.

— אַז ווי איז צום געטראָפענעם — וואַרפט פיניע צו און גיט אַ שטאַרקן צי פונעם רערל.

די פרוי גיט אַ הויב מיט די אַקסלען און טראָגט זיך אָפּ.

— אַ פרוי... אַ גאָט-זאַך, זאָגט זי... גאָט, גאָט... צום טייוול... כאַפּט עס דער גוטער יאָר... איך האָב שוין אויך אַמאָל געפרוווט גלויבן — ברומט פיניע בוימוואָל אין זיך אַריין.

***

דאַכט זיך, אַז קיין שום זאַך קען פיניע בוימוואָל נישט ברענגען צו זיך. עס איז דאָ נישט קיין פראַגע פון האָבן צו עמיצן טענות. עס איז אַן

ענין וואָס קיינער קאָן דיר אים נישט פאַרענטפערן. עס ווייזט זיך אים אויס, אַז אַלע וואָס האָבן געליטן פון דער פאַרפלייצונג גייען אום ווי ברוגז. דער איינציקער וואָס איז שנעל געקומען צו זיך איז דער שכן זיינער, דער איטאַליענער, דאָן זשינאָ, וועלכער האַלט אַ געשעפט פון „פּיצאַ“ אַ טיר לעבן אַ טיר מיט זיין געשעפט. דווקא דאָן זשינאָ, וועלכער האָט זיך מער פון אַלעמען געהיצט ווען דאָס וואַסער האָט גענומען שטייגן, און זיך געזידלט, גלייך ווי עמיצער וואָלט אים דאָ שולדיק געווען, דווקא ער שטייט איצט אויף דער טיר פון זיין געשעפט, און דאַכט זיך, אַז אַ שמייכעלע פון צופרידנקייט ליגט אים אונטער די פאַרדרייטע וואָנצעס. און וואָס ער האָט נעכטן נישט דעראַרבעט, דאָן זשינאָ! מען האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער זוכט אַרום דעם שולדיקן אין דער פאַרפלייצונג און ווען ער כאַפּט אים, וואָלט ער אים אויסגעפּאַטשט. אָבי העלפן האָט מען זיך פאָרט נישט געקענט. דאָס וואַסער האָט געשטיגן און געשטיגן ביז די בעקעלעך האָבן אָנגעהויבן אומצושווימען, דאָס פייער אין אויוון איז אויסגעלאָשן געוואָרן און די „פּיצער:ע“ פון דאָן זשינאַ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טייך.

איצט שטייט ער אויף דער טיר און שמייכלט, ווי גלייך עס האָט גאָרנישט פּאַסירט. דאָס פייער אין אויוון פלאַמט ווידער און דער עולם (אַ גרויסער עולם וואָס איז געקומען אָנקוקן דאָס בייז־ווונדער פון דער פאַרטרינקעניש) פּאָסמאַקעוועט זיך מיט דער הייסער „פּיצע“ און פאַרטרינקט מיט ווין פונעם פעסעלע, וועלכעס שטייט אויף אַ פיין־געשניצט געשטעלעכל, צו וועלכן דאָס וואַסער האָט נישט דערגרייכט.

ער שטייט, דאָן זשינאָ, פּונקט ווי פּיניע בוימוואָל, און קוקט ווי קעגנ:בער פּאָמפּעט מען אויס מיט אַ מעכאַנישער פּאָמפּע דאָס וואַסער פון אַ קעלער און דאָס שמייכעלע טוט זיך נישט אָפּ פון זיין פּנים. פּיניע קוקט אויך אויפן שטראָם פון דער קישקע און ער זעט ביי אים אויס ווי אַ העפטיקער שטראָם פון בלוט, וועלכער פליסט פון אַן אומגעזעענעם בעל־חי, וועלכן מען האָט ערגעץ אונטן, אין קעלער, געשאָכטן. דער גערויש פונעם נאַפט־מאָטאָר, וועלכער באַוועגט די פּאָמפּע, טראָגט זיך אימהדיק, ווי דער גערויש פון אַ באָמבאַרדיר־אַוויאָן איבער אַן אומבאַשיצטער שטאָט...

דאָן זשינאַ, וועלכער האָט מיט פּיניען נישט אויסגערעדט קיין איין וואָרט זינט די פאַרפּלייצונג איז פאָרגעקומען, רופט זיך מיטאַמאָל אָן:

— אַ סך שאָדן האָט אָנגעמאַכט די פאַרפּלייצונג.

— יאָ; אַ סך שאָדן — ענטפערט פון יוצא וועגן פּיניע.

— ביי אייך?

— גאַנץ נישקשה — ענטפערט פּיניע און ווענדעט זיין בליק צום הויפן שאַכטלען, וועלכע ליגן אָנגעוואָרפן אויפן ראַנד פון דער גאַס.

עס פאַרדריסט פּיניען וואָס זיין שכן פרעגט אים וועגן אַ זאַך וועלכע ער האָט געזען פון אָנהויב אָן. פון העפלעכקייט וועגן פרעגט ער דאָן זשינאָן:

— און ביי אייך?

— כמעט ווי גאָרנישט; אַ סך אַרבעט געווען אויף אויסצורייניקן דאָס וואַסער.

מיט דעם פאַרענדיקט זיך דער שמועס צווישן די צוויי נאָענטסטע שכנים, וועלכע האָבן געליטן פון דער פאַרפּלייצונג. וואָס נאָך איז דאָ פאַראַן וואָס צו רעדן. יעדער איינער ווייסט וואָס ביי זיך טוט זיך. די צייטונגען האָבן געשריבן און וועלן שרייבן, מען האָט פאָטאָגראַפירט ווי מענטשן זענען דאָ אומגעשווומען מיט שיפלעך, מען האָט באַשריבן מיט אַלע פּיטשעווקעס די דראַמאַטישע טראַגעדיע. מענטשן האָבן געלייענט און געזען די שרעקלעכע בילדער. אָבער צי האָט דען עמיצער געפּרוווט אַריינקוקן צו פּיניע בוימוואָל אין האַרצן? וואָס זאָלן שוין זאָגן ווייטע און פרעמדע, אז זיין נאָענטסטער שכן ווייסט אַזוי ווייניק וואָס ביי אים טוט זיך. עס איז געווען אַ פאַרפּלייצונג און פּונקט ווי אויף דער גאַס, האָט זי ביי פּיניע בוימוואָלן אין האַרצן געלאָזט אַ וויסטע און קויטיקע קלעפּיקייט, וועלכע מען קען דאַכט זיך מיט גאָרנישט אויסרייניקן...

עס ווערט נאַכט. אָן אַנדערש מאָל וואָלט פּיניע בוימוואָל אין דער צייט אָנגעצונדן דאָס ליכט אין די שוי־פענצטער פון זיין געשעפט; ער וואָלט פאַכמעניש אַלץ באַטראַכט און וואָלט זיך איבערגעלייגט וואָס מען דאַרף און וואָס מען דאַרף נישט ענדערן. דאָס מאָל גיט ער אַ טיפן זיפץ, ער נעמט די אייזערנע שטאַנג און שלעפּט אַראָפּ די שטאָרן. ער

טוט עס מיט אַ באַזונדער העפטיקייט, און דאָס ווידער־קול פאַרטויבט אויף אַ מאָמענט דאָס רוישן פונעם מאָטאָר, מיט וועלכן מען פּאָמפּעט קעגנאיבער דאָס וואַסער פונעם קעלער.

— פאַר היינט וועט זיין גענוג געהאַנדלט — זאָגט פיניע צו זיך אַליין און פאַרשליסט די קלייט.

דאָן זשינאָ, וועלכער שטייט נאָך אַלץ אויף דער טיר, באַמערקט דאָס צו פרי פאַרמאַכן פון זיין שכנס קלייט, אָבער ער פרעגט אים גאָרנישט. ער פילט אַז מען טאָר נישט פרעגן. דאָס גערויש פונעם וואַסער פון דער דיקער קישקע, וואָס גיסט זיך קעגנאיבער אויף דער גאַס און די אָנגעהויפנטע שאַכטלען אויפן ברוק, דערציילן שוין אַלץ.

דער זילבערנער לעפל

צוזאַמען מיטן בריוו, וואָס דער הער מאָוריסיאָ בלעכמאַן האָט באַ־קומען דורך זיינעם אַ לאַנדסמאַן פון די עלטערן אין פוילן, האָט ער אויך באַקומען צוגעשיקט אַ מתנה, וואָס האָט ביי אים אַרויסגערופן זכרו־נות פון צוריק מיט יאָרן.

געזעסן איז דאַן דער סעניאָר בלעכמאַן, אָדער בלעטשמאַן, ווי עס פלעגן אים רופן זיינע נישט יידישע באַקאַנטע, ביי זיך אין קליידער־געשעפט און געלייענט אַ יידישע צייטונג, ווען מיט אַמאָל איז אַריינגע־קומען אַ יונגערמאַן, לויטן אויסזען און הלבשה, אַ גרינער, און זיך גענו־מען פרעגן אויפן הער משה בלעכמאַן.

די אָנגעשטעלטע האָבן דעם גרינעם גענומען אויפן צימבל און אים דערקלערט, אַז אַ בלעכמאַן קענען זיי יאָ, אָבער נישט קיין משה, נאָר אַ מאָוריסיאָ. האָט זיך יענער נישט געלאָזט שפייען אין דער קאַשע און זיי געענטפערט, אַז ער זוכט נישט קיין מאָוריסיאָ, נאָר אַ משה זוכט ער, און עס האָט שוין געהאַלטן אַז ער זאָל אינגאַנצן אַוועקגיין, אָבער דער ה׳ בלעכמאַן, וואָס האָט דערהערט דעם היימישלעכן שמועס צווישן זיינע אָנגעשטעלטע מיט דעם פרעמדן יונגמאַן, האָט די צייטונג אַוועק־געלייגט און איז צוגעקומען; ער האָט דעם פרעמדן, אויפן אויסזען גרינעם בחור אַ באַקוק געטון פון אויבן ביז אַראָפּ און אים אַ פרעג געטון דווקא אויף שפּאַניש:

— קע דעסעאַבאַ?

— ער פאַרשטייט נישט קיין שפּאַניש — האָט איינער פון די אָנגע־שטעלטע אַרויסגעפירט פון טעות דעם באַלעבאָס.

דער פרעמדער איז דעם אָנגעשטעלטן אַריינגעפאַלן אין די רייד.

— איך האָב פאַר איך אַ בריוו פון אייערע עלטערן — האָט ער זיך צום ה׳ בלעכמאַן געווענדט אין אַ מוזיקאַלישן פוילישן יידיש, אין וועלכן עס איז נאָך געלעגן די גאַנצע זאַפט פונעם פויליש־יידיש שטעטל.

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז דער בריוו איז פאַר מיר? — האָט סעניאָר בלעכמאַן אַ פרעג געטון, שוין אויף יידיש, דעם פרעמדן, אין וועמענס שטעלונג עס איז געלעגן סיי געפאַלנקייט, סיי האָפערדיקייט.

— ווייל איר זענט ווי איין טראָפּן וואַסער געראָטן אין אייער מאַמען — האָט אים יענער אויף אַ פשוטן אופן געגעבן צו פאַרשטיין.

דערהערט, אַז פאַר אים שטייט אַ מענטש וואָס קען זיין מאַמען, האָט דעם ה׳ בלעכמאַן עפּעס ווי אַ וואַרעמקייט דורכגענומען. עס איז דאָך נישט שייך צו זאָגן, אַז ער זאָל געווען זיין אַזאַ סענטימענטאַלער, דער סעניאָר בלעכמאַן (אויף דעם קענען עדות זאָגן די, וואָס האַנדלען מיט אים), אָבער דאָס דערמאָנען אים זיין מאַמען, האָט אים מיט אַמאָל אַ פאַר־פלייץ געטון מיט אַ שטראָם זכרונות פון אַמאָל. ער האָט דעם פרעמדן אָנגענומען פאַרן אָרעם און איז מיט אים מעשה גוטער ברודער אַוועק אין זיין פריוואַטן קאַבינעט אַריין. די אָנגעשטעלטע זענען געבליבן דער־שטוינטע, ווייל אַזאַ צוגעלאָזנקייט צו אַ מענטשן מצד זייער באַלעבאָס זענען זיי געוווינט געווען צו זען נאָר דאַן, ווען דער מענטש האָט געהאַט אַ סחורה־באַשטעלונג אויף עטלעכע צענדליק טויזנט פעזעס, און דאָ איז ער דיר נתפּעל געוואָרן פון עפּעס אַ גרינעם, און קוק נאָר אָן ווי ער פירט עס אים אונטערן אָרעם. עפּעס גאָרנישט דער זעלבער סעניאָר בלעכמאַן. אייניקע אָנגעשטעלטע האָבן אַפילו געשמייכלט צו זיך. זיי האָבן משמעות נישט פאַרשטאַנען זייער באַלעבאָס.

אַפּנים, אַז דער ה׳ בלעכמאַן איז פונעם יונגמאַנס באַזוך געבליבן שטאַרק צופרידן, ווייל אין אַ האַלבער שעה אַרום איז ער מיט אים אַרויס פונעם קאַבינעט און זיין פּנים האָט געשיינט פאַר נחת. ער האָט דעם יונגמאַן אַרויסבאַגלייט ביז צו דער שוועל און די צופרידנקייט זיינע איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און דעם ערשטן אָנגעשטעלטן, וואָס ער האָט באַגעגנט, האָט ער מודיע געווען:

— מיינער אַ לאַנדסמאַן!

קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס דער לאַנדסמאַן האָט דעם ה׳ בלעכ־מאַן געבראַכט, וואָס ער איז יענעם טאָג אומגעגאַנגען אַזאַ אויפגעלייג־טער. דער איינציקער, וואָס האָט זיך יאָ דערוווּסט דערפון, איז געווען דער בוכהאַלטער פונעם געשעפט, מיט וועלכן דער סעניאָר בלעכמאַן האָט צייטנווייז ליב צו שמועסן וועגן וועלט־ענינים. ער איז אַ הי געבוירענער ייִדישער בחור, וואָס טענהט רק, אַז אים זאָל מען נישט קומען דערציילן קיין מעשיות, אַז אַלץ, וואָס דאָרטן, אין איראָפּע, הייסט עס, איז גוט און אַז דאָ איז אַלץ בלאָטע; אין דער הינזיכט וועט אים קיינער נישט איבערשפּאָרן און מעג עס אַפילו זיין דער סעניאָר בלעכמאַן אַליין, וועט ער זיך האַלטן ביי זיינעם.

איינמאָל, ווען זיי האָבן געפירט זייער אייביקן וויכוח, איז דער ה׳ בלעכמאַן אַזוי אויפגערעגט געוואָרן פון יענעמס עקשנות, אַז ער האָט אַזש פאַרלוירן דעם געוויינלעכן העפלעכקייטס־טאַקט און ביים צוגע־וואָרפן:

— וואָס וועט איר מיר דערציילן! די מענטשן דאָ זענען קיין מענטשן נישט, דאָס פלייש קיין פלייש נישט און אַפילו דאָס ברויט האָט נישט דעם זעלביקן טעם וואָס „דאָרטן״. ווען איר זאָלט אַמאָל געווען זיין דאָרטן... וואָס ווייסט איר און ווענען וועט איר דאָס דערציילן!

דער בוכהאַלטער איז פונעם ה׳ בלעכמאַנס עקזאַלטאַציע נישט שטאַרק איבערראַשט געוואָרן און אים געענטפערט קאַלט:

— די מענטשן דאָ דאַרף מען קענען; דאָס פלייש דאַרף מען גוט צעקייען, און דאָס היגע ברויט האָט איין חסרון... עס איז צו ווייס.

דער ה׳ בלעכמאַן האָט געגלויבט אין דעם, וואָס ער האָט געזאָגט; ער האָט אין דעם קיין מינוט נישט געצווייפלט. הפּנים, אַז די דריט־האַלבן צענדליק יאָר האָבן ביי אים נישט פאַרווישט יענץ ביטול־געפיל, וואָס ער האָט, ווי יעדער ניי־אָנגעקומענער, געפילט צום נייעם אָרום. די פינף און צוואַנציק יאָר אַרגענטינע האָבן דעם ה׳ בלעכמאַן ווייניקער איבערצייגט ווי די צוויי צענדליק יאָר, וועלכע ער האָט מיטגעבראַכט אַהער.

ווען דער גרינער איז אַוועק, איז דער ה׳ בלעכמאַן צוריק אַריין אין זיין פּריוואַטן קאַבינעט און דאָרט געבליבן לענגער ווי עס פלעגט געשען,

ווען ער האָט געהאַט צו דערליידיקן עפּעס זייער אַ וויכטיקן ענין. דערנאָך איז ער אַרויסגעקומען און אומגעגאַנגען איבערן געשעפט אַ פאַרטראַכטער ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס איבערגעלייגט. מען האָט בפירוש געזען, אַז ער וויל עפּעס יאָ און נישט טון, אַז ער שלאָגט זיך מיט דער דעה. ענדלעך האָט ער זיך אַנטשלאָסן: ער איז צוגעגאַנגען צום בוכהאַלטער און פאַר־פירט מיט אים אַ שמועס.

דער בוכהאַלטער, וואָס איז בשעת־מעשה געזעסן ביי דעם שרייבטיש אַ פאַרוואָרפענער מיט פאַפּירן און חשבונות, איז פון לכתחילה נישט גע־ווען שטאַרק גערן אין זיין באַלעבאָס איבערגעטריבענער באַרעדעוודיקייט, אָבער מיט אַמאָל האָט דער גאַנצער געשפּרעך אָנגענומען אַזאַ כאַראַקטער, וואָס האָט שוין דעם בוכהאַלטער אויך פאַראינטערעסירט. ער האָט דאָס הענטל־פען פאַרשטעקט הינטערן אויער, האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און גרייט געווען אויסצוהערן דעם ה׳ בלעכמאַן, אָבער צו זיין גרויסער פאַרוואונדערונג האָט דער באַלעבאָס זיינער אַרויסגענומען פון דער בוזים־קעשענע אַן אַלטן אָפּגעניצטן לעפל און זיך אָנגערופן:

— איר זעט: דאָס, סעניאָר מיאַ, איז זילבער. נאָט נעמט עס אין דער האַנט אַריין און באַטראַכט עס גוט.

דער בוכהאַלטער האָט גענומען דעם לעפל, אים געדרייט אויף אַלע זייטן, געפּרוווט בייגן אים, וועגן און שאַצן, און ענדלעך אומגעקערט דעם סעניאָר בלעכמאַן און זיך אָנגערופן:

— עס האָט אַמאָל געמוזט זיין אַ גאַנץ פיינער עקזעמפּליאַר... אויס־געאַרבעט מיט געשמאַק... אַמאָליקער געשמאַק, אָבער גאַנץ פיין! פיין! — האָט ער דעם באַלעבאָס זיינעם געוואָלט אָנטון פאַרגעניגן.

דער ה׳ בלעכמאַן איז געבליבן אומצופרידן. דאָס גאַנצע לויב־געזאַנג פונעם בוכהאַלטער האָט געקלונגען העפלעך, אָבער עפּעס אַזוי טרוקן; ער האָט בשום אופן נישט געפילט אין יענעמס ענטפער דאָס וואָס ער האָט דערוואַרט. עס איז דאָ נישט געגאַנגען אין דער פאָרעם פונעם לעפל, פאַרמען געפינט מען אפשר דאָ שענערע פון די, אים איז געגאַנגען אין דער קוואַליטעט.

— אָבער וואָס זאָגט איר נישט אויף דעם זילבער — האָט ה׳ בלעכ־מאַן גערופן די אויפמערקזאַמקייט פונעם אָנגעשטעלטן.

— אַ פיינע אַלפּאַקע — האָט זיך יענער אָנגערופן כּלאחר יד.

— וואָס, וואָס? — האָט זיך סעניאָר בלעכמאַן אָנגעצונדן — אַלפּאַ-קע? איר, סעניאָר מ.זאַ, ווייסט נישט וואָס איר רעדט; נאָט זעט: דאָ האָט איר די פּראָבע. פיר און אַכציק! איר פאַרשטייט וואָס מען רעדט מיט אייך? פיר און אַכציק! — דאָס בעסטע זילבער אויף דער וועלט — האָט ער זיגעריש אויסגערופן.

דער אָנגעשטעלטער האָט באַטראַכט די האַלב־אָפּגעריבענע ציפער אויפן אַלטן אָפּגעניצטן לעפל: אמת. עס איז דאָרטן געווען אַ „84", אָבער צי דאָס האָט עפּעס געהאַט צו טון מיט דער עכטקייט פונעם זילבערנעם לעפל, האָט ער בפירוש נישט געוווּסט.

— עס קען זיין אַז דאָס איז זילבער; מעגלעך אַז איך האָב געהאַט אַ טעות מיט מיין צו שנעלער אָפּשאַצונג — האָט ער זיך פאַרענטפערט.

— עס קען זיין? — האָט זיך דער ה' בלעכמאַן צעלאַכט אויפן קול — „דיסקולפּע פּאָר לאַ פּאַלאַבראַ סעניאָר מ.זאַ". איר ווייסט ווייניק וואָס אין אַזוינע זאַכן; אויף גוטע זאַכן זאָלט איר אָנפרעגן ביי אונדז אייראָפּעער. וואָס ווייסט מען דאָ פון אַזוינע זאַכן? אַז עס שטייט אויפן לעפל פיר און אַכציק, סעניאָר מ.זאַ, איז דאָס ריין זילבער. איר האָט פאַרשטאַנען וואָס מען רעדט צו אייך?

נאָך דער דאָזיקער לעקציע האָט זיך דער ה' בלעכמאַן אויפגעהויבן און מיט טריאומפאַלע טריט אַוועק צו זיך אין קאַבינעט אַריין. דאָרט אינעווייניק האָט ער נאָך אַמאָל אַרויסגענומען דעם לעפל און אים אַל־זייטיק גענומען באַטראַכטן מיט אַזאַ געפיל ווי מען באַטראַכט עפּעס אַ רעליקוויע וואָס דערציילט וועגן אַ דורותדיקן יחוס. עס פאַרשטייט זיך אַז ער האָט נישט געקענט צווייפלען אַז דער דאָזיקער לעפל איז פון זילבער, פון ריינעם עכטן זילבער. ווער וועט עס גיין צווייפלען אין דער עכטקייט פון דעם דאָזיקן זילבערנעם חפץ, ווען ער האָט אויף זיך די פּראָבע פיר און אַכציק? דער ה' בלעכמאַן דערמאָנט זיך בעת־מעשה ווי עס פלעגן לייכטן די אויגן פון זיין מוטער ווען זי האָט גערעדט פון די זילבערנע לעפל און לייכטער, פונעם זילבערנעם חנוכה־לעמפּל און פונעם הדסל, וואָס זענען געווען דער קענצייכן פון זייער שטוב איבערן גאַנצן שטעטל; ווי האָט עס דער ה' בלעכמאַן געקענט צווייפלען אין דער עכט־

קייט פון דעם וואָס איז פאַר זיין מאַמען געווען שיער נישט די מאַרקע פון זייער באַלעבאַטישקייט? און זיין מוטער האָט דאָך אין שטעטל געשמט פאַר אַן יידענע אַ מבינטע, און דאָ קומט צו גיין עפּעס אַ ייִנגל און וויל צונישט מאַכן דאָס גאַנצע גלויבן זיינס. עס איז ביים סעניאָר בלעכמאַן שוין איצט גאָר קיין ספק נישט געווען אַז דאָס מאָל איז דער בוכהאַלטער זיינער אַריינגעפאַלן, אַז דאָ וועט שוין אַפילו זיין שאַרף ציינגל אויך נישט העלפן.

מיט אַמאָל האָט ביים ה׳ בלעכמאַן אויפגעשיינט אַ געדאַנק אין מוח: אַ פּרווו טון מיט אַ ביסל שיידוואַסער; גיב נאָר אַ קוק ווי עס איז אים גאָר ביז איצט נישט איינגעפאַלן דאָס צו טון. ס׳הייסט אַז לויט אים דאַרף מען עס אינגאַנצן נישט טון, אָבער ער וועט עס יאָ טון, בכדי צו דער־וויזן דעם דאָזיקן שנעק, דעם בוכהאַלטער זיינעם, אַז נישט אַלץ ווייסט ער און אַז ער, סעניאָר בלעכמאַן, ווייסט אויך עפּעס; ווי געפעלט אייך עפּעס די העזה פון אַזאַ שנעק? — מען ווייזט אים די פּראָבע פיר און אַכציק און דאָס זאָגט אייך גאָר אַז „עס קען זיין״.

סעניאָר בלעכמאַן האָט צוגערופן דאָס שיק־ייִנגל פונעם געשעפט און אים געשיקט נאָך שיידוואַסער.

— דאָס שטאַרקסטע וואָס עס איז דאָ — האָט ער דעם ייִנגעלע אָנגעזאָגט.

גערעכנט צו מאַכן פּראָבע, האָט דער סעניאָר בלעכמאַן דווקא דעם בוכהאַלטער אין די אויגן און אים ווייזן, ווי מען זאָגט, „שוואַרץ אויף ווייס״, אַז ער האָט זיך דאָס מאָל טועה געווען, אָבער גראָד איז דער בוכהאַלטער אַוועק, ווען דאָס ייִנגל איז צוריקגעקומען מיטן שוועבל־זויער. דער ה׳ בלעכמאַן אָבער, האָט קיין געדולד נישט געהאַט צו וואַרטן, האָט ער פאַר אַ טשעקאַוועסט געמאַכט פאַר זיך אַ פּראָבע, און געטון האָט ער עס מיט אַזאַ געפיל, מיט וועלכן אַ מוטער טוט אַ קוש איר קינד, אין וועלכנס מעלות עמיצער האָט געפּרווט צווייפלען.

סעניאָר בלעכמאַן האָט פאַמעלעך אויפגעשטעקט דאָס פלעשעלע און איבערגעוואַרט ביז עס איז אַוועק דאָס רויכל וואָס דאָס שיידוואַסער האָט פון זיך אַרויסגעלאָזט, קומענדיק אין באַריר מיט דער לופט; דערנאָך האָט

ער איינגעטונקען דאָס פּענדזעלע און מיט אַ געהיימנישפולער מינע אַ שמיר געטון איבערן לעפל. דאָס שיידוואַסער האָט אַ כאַפּ געטון דעם זילבערנעם שיכט וואָס איז סאָליד געליגן איבערן מעטאַל. דער זילבערשיכט איז פאַרשוווּנדן געוואָרן און אויף דעם באַנעצטן פּלאַץ איז געוואָרן אַ טונקל גרויער, אַש־קאָלירטער פלעק. ווען דער ה׳ בלעכמאַן האָט אָפּגעווישט דעם פלעק איז דאָס פּלאַץ געבליבן געל — דער בוכהאַלטער איז געווען גערעכט.

דער ה״ בלעכמאַן איז געבליבן זיצן ווי געפּלעפט. עס איז אים דאָ נישט געגאַנגען אין דעם צי דער בוכהאַלטער איז יאָ אָדער נישט גערעכט, עס איז דאָ געגאַנגען אין אַ סך אַ וויכטיקערן ענין — עס האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן זיין אייגענעם גלויבן. הייסט עס אַז נישט אַלץ אויף וועלכן עס געפינט זיך די פּראָבע פיר און אַכציק — איז זילבער. און ער האָט עס אין דעם געגלויבט אומקאָנדיציאָנעל. און אפשר איז נישט נאָר מיטן לעפל אַזוי? אפשר איז מיט אַלעמען דאָס זעלבע? עס האָט זיך ביים ה׳ בלעכמאַן אַ וואַקל געטון דאָס גלויבן בנוגע אַ סך זאַכן. ער האָט מיט אַמאָל דערפילט אַז ער האָט אין משך פון אַ סך יאָרן געלעבט אין טעות און וואָס ערגער איז — ער האָט צופיל איבערגעשאַצט דעם אַמאָל און אונטערגעשאַצט דעם היינט. אַוודאי איז דער בוכהאַלטער גערעכט ווען ער זאָגט אַז מען דאַרף קענען דעם היגן מענטשן און מען דאַרף גוט צעקייען דאָס היגע פלייש, אַז מען זאָל דערפילן דעם ווערט זייערן. און ער האָט עס ביז איצט נישט געטון. ער האָט זיך נישט גענומען די מי עס צו וועלן פאַרשטיין. אפשר האָט עס געשטאַמט דערפון וואָס אַלץ וואָס „דאָרט“ האָט אים אויסגעזען צו זיין עכט און אַלץ וואָס דאָ — נאָכגעמאַכט. און אָט האָט אים אַ נאַרישער ביישפּיל געעפנט די אויגן, עס איז טאַקע נישט מער ווי אַ צופאַל, אָבער צי איז דאָס גלויבן אין דער עכטקייט פונעם זילבערנעם לעפל נישט געווען אַ טייל פון זיין אַלגעמיינעם דענקען? אַוודאי, יאָ; און אָט איז אים אַלץ קלאָר געוואָרן מיט אַ פּשוט ביסל שיידוואַסער. צי דאַרף ער איצט נישט באַנוצן קיין „שיידוואַסער“ בכדי צו רעווידירן אַ סך אַנדערע זאַכן? — האָט סעניאָר בלעכמאַן געטראַכט און די אויגן נישט אַראָפּגענומען פונעם פלעק אויפן לעפל — ער האָט דערפילט אַ מין פאַרלאַנג צוצוגיין צום בוכהאַלטער און זיך פאַר

אים מתוודה זיין אַז ער איז געווען אומגערעכט, תמיד איז ער געווען אומגערעכט.

אָבער סעניאָר בלעכמאַן האָט עס נישט געטון. ווען ער איז שפּעטער אַרויסגעקומען פון זיין קאַבינעט און פאַרבייגעגאַנגען דאָרט ווו דער בוכהאַלטער איז שוין געזעסן און געאַרבעט, האָט ער פון אַ זייט געוואָרפן אַ קוק אויף יענעם צי ער קוקט אים נישט נאָך. עס האָט זיך אים רק אויסגעוויזן, אַז יענער ווייסט שוין פונעם סוד וואָס דאָס שיידוואַסער האָט אים אַנטפּלעקט און ער קוקט אים נאָך מיט חוזק...

אָבער דער בוכהאַלטער האָט דעם ה׳ בלעכמאַן נישט נאָכגעקוקט. ער האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן אין ה׳ בלעכמאַנס זילבערנעם לעפל.

אויף נייע וועגן

(פראַגמענט פון אַ נאָוועלע)

איבער נאַכט איז נאָטע גראָ געוואָרן.

געליגן איז ער איצט אין שטעטלשן שפּיטאָל אַ פאַרבאַנדאַזשירטער און מיט אַ פּאָר צעגליטע אויגן באַטראַכט די זייניקע, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דאָס בעטל.

אין קאָפּ ביי אים האָט זיך איצט אַלץ מיטאַמאָל אויסגעמישט; אין די אויערן האָט אים אָפּגעהילכט דער ביקסן־שאָס און ווי אַ געשפּענסט האָט אים פאַרפאָלגט דאָס ווידער־קול פון דעם שטערבלעך־פאַרוווּנדעטן זיידלען, וואָס האָט זיך ראַשיק געקייקלט אין יאַר אַריין, ווען ער, נאָטע, איז געלעגן און פאַר די סאָלדאַטן זיך געמאַכט ווי צום טויט דערשאָסן.

עס האָט אים שרעקלעך געברענט אַ טרונק, און יעדעס מאָל ווען ער האָט געבעטן וואַסער, פלעגט זיך דאָס פּנים פון סאַראַן, וואָס האָט פון זיין בעטל נישט אָפּגעטראָטן, אַזוי פאַרקרימען און אויסדריקן אַזאַ צער, גלייך ער וואָלט איר ווייסעך־וואָס געטון פאַר אַן עוולה. אין דער אמתן האָט ער מער נישט פאַרלאַנגט ווי וואַסער — אַ טראָפּן כאָטש, צו באַנעצן פאַרחלשטע טרוקענע ליפּן.

און די זייט האָט געברענט נישט צום איבערטראָגן. עפּעס ווי מען וואָלט זי מיט הייסן בליי אָנגעגאָסן די זייט, אַזוי געברענט האָט זי און איז שווער געווען, כאָטש נעם וואַרף זי פון זיך אַראָפּ. ער האָט טאַקע כסדר געפּרווט אַראָפּשאַרן פון זיך די קאָלדרע, וועלכע איז אַלע מאָל צוריק געליגן אויף אים, פונקט ווי פריִער. ער האָט אין זיין פיבערן

נישט באַנומען, אַז עמיצער דעקט אים צוריק צו, עס איז אויסגעקומען, אַז די פאַרשאָלטענע קאָלדרע קריכט אַליין צוריק אַרויף אויף אים און אים איז אַזוי הייס! אַזוי הייס! אַך, ווען מען גיט כאָטש אַביסל וואַסער, אַ טראָפּן כאָטש!

און כאָטש געליגן איז ער אין אַריבער פערציק גראַד היץ, האָט אים נישט צורו געלאָזט דער געדאַנק, וואָס עס וועט זיין נאָכדעם. עפּעס ווי אַ זלידנע פליג איז אין זיין קראַנקן צעברענטן מוח אַריין געקראָכן דער געדאַנק וועגן די פּאָלגן וואָס די איצטיקע געשעעניש וועט ברענגען. עס האָט זיך ביי אים אין קאָפּ אויסגעמישט אַלץ אינאיינעם: זשאַנדאַרן, סיגוראַצע־אַגענטן, מיט שפּיצעכדיקע וואָנסעלעך און מעסערדיקע אויגן, וואָס פלעגן שניידן און שטעכן מיט זייער שפּיזיקע בליקן. ער האָט שוין געפילט ווי עס פאַלן איבער זיין רוקן צונויפגעדרייטע נאַסע שטריק, באַגלייט פון אַ טיוולאָנישן געלעכטער און סאַדיסטישן אויפגעשריי:

— נאַ! ט׳האָסטו דיר קאָנטראַבאַנד! — און ווי אַ שלאַנג אַ שווערע און גרויזאַמע, פאַלט איבערן רוקן אַ גומענער שטעקן...

ער האָט זיך מיטאַמאָל געגעבן אַ הויב אויף פונעם געלעגער און מיט דער געזונטער האַנט געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט זיך וועלן פאַרטיידיקן. ער איז אָבער מאַכטלאָז צוריקגעפאַלן און שווער געסאָפּעט אין קישן ריין.

סאַראַ, צוזעענדיק זיינע יסורים, האָט זיך צעיאָמערט אין דער שטיל. זי האָט זיך באַגעגנט מיט זיינע צעשראָקענע פון דער היץ צעצונדענע אויגן, וואָס האָבן אויף איר געקוקט מיט געבעט, און זי איז נאָך מער צעטומלט געוואָרן. זי האָט פון זיי אַרויסגעלייענט דעם קאָשמאַר וואָס האָט אים געפּייניקט — וואָס וועט זיין נאָכדעם?

**
*

דערווייל איז שוין דאָס שטעטל געגאַנגען אויף רעדלעך. געוועזן זענען אַזוינע, וואָס זענען אַ בעלן געווען זוכן דעם בלוט־סליאַד, וואָס נאָטע האָט נאָך זיך געלאָזט אויפן שניי, ווען ער האָט זיך אַרום דריי אַזייגער פאַרטאָג צוגעראַטשקעוועט צום שפּיטאָל. און ווירקלעך איז אויפן שניי געווען אַזאַ סליאַד און ליידיקגייער האָבן אים געשטודירט

און אַרומגערעדט, גלייך דאָס וואָלט געווען דאָס וויכטיקסטע פֿון דער פּאַסירונג.

צו מיטיק צו, איז פּיוול „די פּאַטש" אַרויסגעקומען מיט אַ וויכטיקער ידיעה:

— מ'עט אים גאָרנישט טון — האָט ער אַריינגעטעגהט אינעם רעדל ליידיקגייער, וואָס זענען געשטאַנען אין מיטן מאַרק און אַרומגערעדט די געשעעניש.

— ווער האָט דיר געזאָגט? — האָט עמיצער פֿון רעדל געפֿרעגט מיט אַזאַ טאָן, גלייך עס וואָלט אים דווקא נאָר געגאַנגען אין דעם, אַז נאָטע זאָל טאַקע האָבן אויף זיך אַ פּראָצעס.

— פֿונעם פֿינגער האָב איך עס נישט אויסגעזויגן, אַז איך זאָג, מסתמא ווייס איך — האָט פּיוול מיט פּאַרדרוס אָפּגעענטפֿערט.

אויפֿן צווייטן טאָג האָט מען זיידלען געבראַכט צו קבורה. אַרויפֿגעבראַכט האָבן אים אויף אַ פֿויערישן שליטן צוויי סאָלדאָטן פֿון דער דאָרפֿישער גרענעץ־וואַך. ער איז געלעגן איבערגעדעקט מיט אַ פֿויערשער געקווייטלטער וואַרעטע און זיין בויך האָט מאָדנע הויך אַרויסגעסטאַרטשעט. די סאָלדאָטן זענען געזעסן ווי פֿאַרגליווערטע סטאַטועס מיט די פֿנימער אויף הינטן און די לאַנגע פֿראַנצויזישע „ליובל"־ביקסן געהאַלטן אויפֿגעשטעלט צווישן די קני פֿון זייערע אַראָפּגעהאָנגענע פֿיס. עס האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן דעם דערשאָסענעם זיידלען געהיט ער זאָל נישט אַנטלויפֿן.

דאָס שטעטל האָט מאָדנע צעשראָקן צוגעקוקט ווי דער שליטן האָט זיך מיטן מת לאַנגזאַם געשלעפּט צום שטעטלשן טהרה־שטיבל. דאָס געשעעניש האָט נאָך מער צעטרייסלט די צעשרויפֿטע נערוון, וואָס זענען שוין אַזוי אויך געווען גענוג אָנגעצויגן. עס פֿלעגט נישט אַריבער קיין וואָך, אַז עס זאָלן נישט זיין קיין עטלעכע הרוגים. אויפֿן שטעטלשן בית־עולם זענען אַלעמאָל צוגעקומען פֿרישע ערד־ בערגלעך. דאָס זענען געווען מענטשן אומבאַקאַנטע, וואָס זענען געלאָפֿן פֿון יענער זייט דניעסטער פֿון די אוקראַיִנישע שטעטלעך, און האָבן זייער קבר געפֿונען אויפֿן נייעם הייליקן אָרט. מען פֿלעגט זיי דערשיסן אָן אונטערשיד פֿון עלטער און געשלעכט. איינמאָל האָט מען צוזאַמען אַרויפֿגעבראַכט אַן אַלטן גרייז־

גראָען ייִדן און אַ יונג ווייבל מיט אַ דריי־יעריק קינד. דער ייִד האָט געהאַט די באָרד אַ פאַרפּאַפּטע מיטן אייגענעם בלוט און זי האָט אויס־געזען, אין איר פאַרגליווערטקייט, ווי אַן אויסגעהאַקטע פון רויטן מירמל־שטיין; דאָס קינד האָט אויסגעזען ווי אין אַ רויִקן שלאָף. ווען נישט דאָס רויטע פאַרקילטע בלוט־שנירעלע, וואָס האָט זיך ביי דעם געצויגן פונעם שלייפל אויף אַרונטער צום האַלדז און נאַקן, וואָלט מען עס נישט געוועזן אָנגענומען פאַר טויט. דער מוטערס פּנים האָט דערציילט פון אַ גרויסן צער פאַרן טויט. ווייזט אויס, אַז מען האָט דאָס קינד פריִער דערשאָסן פאַר אירע אויגן.

נאָטען האָט מען גאָרנישט דערציילט. עס האָט געהייסן, אַז זיידל איז נישט דערהרגעט געוואָרן, נאָר עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו ראַטעווען. אויף דער פראַגע, ווו ער איז איצט, זיידל, האָט מען אים באַרויִקט, אַז ער געפינט זיך „אויף אַ זיכערן פּלאַץ".

ווען די היץ האָט ביי אים שוין געהאַט אָפּגעטראָטן, איז ער געבליבן ליגן אַן אָפּגעשוואַכטער פון דעם בלוט וואָס ער האָט געהאַט פאַרלוירן. ער האָט שוין געוווסט, אַז פאַרוווּנדעט איז ער אין צוויי ערטער: אין דער רעכטער זייט און אין אַקסל. מיט דער האַנט האָט ער נישט געקענט רירן און עס איז אים אויסגעקומען שרעקלעך אומבאַקוועם צו ליגן די גאַנצע צייט אויף איין זייט.

איינמאָל, ווען ער איז נאָכן דאָקטאָרס וויזיט פאַרבליבן מיט סאַראַן אויף פיר אויגן, האָט ער זיך געשעמט איר קוקן אין די אויגן, גלייך ער וואָלט עפּעס שולדיק געוועזן אין דעם גאַנצן אומגליק. ער האָט זי פונדעסט-וועגן צוגערופן און אַ באַצערטער געפרעגט:

— זיי זענען געוועזן?

סאַראַ האָט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט מיט זיין פראַגע און האָט אים באַרויִקט.

— זענען געוועזן, אָבער גאָרנישט געפונען. איך האָב אַלץ אַריינגע־וואָרפן אין הרובע אַריין.

נאָטען איז דערפון גרינגער געוואָרן אויפן האַרץ און ער האָט אויף איר פאַרלאַנג גענומען דערציילן אין אָפּגעהאַקטע זאַצן ווי אַזוי דער אומגליק איז געשען:

— וואָס האָבן מיר געזאָלט וויסן? מיר זענען געגאַנגען אויף זיכער. עס איז דאָך געווען ווי אויף דער האַנט, אַז מיר וועלן קיין שום פּאַטרול נישט אָנטרעפן. מיר האָבן זיך גענומען אַראָפּלאָזן מיט דער סטעזשקע, וואָס אויפן „ווייסן באַרג“. פון דאָרטן איז געווען אַ שפּאַן ביז אויף יענער זייט. דער דניעסטער איז געלעגן אַ פּאַרפרוירענער און גלאַט באַשנייטער און צו אונדז געווונקען. מיר האָבן אפילו געזען סמנים פון מענטשלעכע טריט, אָבער אײדער מיר קוקן זיך אום, דערהערן מיר אַ געשריי פון הינטער אַ סקאַלע אַרויס:

— שטיי! ווער איז דאָרט?

סאַראַ האָט אים אויסגעהערט מיט אַ געשפּאַנטן פּחד. זי האָט אים פונדעסטוועגן געבעטן ווייטער צו דערציילן, ווען ער האָט אַ שוואַכער און מידער פון רעדן איבערגעריסן.

— און וואָס איז ווייטער געווען? — האָט זי מיט אַ ציטערדיקער שטימע געפרעגט.

— ווייטער? דאָס ווייסטו דאָך שוין. מיר האָבן נישט באַוויזן אַ שפּאַן צו טון, ווען עס האָט גענומען קנאַלן פון דאָרטן. אַלץ איז פּאָרגעקומען בליץ־שנעל. זיידל איז באַלד אַוועקגעפאַלן און מיט אימפּעט זיך גענומען קייקלען אין דערבייאיקן יאַר אַריין. איך האָב נאָך געהערט זיין טויטלעכן יאָמער און נאָכדעם איז אַלץ שטיל געוואָרן. איך האָב דערפילט אַ ברי אין קערפּער און בין אַוועקגעפאַלן ווי אַ קלאָץ. נאָכדעם האָב איך געפילט ווי די סאָלדאַטן האָבן מיך געטאָרעט מיט די פיס. איינעם האָט זיך נאָר געוואָלט מיר אַריינהאַקן נאָך אַ קויל, אָבער דער צווייטער האָט אים דערפון אָפּגעשלאָגן.

— שוטה, דו זעסט נישט, אַז ער איז טויט. לאָז אים, אַ שאָד אַ קויל, ער וועט ווערן שוין דאָ פּאַרסטאַרטשעט ווערן ביז אינדערפרי. איך האָב נאָכדעם געזען ווי זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט מיטן ברעג. אין מיין צעטומלטקייט האָט זיך מיר רק געדאַכט, אַז זיי גייען אַריבער אויף יענער זייט דניעסטער. דער פּאַרפרוירענער טייך איז געווען איינס מיט דער יבשה.

סאַראַ האָט אים איבערגעריסן און ווייטער נישט געלאָזט רעדן. סיי ווי האָט זי שוין געשוידערט פון דעם וואָס ער האָט איר געהאַט דערציילט.

אויסער דעם האָט זי באַמערקט ווי נאָטע ערגערט זיך און ווערט דערפון פאַרמאַטערט. זי האָט אים צערטלעך אָנגענומען פאַר דער האַנט און געזאָגט:

— נו, פאַרפאַלן. וואָס געווען איז געווען, אַבי ביסט מיטן לעבן אַרויס. איצטער וועט מען זען וואָס עס וועט ווייטער זיין.

— וואָס האָט צו זיין? — האָט נאָטע אָן אַנטשלאָסענער געזאָגט — מיר וועלן מוזן אַנטלויפן. פאַר יעדן פרייז וועלן מיר עס מוזן טון. דאָ פאַר־בלייבן האָט קיין זין נישט, אויסדרייען זיך פון זייערע הענט וועט מען זיך סיי ווי סיי נישט קענען. און וואָס טאַקע וועל איך מיך דאָ ארומדרייען ווי אַ לעבעדיקער מת אין שטעטל? זעסט דאָך, אַז דאָ איז נישטאָ וואָס צו טון. מיר גייען איין פון טאָג צו טאָג. וואָס־זשע קען שוין זיין ערגער ווי אָן אַ באָדן אונטער די פיס? — האָט ער זיך ווי געבעטן ביי איר.

סאַראַ האָט אים גאָרנישט געענטפערט. וואָס זאָל זי אים געווען ענטפערן. זי האָט גוט געקענט די לאַגע. און סיווּי: מענטשן וואַרפן זיך נישט אין פייער אַריין אויס פאַרגעניגן — האָט זי געטראַכט — דער חלף איז געווען אויפן האַלדז. איי דער אומגליק? איינשטעלן האָט מען געדאַרפט און אַז מען איז איינמאָל דורכגעפאַלן וועט מען זען וואָס מען האָט ווייטער צו טון. אַנווערן איז נישטאָ וואָס. אָבער ווער ווייסט וואָס עס וועט נאָך געשען ביז עס וועט צו דעם קומען.

נאָטע האָט איר איבערגעריסן דאָס טראַכטן מיט אַ פראַגע:

— וועסט גיין מיט מיר, סאַראַ?

עס איז איר באַפאַלן אַ רויטקייט, נאָכדעם איז זי בלייך געוואָרן, זי האָט געפרעגט:

— אַנטקעגן וואָס פרעגסטו, נאָטע, צי איך וועל גיין?

— אַליין וועט זיין אומהיימלעך. וועגן זיידלען, כאָטש מען האָט מיר נישט געזאָגט, ווייס איך דעם אמת. פון אַזאַ פאַלן ווי זיינס, מיין טייערע, בלייבט מען מער נישט לעבן — אָרעמער זיידל!

פעסיע האָט געזעצן ווי פון זיינע האַלב־צוגעמאַכטע ווי:עס האָבן זיך געגומען אויסטיילן אַ פאָר גרויסע טרערן. וואַרעמע אַזוינע, קלאָרע ווי צווייי פערל. איינע האָט זיך לאַנגזאַם געצויגן איבער זיין בלייכער באַק און געפאַלן אויפן ציכל פונעם קישעלע, און די צווייטע האָט זיך פאַר־

קליבן אין מויל־ווינקל צווישן די ליפּן, וועלכע ער האָט אָפּגעווישט אין דער קאָלדרע.

— פאַרשטייסט דאָך — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן — אַליין האָט איצט קיין זין נישט און בלייבן דאָ, צו וואָס? זעסט דאָך, אַז דאָ איז נישטאָ וואָס צו טון. מען דאַרף אַנטלויפן!

זי האָט באַלד נישט געענטפערט. זי האָט כלומרשט גענומען פאַריכטן דאָס קישן און ווען זי האָט זיך איבער אים איבערגעבויגן, האָט זי מיט אַ שטילן, אָבער אַנטשלאָסענעם קול, אים אַרײַנגערוימט אין אויער:

— מיט דיר וועל איך גיין!

***

פונדרויסן האָט דורכן גרויסן שפּיטאָל־ פענצטער אַ ווינטערדיקע נאָכמיטיק־זון וואָס האָט געהאַלטן אין אַראָפּלאָזן זיך צו מערב־צו, אַרײַנ־געשיקט אירע שטראַלן. הינטערן פענצטער האָט זיך געהערט דאָס צוגע־געסענע פּישטשען פון די פייגעלעך, וואָס האָבן עפּעס געגנישטערט אין שניי. אין אַ צווייטער פּאַלאַטע פונעם שפּיטאָל איז עפּעס אַ מעטאַלענע כלי אַראָפּגעפאַלן מיט אַ שרעקלעכן טראַסק און דאָס ווידער־קול האָט אָפּגעקלונגען איבערן גאַנצן פּאַוועליאָן. הינטערן סאַמע פענצטער פונעם צימער ווו באָטע איז געלעגן, האָט פאַרבײַגעשוועבט אַ שליטן־געשפּאַן מיט גלעקלעך, וואָס האָבן מעטאַל־פרײלעך געקלונגען. אין דער דעמערונג פו־נעם פאַרגייענדיקן טאָג האָט זיך איבערן פאַרווונדעטן באָטען אַראָפּגעלאָזט אַ גלעטנדיקע רו, וואָס האָט אים ווי עפּעס פאַרלײַכטערט זײַנע פיזישע יסורים. ער איז שטיל געלעגן און געקוקט אויפן מיידל, וואָס האָט אים נאָר וואָס געזאָגט די פּאָר ווערטער וואָס האָבן אים נאָך געקלונגען אין די אויערן.

— מיט דיר וועל איך גיין.

און זי, סאַראַ, האָט אַ שטילע און פאַרטראַכטע געקוקט אויף דער צערויטלטער זון, וואָס האָט זיך געקליבן אין איר באַנאַכטיקן געלעגער אַרײַן נאָך אַ פראָסטיקן טאָג.

פאַרטייטשונג פון פרעמדע ווערטער

טאַזשער — וואַרשטאַט

גאַלפּאָן — שאָפּע, באַראַק

שקיוו — טראַנסמיסיע־ראָד

קאַפּאַטאַז — אויפזעער

פּעאָן — שוואַרצאַרבעטער

קעבראַטשאָ — נאָמען פון אַ בוים

לאַפּאַטשאָ — נאָמען פון אַ בוים

עלעוואַטאָרס — מעכאַנישע אָנלאָדונגס־איינריכטונגען

זשערבע — געטריקנטע בלעטער וואָס מען נוצט פאַר אַ געטראַנק

מאַטע — אַ געטראַנק אין דרום־אַמעריקע

כובילאַציע — אויף פענסיע

קאָסעטשע — גערעטעניש, שניט

רעמאַטע — ליציטאַציע

אַוועגידאַ — ברייטע גאַס, אַלייע

טשאַקרע — ערד־נחלה

„קלאַפּער" — גאַסן־פאַרקויפער

קאַמפּ — לאַנד־נחלה

אַלפּאַלפּאַ — פּאַשע־גראָז

קוענטעניק — סוחר וואָס פאַרקויפט אויף אויסצוצאָלן

טשאַטע — פורערשער וואָגן

נאָווישאַס — יונגע אָקסן

באָמבאַטשעס — ברייטע פּויערשע הויזן

טיטולאָס — אייגנטום־פּאַפּירן

סולקי — צווייַרעדלדיק, לייכט וועגעלע

פּאַגאַרייען — וועקסלען

דעסאַלאָכאָ — עקסמיסיע

מעלענע — אונטערגעשוירענער פרויען־פאַרקעט

קיניעלע — פאַרבאָטענער לאָטעריע־שפּיל

קומפּלעאַניאָס — געבורטסטאָג

קאָמפּאַדרעס — אומדערצויגענע יונגען

קופּטיאָר — אַ קליין פענצטערל

פּאַלשעס — אַן ערד־שטח אויף מאָל־דאַוואַניש

גאָספּאָדאַר — רייכער פּויער

דאַסקאַל — שמש פון קלויסטער

פּראַשעווען — יעטן, אַרומשאַרן

שירטע — אַן ערד־שטח אויף מאָלדאַוואַניש

פּאַפּשויעס — מאַיס, קוקורוזע

סטינע — פּלאַץ וווּ מען האָדעוועט שאָף

פּודול — גדלן, בעל־גאווה

אַנימאַלעס — בהמות, פי

פּלאַסע — סקווער, עפנטלעך פּלאַץ

טאָרמענטע — שטורעמווינט

בראַסעראָ — פייערטאָפּ

טראַכע — אָנצוג

„לאָקש" — איטאַליענער

פּאַקטורע — קויף־רעכענונג

קע דעסעאַבאַ? — וואָס פאַרלאַנגט איר?

סעניאָר מיאָ — מיין הער

דיסקולפּע — זייט מוחל, אַנטשולדיקט

סיגוראַנצע — רומענישע געהיים־פּאָליציי

Este libro se terminó de imprimir el día
veinte de Marzo de 1953, en los
Tall. Gráf. Zlotopioro Hnos.
G a s c ó n 1 2 3 1
Buenos Aires

דרוקעריי ברידער זלאָטאָפּיורא — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס איירעס

FALIC LERNER

EN TIEMPOS AGITADOS

(IN UMRUIKE TZAITN)

●

BUENOS AIRES, 1953